STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00819

LETSTE LIDER

Jacob Isaac Segal

Permanent preservation of this book was made possible by
James Morgenstern
in memory of
Isaac & Fannie Morgenstern

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. סיגאל

לעצטע לידער

אַרויסגעגעבן פון דער י. י. סיגאַל־פונדאַציע מיט דער מיטהילף פון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס.
מאָנטרעאַל, 1955

J. I. SEGAL

LETZTE LIEDER

Copyright, Canada, 1955

Mrs. J. I. Segal
3821 Ridgevale Ave., Apt. 10
Montreal, Canada

הילע געצייכנט פון יחיאל שיינבלום

Printed in Canada
by NORTHERN PRINTING & LITHOGRAPHING CO.
Montreal, Canada
27

אַ צייט פֿאַר זיין פּלוצלינגדיקער פּטירה האָט י. י. סיגאַל ע״ה זיך געגרייט אַרויסצוגעבן אַ נייַ בוך לידער. ער האָט זיך געהאַט דורכגערעדט מיט אייניקע נאָענטע פריינט וועגן געוויסע רעדאַקציאָנעלע פּרטים — צווישן זיי, וועגן דעם נאָמען פֿאַר דער געפּלאַנטער זאַמלונג. צווישן די כתבים אויף זיין שרייבטיש איז געבליבן אַ געצייכנטער שער־בלאַט, וואָס לייענט זיך: י. י. סיגאַל — ר׳ יעקב יצחק הלוי, לידער. (ס׳זיינען געבליבן אַ צאָל לידער, וואָס ער האָט געצייכנט מיט דעם נאָמען ר׳ יעקב יצחק הלוי, ווי אַ פּען־נאָמען.)

נאָך פֿאַרן סוף פֿון שלשים איז זיך צונויפגעקומען אַ גרופּע פריינט זיך האַלטן אַן עצה ווי אַזוי צוצוגרייטן דעם באַנד לידער צום דרוק. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער ענין איז אַ סך קאָמפּליצירטער ווי מען האָט געמיינט. ס׳האָבן זיך געפֿונען פילע פּעק מיט לידער — אַ סך מער ווי טויזנט לידער אין צאָל — אין פֿאַרשיידענע שטופֿן פֿון דרוק־גרייטקייט. ס׳זיינען געווען אַ סך לידער איבערגעשריבן אויף ריינעם; אַ צאָל פֿון זיי אפילו אַריינגעלייגט אין קאָנווערטן מיט אַן אַדרעס אויף צוריק, גרייט צום אַוועקשיקן. מערסטע לידער זיינען געווען געשריבן מיט אַ בליישטיפט, און ס׳איז מעגלעך, אַז י. י. סיגאַל האָט בדעה געהאַט אַ צאָל פֿון זיי נאָך צו באַאַרבעטן.

ס׳איז צוערשט געפּלאַנט געוואָרן, אַז די לידער זאָלן פֿאַרטיילט ווערן צווישן אַ גרופּע קאָלעגן, וועלכע זאָלן רעקאָמענדירן זייער אָפּקלייב ביי זיצונגען פֿון דער גאַנצער גרופּע. דאָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן ווי אומפּראַקטיש און די אונטן־געצייכנטע איז אַנפֿאַרטרויט געוואָרן די פֿולע רעדאַקציע פֿון בוך.

די פֿאָלגנדע פריינט האָבן געלייענט לידער און געבראַכט זייערע רעקאָמענדאַציעס פֿאַר דער רעדאַקציע: אסתר סיגאַל־שקאָלניק, איידע מאַזע, מלך ראַוויטש, הערץ גראָסבאַרט, ישראל ראַבינאָוויטש און שמשון דונסקי. אָט די פריינט האָבן דערלויבט דעם רעדאַקציע־קאָלעגיום צו טאָן מיט די פֿון־זייער אָפּגעקליבענע לידער ווי זיי וועלן געפֿינען פֿאַר נויטיק. די אונטן־געצייכנטע האָבן געלייענט אַלע לידער, סיי די וואָס זיינען פֿון די קאָלעגן רעקאָמענדירט געוואָרן פֿאַרן בוך און סיי די, וואָס זיינען פֿון זיי אָפּגעלייגט געוואָרן. זיי דריקן דערביי אויס זייער פֿולסטן דאַנק צו די חברים, וואָס האָבן געלייענט די לידער, באַטאָנענדיק דערביי, אַז די אונטן־געצייכנטע טראָגן די פֿולסטע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דעם אויסוואַל אין דעם בוך. ביי דער גרויסער שפּע פֿון איבערגעבליבענע לידער וואָלט יעדער אַנדערער רעדאַקציע־מעטאָד געווען פֿאַרצויגן דאָס אַרויסגעבן דאָס בוך אויף אַן אומבאַשטימטער צייט.

די רעדאַקציע מיטגלידער האָבן זיך געפֿונען אין אַ גרויסער פֿאַרלעגנהייט, מחמת זיי האָבן געמוזט אָפּלייגן אַ שלל מיט לידער, וועלכע וואָלטן, לויט זייער מיינונג, געדאַרפֿט געזאַמלט ווערן אין אַ בוך. דערצו ווייזט זיך איצט אַרויס, אַז ס׳זיינען נאָך פֿאַראַן פילע הונדערטער לידער, וועלכע זיי האָבן ניט

געזען, איידער די איצטיקע זאַמלונג איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן. ס׳איז דעריבער גאָר מעגלעך, אַז ס׳זאָל נאָך מיט דער צייט אַרויס אַ צווייטער באַנד פון די „לעצטע לידער״.

אויף וויפיל ס׳איז אונדז באַקאַנט האָט זיך י. י. סיגאַל נוהג געווען ניט איבערצודרוקן אין זיינע לידער־זאַמלונגען לידער, וועלכע ער האָט געהאַט פאַרעפנטלעכט אין צייטונגען און צייטשריפטן. די איצטיקע רעדאַקציע האָט זיך שטרענג געהאַלטן ביי דער טראַדיציע, אַ חוץ נאָר, וואָס זי האָט אין משך פון דעם יאָר זינט י. י. סיגאַלס פּטירה איבערגעגעבן דער רעדאַקציע פון „קענעדער אַדלער״ לידער, צום דרוקן וועכנטלעך אין דער צייטונג, לויט אַן אָפּמאַך צווישן דער פאַרוואַלטונג פון דער צייטונג מיט דער משפחה פונם נפטר. די צייטונג האָט פון צייט צו צייט געהאַט צוטריט אויך צו אַזעלכע לי־דער, וועלכע די רעדאַקציע מיטגלידער פון דעם בוך האָבן נאָך ניט גע־האַט געזען.

א וואָרט וועגן די פּלענער פאַר ווייטערדיקע פּובליקאַציעס.

נאָך שלשים איז פאָרמירט געוואָרן אַ גרעסערער י. י. סיגאַל פונדאַציע־קאָמיטעט. דער קאָמיטעט האָט אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו די אומצאָליקע פאַרערער פון דעם פאַרשטאָרבענעם דיכטער, סיי אין זיין היימשטאָט מאָנטרעאָל און סיי אויסער דער שטאָט. דער אָפּרוף איז געווען אַ גאַנץ דערמוטיקנדיקער. דער קאָמיטעט פּלאַנעוועט צו פאַרעפנטלעכן מיט דער צייט, נאָך דעם איצטיקן באַנד, די פאָלגנדע ביכער: אַ באַנד פּראָזע — ליטעראַטור־קריטישע אַרבעטן, קאַפּיטלען פון אַן אויטאָביאָגראַפיע און אַ צאָל געקליבענע עסייען; אַ י. י. סיגאַל אַנטאָלאָגיע — אַן אָפּקלייב פון די רעפּרעזענטאַטיווסטע לידער, וואָס געפינען זיך אין די עלף געדרוקטע בענדער און אין צייטשריפטן און זאַמל־ביכער; אַ באַנד געקליבענע קינדער לידער. דער קאָמיטעט פּלאַנעוועט אויך אַרויסצוגעבן מיט דער צייט אַן אָפּקלייב פון סיגאַלס לידער אין אַ העברע־אישער איבערזעצונג און אין אַן ענגלישער איבערזעצונג.

מיט דעם אַרויסגעבן דאָס איצטיקע בוך הויבן מיר אָן מקיים צו זיין אונדזער אַנטשלאָסנקייט אויפצוהיטן און טייער צו האַלטן די ירושה פון יעקב יצחק סיגאַל ז״ל.

רעדאַקציע־קאָלעגיום:

שלמה וויסמאַן.
מרדכי חסיד.

ב׳ אדר, תשט״ו,
ערשטער יאָרצייט.

לעצטע לידער

טאָגבוך

כ׳מאַך זיך גרייט פאַרן לויטערסטן שווייגן
מיט די רואיקע שטילע פיר ווענט.
נישט הכנעה, נישט איינגעבויגן,
ניט פון שרעק, ניט פון קלאָרקייט פאַרבלענדט.

באַלד שוין אָפּגעריכט אַלע געבעטן,
און וואָס כ׳האָב ביז איצט ניט דערגרייכט
טרעט צוריק — די שעה די שפּעטע
פאַרשטילט און פאַרבלייכט.

וויל נישט מאָנען, אויך נישט דערמאָנען.
כ׳מאַך אַ קליינעם סך-הכל מיט זיך:
וואוהין? כ׳ווייס אַליין ניט. פונוואַנען? —
פון ערגעץ אַ גוטער שליח.

נאָר די בשורה האָב איך האַלב פאַרגעסן
און אזוי האָב איך יאָרן און טעג
ווי אַ גר זיך פאַרזאַמט, פאַרזעסן,
און קלעפּ ווי אַ שטיין דאָ ביים ברעג.

איך פּרואוו זיך דערמאָנען די בשורה,
און טאַפּ אין דער הוילער בלינד.
ס׳פאַלט אַרונטער פון צונג אַ שורה, —
אַ גאָלדענער פונק אויפן ווינט.

☆

לייג אַוועק דיין פען...

לייג אַוועק דיין פען לעבן טינטער
ווי אַ כישופדיק שטעקל, ביזט מיד,
דער זילבערנער פליגל פון ווינטער
פלאַטערט ליכטיק אַריבער דיין ליד.

דאָס אויפהערן איז נישט אַזאַ עונש,
און מען מעג אויף זיך נעמען אַ שטראָף,

די ליכטיקסטע, שענסטע גאונות
איז די וואָס דערגייט נישט צום סוף,

און וואַרפסט זיך אַוועק אינדערמיטן
אויפן עלנטן לאַנגווייל פון וועלט.
האָסט איין גאָלדענעם זומער געשניטן
אויף דיין וואונדערלעך באַרגיקן פעלד.

איז גענוג, גענוג זיך פאַרגונען
אויף אַן ערד, וואו די אָרימקייט וויינט
ביי אַ ליידיקן דנאָ פון אַ ברונעם,
ביי אַ גאָט וואָס איז געוואָרן אַ שטיין.

וואַרף אַליין זיך אַוועק אויפן מיטוועג
און מינער אַליין זיך דיין גאָב,
און בויג פאַר דער געפאַלענער נידער
דיין געזאַלבטן באַקרענצלטן קאָפּ.

☆

צונויפגעלייגט די הענט ווי פליגל

צונויפגעלייגט די הענט ווי פליגל,
ליג רואיק, רואיק און בין גרייט.
ער קומט און נעמט מיך אויף זיין פליגל
און ברענגט מיך אויפן באַרג פון טויט.

איך ליג. די זון אין קאַלטן שווייגן
איבער מיין רואיקן שמאָלן גוף.
פון מיינע צוגעמאַכטע אויגן
אַ לעצט און ריין געבעט גייט אויף:

דו וועסט שוין מערער ניט באַרירן
מיט פיינען מיין פאַרפייניקט לייב.
דו וועסט שוין מיינע טריט ניט פירן
אין וועגן וויסט, און שטויב און לויב.

ווּעסט לעבן מיר אין טויט פֿאַרבלייבן,
אַרומגענומען געטריי און שטאַרק,
אונטער דער קאַלטער זון פֿונאויבן
איבערן קאַלטן שטיין פֿון באַרג.

☆

קומט אַ פֿרעמדער . . .

קומט אַ פֿרעמדער און ער פֿרעגט מיך:
ווי האָסטו פֿאַרווענדט דיין לעבן?
ענטפֿער איך: איך ווייס אַליין ניט.
זינדיק בין איך, שולדיק בין איך,
און איך וועל זיך ווי אַ נאַריש אינגל אַלץ מסתּמא
ראַנגלען מיטן טונקעלן שליח,
וואָס וועט קומען נעמען מיך צום שפּעטן גרעניץ.
זע, וועל איך אים ווייזן אויף מיין טאָגבוך,
וואו איך האַלט ערשט מיט מיין ווידוי.
און איך וועל מסתּמא באַלד זיך כאַפּן
אַז ס'איז לאַנג שוין שפּעטער אָוונט
אינם לאַנד פֿון מיינע לידער,
און אַנטשוויגן ווערן.

נאָר ביי זיך וועל איך דאָס שווערסטע וויסן,
אַז איך האָב מיין טאָג, מיין שעה,
ווי אַ פֿאַרבלוטיקטע, פֿאַרצוקטע שאָף
פֿון די ציין פֿון גורל אָפּגעריסן.
אַז איך האָב מיט זיך געקנעלט
אַ בייזן, לאַנגן פּרק מוסר,
און זיך זייער ווייניק אויסגעלערנט.
כ'האָב נישט וואָס צו אָנזאָגן דאָ קיינעם
ווי אַזוי זיך גרינגער ראַנגלען מיטן דאָרן,
וואָס שטעקט אין יעדנס לייב און לעבן.
נאָר איך בין אַביסעלע צופֿרידן,
וואָס איך זע דורך מיינע פֿענסטער
אויסלייגן זיך ברייט און ווייט דעם אָוונט.

אָונט-שפּעטקייט אין מיין ישוב,
און די מענטשן פון מיין דור,
אַלע טרעטן מיט דער אָונט-שפּעטקייט מידע —
בין נישט אַליין אין אַט-דער טונקעלער שעה.

☆

דו מיינסט אַז ער קומט שוין נישט טאַקע...

דו מיינסט אַז ער קומט שוין נישט טאַקע
דער טייערער טאַטע — דער גלויבן.
ער קומט נאָך צוגאַסט צו אונז, טייערער.
ער קומט מיט אַ ביכל פאַרגאָלדיקטע זיכרונות,
ער קומט מיט אַן אַלטן, שוין-צעריסענעם סידור,
ער קומט מיט דער שוועסטערס מחיהדיקע לידער,
די לידער פון פאָלק און פון גאָלדפאָדן.

ער קומט נאָך, דער טאַטעדיקער גלויבן
און זאָגט מיר אין אויער מיט שמייכל: וואָס אַרט דיך?
זאָל זיין ביזט נאָך יאַנקל דאָס אינגל
וואָס האָט זיך פאַרזאַמט ערגעץ דאָרט
אין אַ שיינעם בלוי-זומערדיקן קאַריצער טאָג,
און איז נאָך נישט געוואָרן יעקב יצחק,
און איז נאָך נישט געוואָרן יוד יוד.
דו מיינסט אויף אַן אמת, אַז איבערמישן יאָרן
איז שווערער ווי איבערבלעטערן ספרים?
פאַראַן אַזאַ גבורה וואָס קערט אום זיך צום נעכטן
אַזויווי צו די פריערדיקע סדרות פון חומש.
סאַראַ גאָלדענער ניגון דער קינדער-בראשית,
די סדרה של פרילינג צעפינקלט, צעיינגלט דעם ניגון.
דו מיינסט אַז דער חומש מיט די ליכטיקע סדרות
איז אונז נישט געווען אַ גינגאָלדענער ברונעם,
אברהם אבינוס גינגאָלדענער ברונעם, —
זיין ליכט קוועלט נאָך איצטער אין אונזערע אָדערן.

איך הייס אים, דעם טאַטעשן גלויבן,
פאַר טשיקאַוועסט אַ קוק-טאָן אין פענסטער,

און זען וואָס עס טוט אויף דער וועלט זיך.
ער גייט צו צום פענסטער פּאַמעלעך
און ציט מיט גרויס שטילקייט אַרונטער דעם פאָרהאַנג:
וואָס דאַרפסטו דאָס פענסטער?
וואָס דאַרפסטו די וועלט דאָרט?
זאָל זיין אַ פּאָר שעה אָן די גאַסן.
אַ טייערער פּרוכת — דער פאָרהאַנג,

אַ הייליקער גרעניץ.
דאָרט, פוניענערזייט איז אַלט-היינט,
און פונדערזייט גייט אויף דער ניי-נעכטן.
דאָרט פוניענערזייט פאָרהאַנג איז אַ שטורעם,
עס האָגלט מיט טויט און מיט קברים.
לאָמיר איבערוואַרטן דעם שטורעם.

איך זאָג אים ווידער, דעם טאַטעשן גלויבן:
הער ווי די סכנה קלאַפּט אין אונזערע שויבן,
זי שפּאַרט זיך אָן מיט דער שווערער בהלה,
לייגט זיך אָן — אונזער הויז אומצואוואָרפן.
לאָמיר ביידע אין דער וועלט זיך אַרויסלאָזן, טאַטע.
ער איז צאָרן פון אונזער צער, דער שטורעם,
איך הער ווי מען רופט אונזער נאָמען.
ער איז ווייטיק פון אונזער גזר, דער שטורעם.
זיין בלוטיקער פליגל טוט קלאַפּן און קלאַפּן
איבערן קאָפּ פון אונזער דור, טאַטע.
מיר קאָנען זיך נישט באַהאַלטן, טאַטע.

שווייגנדיק בלייבט דער טאַטע-גלויבן,
שאָטנס נעמען וואָגלען איבער זיין פּנים.
אָדערדיק צעזיגזאַגט זיך דער בליץ-געקריץ
דורכן פאָרהאַנג און פאַלט אויפן טאָוול פון דער וואַנט.
און מעכטיק טוט דער דונער זיך אַ וואָרף און צעברעכט
דאָרט פוניענערזייט דעם רוקן פון דער וועלט.
צעברעכט דאָרטן דעם רוקן פון דער וועלט.

דער טאַטע גלויבן שאַרט אין ווינקל זיך אַוועק,
דאָס פּנים אין די אָרעמס פאַרשטעלט.

לעצטע לידער

באַוויליק...

באַוויליק מיר, גורל, דאָ אין ענגשאַפט פאַרבלייבן,
מיין עלנט, מיין טרויער פאַרענדיקן.
איך וויל נישט קיין העכערן זכות פון מיין טאַטן.
ביי מיין מאַמעס בערגל וויל איך אָפּרוען.
אַרום איר קבר שטייט אַ פּאַרקנדל איידעלע שטאַכעטן,
פאַראַיאָרן האָט עס דער קברן העל אָפּגעפאַרבט
מיט אַ בלוי וואָס דערפרייט ווי דער הימל.
כ׳האָב דאָרט ליב אויפן טויערל זיך אָנלענען
און הערן ווי עס אָטעמט פון שלאָף איר שמאָל בערגל.
גרינגראָז און עטליכע אָרימע ווייסקוויטלעך
יאָרצייט-געבלי און שטיל זומערליכט.

טאָל אַרונטער פון מיין מאַמעס בערגל
וועל איך איינהאַנדלען פאַר זיך אַ שטיקל אַרט,
(אַ נחלה רו פאַר איר זון דעם אומעטיקסטן און לעצטן.)
איך בין אַרויסגעגאַנגען פון די גרעניצן פון משפּחה-געזינד
מיט אַן יינגלדיקער גאווה הויך געוואָלט אַרויפהויבן איר שם
איבער דער ברייטער קייסער-גאַס וואָס קרייצט צו אַלע עקן וועלט.
קיינער פון די עלטערע ברידער מיינע האָט ניט אַזוי פאַראומרואיקט
אונזער אַלט-פּשוט הויזגעזינד ווי איך — אַ ווינט
וואָס וויל פון זיך אַנטלויפן און פאַרפּלאָנטערט זיך
אין אייגענעם שאָטן, וויסט און בלינד.

איך פאַל אַמאָל מיין אייגענעם עלנט אויפן האַלז אַרויף:
אָ, ראַטעווע מיך פון מיין אייגענעם פּלאָם אַרויס.
באַפריי מיך פון צעריסנקייט אין אַזאַ הוילער, פרעמדער וועלט.
בלאָז אַרונטער פון מיין קאָפּ דעם שפּינוועב-ספּאָדיק פון אַן איידעלן העלד.

אַמאָל פאַרטראַכט איך זיך: פאַראַן אַ גוטגעמיט וואָס רוט
אויף דער ירידה און אין גרענעץ פון געפאַלענע;
אַן ערליכקייט וואָס וויל קיין אוצר פון גאָטס האַנט אפילו ניט —
די אין-זיך פאַרלאָרענע, פון-זיך פאַרפאַלענע.

יעקב יצחק הלוי

כ׳וויל זיך נישט יחוסן פאַר קיינעם
נאָר כ׳האַלט זיך שטאַרק אַן אין מיין שטאַם, —
אַן אָרים הויז, אַ גאַס מיט שכנים,
אויף פּנימער צער, אין הערצער — סם.

נאָר ס׳האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן
דער גוטער חסד פון אַ וואָרט
זאָל אַלע גזרן און אַלע שטראָפן
אַ ווייל נישט אָפּטרייבן פון דאָרט.

דערפאַר איז מיר אזוי נאָענט, אייגן,
דער זיסער טעם פון אמת׳ער פרייד,
וואָס קומט זיך אָפּט אַוועקצולייגן
ווי פריע זון ביים זוים פון מיין קלייד,

און וואַרימט, וואַרימט דעם דיל דעם קאַלטן
און ליכטיקט אויף די גראָ פון הויז,
און זינגט מיר: כ׳וועל דיך דאָ דערהאַלטן
מיין גוטער יעקב, ביז די גרויס

פון אַלע קלייניקייטן וועלן
פאַר יעדן ווערן דאָ דערקענט,
די הייליקייט פון אַלע שוועלן,
די היימליכקייט פון אַלע ווענט

און מען וועט וויזן אין די געמאַרקן
פונוויטנס אויף דיין שמאָל געשטאַלט:
דאָס איז דער מאַן וואָס האָט געשטאַרקט דאָ
און מיט זיין פּשוטקייט באַשטראַלט

אַלץ וואָס איז אין דער זאַמדיקער נידער
געלעגן אויסגאַנגלאָז און מיד.
ס׳איז אַלץ פאַרשריבן אין זיינע לידער,
און אַלץ וואָס ווערט פאַרהיט אין ליד

בלייבט שטאַרק, ווי אין אַן אייביקער כלי —
דאָס ווייסט דאָך איטלעכער פּאָעט.

וואָס קאָן דאָס שטומסטע אַמאָל דערציילן
און איינשטילן מיט זיין ריין געבעט

דאָס טרויעריקסטע און דאָס בייזסטע,
און דאָס צעשאַרבנסטע, שטויב און אַש,
דערפירן צו דער רו פון טרייסטונג,
און ער ווערט — דער תיקון פון דער גאַס

און זעט איבער די שפּל׳ע הייזער,
די תמימות, וואָס אַ קינדערשער בליק
דערזעט אין אַנדערסענס אַ מעשה,
וואו ס׳קומט פון בלאָנדזשעניש צוריק

דאָס גליק מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס
און אַלץ ווערט גוט און וואויל און פיין.
וואָס דאַרף אַ מענטשלעך האַרץ אַן אָרעמס?
איין רגע נאָר נישט-אָרים זיין.

☆

אומרו

וואָס יאָגסטו מיך אַרום אין גאַס
און טרייבסט מיך ווי אַ שד
פון מיינע שטוביקע דלד-אמות.
הייל אויס די וויסטע אומרו פון מיין לייב
און מיין נשמה לערן צוטרוי צו די אַלע
וואָס כ׳בין אין זייער ענגן טונקעלן רשות אַריינגעפאַלן.
ס׳האָט יעדע היימישקייט צו זיי
זיך אויסגעלאָשן, אָפּגעטאָן פון מיר.
כ׳האָב מורא פאַר זייער בליק,
פאַר דער נדיבות פון זייער האַנט,
פאַר זייער וואַנט און טיר.
בלייב דאָ כאָטש אַ פאָר קליינע טעג
מיט מיר דאָ אין די שאָטנס פון מיין שטוב.
לייג ברודעריש דיין האַנט מיר אויפן אַקסל שטיל:
היינט האָבן מיר געשלאָסן שלום

מיט דער גאַנצער וועלט און שטאָט.
קיין הונט וועט זיך נישט אויפקווילן פון דרימל,
קיין שטערן — זיך נישט אָפּרייסן פון הימל.
היינט פּראַוון מיר אַן אָוונטיקע סעודת-אחים
זאָל זיין לכבוד׳ן יאָרצייט פון ר׳ נחמן.

זע ווי ווייס, ווי שבת׳דיק דאָס ברויטל ליכטיקט,
וואָס פאַר אַ הייליק בלוי עס אָוונט׳ אין די פענסטער. —

דער הייליקער יאָרצייט פון ר׳ נחמן.

☆

אַ ג ו ט ס ק י י ט

אָ, גוטסקייט, האָסט דיין זיסן ברויט
געגרייט איבער מיין קאַלטן טיש.
און אין מיין וויסטן טאָג געבראַכט
דיין שוועל פון רו פאַר מיינע פיס.

איך בין געווען דיין קלענסטער זון
וואָס האָט קיין מזל ניט געהאַט;
קיין שאָטן פרייד, קיין ווינקל רו
און ניט קיין קרישל ברויט צו-זאַט.

האָסט מיר דיין בענטשונג נאָכגעשיקט,
נאָר אויף מיין שווערן נע ונד,
האָט זי דער רויער ווינט פאַרווייט —
אַ קראַנק פאַרבלוטיקט אָסיען-בלאַט.

און אָפּגעשליסענער וואָס-אַמאָל
האָב איך צו דיר זיך אומגעקערט
פון דער דערווייטערטער, פרעמדער וועלט,
פון דער פאַרשאָלטענער, קאַלטער ערד.

האָסט נישט געפרעגט: פונוואַנען? וואו?
דו האָסט אַליין געוואוסט מיין סוד,
אַז כ׳האָב דער שיינקייט אָוועקגעשענקט
דיין גוטע ליבשאַפט און דיין גנאָד.

און אַלע מײַנע יאָר־און־טעג
געוואָרפֿן פֿאַר איר טראָט אין שטויב,
בלויז פֿאַר אַ שמייכל פֿון איר ברעם,
אַ פֿרישן אָטעם פֿון איר לײַב.

אַ גרינגגן אָנריר פֿון איר האַנט
איבער מײַן אַקסל: גיי געזונט. —
איבער דער ליידיקער פֿעלדער־גרויס
אַ גראָער אָפּגעלאָזענער הונט.

☆

װ ו י ז י ע

כ׳האָב אויך אַמאָל געהאַט מײַן גוטן טאָג,
מײַן שײַנעם און מײַן יונגן יומטוב.
איך ווייס דעם שאַרפֿן און געשמאַקן טעם
צו האָבן איבער זיך אַן אײדעלן ניצחון.
כ׳ווייס אויך די טמא פֿרייד איבער אַ צווייטנס קאָפּ
אין טעג פֿון אויסדערוויילטן מזל —
צו הויבן הויך דעם אַקסל אין דער זון
איבערן שכנס נאַקן — חרוב־אײַנגעבראָכן.

און דו? און ער?
ווער פֿון אונז געדענקט זיך נישט אַמאָל —
אַ רשע אין אַ פֿינקלענדיקער קרוין.
אַ טאָג און אפֿשר מער אַ שעה
און ס׳איז די גאַנצע וועלט געווען מײַן נחלה.
כ׳האָב זיך געראַטעוועט פֿון אָט־דער וויסטער מחלה
ווען ס׳האָט דער קאָריצער אַ פּאָטערליכער און אַ ליכטיקער
געוויזן זיך אין חלום פֿון מײַן לאַנד,
אַזש איצט, אין סאַמע צוואַנציקסטן יאָרהונדערט
אינמיטן די ניו־יאָרקער ווילדע וואונדער.
איך האָב זיך אָנגעהאַלטן אין אַ ליכטיקן פֿינגער
פֿון זײַן זוניקער און שטראַלנדיקער האַנט.

כ׳מעסט זיך אָן...

כ׳מעסט זיך אָן דעם בעש״ט׳ס עניוות
ווי אַן אַלטן אָרימען טלית,
און זי פּאַסט מיר.

כאָטש כ׳בין שוין געווען אין קרעטשמעס
וואו דער שטן האָט זיין טיש געפּראַוועט
און געזונגען זיינע תורות.

אָ, מיין פאַרשוויגענער נסיון,
מיינע געירשנטע יסורים,
מיין פאַרדינטער עונש.

אַלע האָבן מיך געלייטערט און געציכטיקט.

הער מיין קול, —
איז דאָ אין אים אַ טונקלער שאָטן?

הער מיין וואָרט,
איז דאָ אין אים אַ פּגם, אַ פאַלשקייט?
האָרך מיין ניגון,
איז דאָ אין אים אַ פּעדימל, אַ ווערימל ליגן?

נו, שטעל אַוועק צוויי קליינע היימישע גלעזלעך,
גיס אָן אַלטן, אַלטן, אַלטן יין-חיים.
לאָמיר טרינקען פאַרן לעבן,
ניט פון אונזער גרויסן, הייליקן רבי׳ן.
דאָס וועלן מיר טאָן ערשט מאָרגן-איבערמאָרגן.
לאָמיר טרינקען פאַרן לעבן פון אַ פּראָסטן ר׳ ישראל
מיט אַ שם אַ נידעריקן, ביי-דער-ערד אַ נידעריקן.
און ער זיצט זיך ר׳ ישראל ביי זיין נידריק שוסטער-שולחנ׳דל,
קלאַפּט די פלעקלעך
קלאַפּט די פלעקלעך.
ערלעכע און הייליקע פלעקלעך.
און לחיים — פאַר זיין הייליקער אשה האָדל —
ניין, ניין, ניט די הייליקע ליכטיקע האָדל,
נאָר די האָדל מיט דער נאָדל

און אין נאָדל — אַ ליכטיקער פאָדים
נייט זי קינדערישע העמדלעך,
און די העמדלעך — נייע, פרישע, ווייסע, קלאָרע, —
בראשית ברא.

☆

איך וואַרט...

גאָט איז תמיד און אייביק אין הימל אין הויכן גערעכט,
און מיין זיידע אין אָרימען נידעריקן שטיבל ביי דער ערד
איז געגאַנגען גאָט'ס וועג און איז אויכעט געווען אין זיין פרומקייט גערעכט.
נאָר איך האָב פאַרברענט און פאַרבלענדט מיינע נעכט
און כ'ווייס נישט פאַרוואָס און פאַרוועמענסוועגן,
און קען מיט מיין וואָרט זיך קיין אָרט ניט דערפרעגן.

כ'קלאַפּ אין אַלט-אַלטן שטיבל פון חסידות, פאַרנאַכט:
כ'האָב פאַרבלאָנדזשעט אין דער פרעמד, אין דער גרויס פון דער וועלט;
עפנט מיר, לאָזט מיך אַריין אויף אַ רגע אין אייער געצעלט
דערוואַרימען מיין אָטעם, זיך אָנוואַרימען מיינע הענט.
אַ רגע זיך אויסטאָן פון שרעק אינ'ם שיכור'ן דאָרף
פונ'ם ווילדן געביל, פונ'ם בייזן יאַריד.

איך קלאַפּ און איך קלאַפּ און מען עפנט מיר ניט.
און איך לייג צו מיין אויער צו דער שטוב-קרומער האַרביקער וואַנט
און הער דאַכט זיך עפּעס אַ שיחה צווישן צוויי יידן, גאַנץ שטיל.
און איך זע מיט מיין צוגעמאַכט אויג ווי די דאָזיקע אַלטינקע צוויי
אין לאַנגע צעווינטשיקטע גראָע טליתים און עטרות פון שניי,
סוד'ן זיך, וויגן די קעפּ הין-און-הער: ניין צי יאָ?
אַריינלאָזן אים? אַזאַ פּחדימ'דיק-אימה'דיקע שעה?
כ'שטיי און וואַרט,
שטיי און וואַרט
שטיי און וואַרט.

פאַראַן אַ ליד...

פאַראַן אַ ליד — אַ גאָטשטיבל אַזאַ,
אַ נידעריקער, גראָער באַלקן.
איין מענטש נאָר שטייט דאָרט ביי זיין שמאָלן שטענדער
אין אַ ווינקל.

ער לערנט מיט זיך שטילע, גוטע מידות,
איז עוסק אין זיין אייגענער פרום-עלנטער יחידות.

העלף מיר, מורמלט ער צו גאָט,
אַז איך זאָל מיט-זיך גוטמאַכן מיינע חטאים;
קיין טונקלער חוב זאָל פאַר מיין קינד ניט איבערבלייבן.
צעברעך די מינדסטע ברכה,
וואָס מיר איז באַשערט דאָ, ווי אַ שטיקל שכר
פאַר עפּעס גוטס וואָס איך האָב זיך ביי דיר און לייט פאַרדינט.
מעק אָפּ דעם מינדסטן זכות, מאַך מיך צום גאַנצן נאַר.
נאָר שאַנעווע דעם גורל פון מיין קינד.

שיק אָן אויף מיר די סדום׳ער לייט,
וואָס וואוינען אַרום מיר, ניט ווייט,
יעדער עונש, יעדער שטראָף און לייד,
פאַרוואַנדל יעדע לעבעדיקע רגע מיינע אין אַ קייט
אַרום מיין האַלז — אַ הונט וואָס היט
די שאָטן-צייכנס פון די אייגענע טריט,
נאָר מיט דעם זינגענדיקן סוד אין מיין געמיט,
אַז מיין קינד איז ליכטיק,
אַז מיין קינד איז ליכטיק,
אַז מיין קינד איז ליכטיק
און זי ווייסט דערפון שוין ניט.

☆

לעבן זיך אַליין

כ׳זאָג נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל און ווידערהאָל:
צום מאָרגן פיר מיך נישט, איך בין נישט ראוי.

צום נעכטן — ביי דעם סאַמע ברעג פון טאָל,
און אין דער חורבה, וואו די אַלטע קראָען

קרייזן זייער אומעט אַרום קוימען אויפן דאַך —
דאָרטן וועל איך זיך באַזעצן און וועל לעבן
אינאיינעם מיטן נשאר פון מיין טרויעריקער שפּראַך —
ירושה פון מיין טאַטע-מאַמען און מיין רבי׳ן.

כ׳בין מיד זיך צו מכניע-זיין די קליינוואַרג צו די פיס:
נעמט, נעמט אַ וואָרט, ס׳איז ליב און טייער.
דער אלף איז געשמאַק, דער זייען — זיס,
דער טית האָט בלויען חנ׳עוודיקן טרויער.

דער קליינוואַרג-דור הערט אויס און קערט זיך אָפּ
און איך בלייב מיט מיין בושה ביי דער פּאָלע.
און כ׳לאָז די אַקסל מיינע אויפן טיש אַראָפּ
און אויף די ליפּן — נישט קיין ברכה, נישט קיין קללה.

גלאָט אזוי געבליבן זיצן לעבן זיך אַליין,
מיט קיינעם נישט פונאַנדערגעזעגנט, נישט פונוויטן.
פאַרזוואַלקנט גרוי דער מח, די נשמה — קליין,
טויט-קאַלטע הימלבערגן גליווערן פון אַלע זייטן.

☆

נ אָ ך ל י ד ע ר . . .

איך האָב נישט געזוכט קיין וויטע לענדער,
נישט געחלומט פונם וואונדערלעכן לאַנד.
גרויע היימשוועל, פּראָסטער וואָך-טאָג — מיין לעגענדע,
און דאָס רייפל ברויט ביים דינעם קינד אין האַנט.

אוי, אזויפיל שטיין און ביין און וויסטע שטרויכל
ביז מען קומט אַריבער איין פאַריאָכטן טאָג.
און דער אָוונט גיט אַ ווינטלדיקן שמייכל
פונדערווייטנס, וואַרטנדיק אויף דיר ביים ראָג.

און ער נעמט דיך ליב אונטער זיין ווייכן אָרעם,
און ער פירט דורך די הינטערגאַסן אַפּ אַהיים.
גאַטס שטילע מלכות בלויט אין געסל וואָס איז אָרים
מיט דער לעצטער האָפנונג, מיטן לעצטן בוים —

אַט אַ בוים אַ לעצטער איז דאָרט שטיין געבליבן
פון אַ וואַלד אַן אַלטן אויף דער גראָער גאַס.
ראָזנפעלד און רייזען האָבן אים שוין באַשריבן
און אויפסניי דערחלומט האָט אים שלום אַש.

בוים פון אונזער אומעט, בלום פון אונזער דלות
פאַר די קינדער אונזערע אַ גרינע קרוין,
און אַ פרומע חופּה פאַר פאַרשעמטע כלות
אונטער ליכט און בענטשונג, אונטער ריין געווין.

אַלטער נוסח לעבן, וויי איז מיר, וויי איז מיר ווידער
דיין פאַרחידושט פּנים און דיין וואויל געשטאַלט.
לאָז מיר פאַר דיין שיינקייט ציינדן מיינע לידער
איידער מיינע ווערטער ווערן שטום און אַלט.

איידער נעמסט פאַרשליסן דיינע לעצטע טירן
און איך קום שוין מער נישט אויף דיין שוועל אַרויס.
דורך מיין ליד נאָר וועלן דינע שטעגלעך פירן
צו אַ קלאָרן דמיון פון דיין היימלעך הויז.

☆

כ׳האָב אַלץ זיך נאָכנישט...

כ׳האָב אַלץ זיך נאָכנישט אויסגעלערנט
דערגרייכן יענע קליין און נידער
וואָס איז אין זיך אַליין אַ תיקון
און דאַרף קיין אָנלען נישט אין לידער.

דאָס אָנקלאַפּן אין אָוונט-טויער
פון אַ מידער וועלט, זיך איינצובעטן:
אַ עפּנט אויף אַ שמאָלע שפּאַרע
פאַרן פאָעט, וואָס האָט פאַרשפּעטיקט

און האָט צו קיינעם נישט קיין טענות
פאַרוואָס מ׳האָט אים נישט פריִער אַביסל
אַראָפּגעשיקט צום גרויסן אוצר
מיט דעם געבענטשטן וואונדערשליסל

דאָס האַרץ פון דור זיינעם צו עפענען, —
און ווען ער איז אַראָפּגעקומען
האָט ער געזען, ווי צוויי זשאַנדאַרן
האָבן געפירט דעם לעצטן פרומען

און שטילן מענטשן, שוין אויף קייטלען
און נאָך אים האָבן נאָכגעשריגן
אַ כאָפּטע יונגען, כאָפּטע יינגלעך,
אים נאָכגעזידלט אויף אַן אַלטן ניגון.

צוערשט איז ער צעטומלט געוואָרן,
נאָר באַלד געכאַפּט זיך און פאַרשטאַנען,
וואָס ס׳האָט אים אָפּגעטון זיין גורל
און ס׳איז קיין אויסוועג נישט פאַראַנען.

איז ער געבליבן — הינטער טיר און טויער
און ווייסט: פאַרפרעמדט אַליין, אָן קיינעם,
וועט ער דאָ אָפּשלעפּן זיין לעבן,
אין גרויעם שטיבל פון די זקנים

אַרונטערכאַפּן זיך — אַ שמועס טאָן,
אַ פּסוק תהילים, אַ וואָרט אידיש
און פּרואוון פאַר זיי קלאָר צו מאַכן
דאָס זען מיך ווי אַ בייזן חידוש —

אַ יונגער נאָך און האָב קיין אָרט ניט
אין אַלע ברייטע גאַסן דאָרטן
און קום צו זיי אין ענגן שטיבל,
מיטן גרויען הויפּל און געלן גאָרטן.

כ׳וועל פּרואוון נאָכאַמאָל און ווידער
ווער ווייס, צי זיי אפילו וועלן
פאַרשטיין מיין קומען איינגעבויגן,
צו זיי — זיך פאַרן משפט שטעלן.

ווייל עפּעס איז מיין טריבער מעמד
אזיווי עונש — פאַרוואָס? פאַר ווענען?
ווי כ׳וואָלט אַהער געשיקט געוואָרן
אַ האַלבע וועלט זאָל מיך פאַרשעמען.

☆

גאָט, גאָט גיב מיר גלויבן

גאָט, גאָט גיב מיר גלויבן,
גיב מיר גלויבן אין די מענטשן.
נישט מיין שפּל האַרץ דערהויבן,
נישט מיין אומעטיק וואָרט צו בענטשן.

נאָר אזוי זיך אָרים לעבן
מיט דער פריער אָוונט-רגע,
און נישט דאַרפן חשבון געבן
אויף מיין נישטיקן פאַרמעגן

פון אַ שטיקל ברויט מיט הערינג
צו דעם פּראַקטיקער, דעם נוגש.
פאַרן מינדסטן קנייטש פון שטערן
ווערט זיין גראָבע נאָז ברוגז.

און ער סטראַשעט: הונגער, עלנט,
און מיט ווינקלדיקער קונע;
שוואַרצע שאָטנס ביי די שוועלן,
און די מלוכה און די כהונה.

שיקן טאָג און נאַכט מרגלים
פאַרן בליק פון מיינע אויגן.
ציטערדיק מיין טראָט אין וואַקל,
גיפטיק זשאַוועך אין מיין שווייגן.

אַלע אברים מיינע שרפ׳ען,
אַלע מיינע חושים שרייען
מיט די שפּיצן, מיט די שאַרפן:
היט זיך פאַר דיין ברודער קין.

אָט-אָ שאָטנט ער ביים טויער,
אָט באַהאַלט ער זיך ביים טירל.
וואַרף אַראָפּ דיין הוט פון טרויער,
לייג אַוועק דיין שטילע ליירע.

שטעל אויף וואַך זיך מיט דיין שאָטן,
היט דעם אָוונט, דעם באַגינען.
דער פאַרשטעלטער מיאוסער שטן
קומט אין בלויען און אין גרינעם,

קומט אין זיידן און אין סאַמעט,
זיסע מינעס, שיינע מידות.
ער ווייסט גוט, דער לבן הארמי,
פון דיין ניגון, פון דיין חסידות

שטעלט זיך ביי דיין פענסטער שפּעטלעך
שפּילן בראַצלאַווער ניגונים.
זיבן וואונדערלעכע בעטלער
ביים בעל שם טוב׳ס גאָלדענעם ברונים.

לויפסט ארויס אין שוואַרצן דרויסן:
ווינטן איבער די בוימער רוישן.
טויטער הימל, אָן אַ פינקל
און דער שטן — אין אַ ווינקל
פונם אָפּגעפליקטן גאָרטן,
אָטעמט פינסטערניש פון דאָרטן.

☆

נישט דורכרייטן...

נישט דורכרייטן, נאָר בעטלעריש, אין וואָגל
וועל איך דאָ דורכגיין דורכן ברייטן, גרויסן טאָל,
נישט ליידיק, כאָטש נישט תמיד פול, מיטן לאָגל,
און אויך נישט לויטערער קרישטאָל

און מיין אַהער אַראָפּקומען — ניט אין שליחות
נאָר אַ גוטמאָרגן, אַ גוטנאָוונט זאָגן, אַ גוטוואָרט,

און זיך אַוועקרוקן פון אָנזען און פון יחוס,
פון שטאָלצן אַקסל און פון ברייטער באָרד.

דאָס איז נישט גרינג געווען, ווייל אייער דינער
אייער בעלפער — איך, הייסט עס, בין אויך
אַ היפּשער שוטה, אַ בעל־קנאה, ניט פאַרגינער
און האָב די נאָז געריסן אין־דער־הויך.

ביז כ׳האָב דערזען — ס׳איז נישט געווען גאָר פּשוט,
יסורים האָבן זיך גאַנץ האַרב אַריינגעלייגט אין דעם
און האָבן גאָר נישקשה מיך, דעם נאַר און רשע,
צום וואַנט מיך צוגעשפּאַרט, אין אויער אַריינגעלאַכט:
מיין ראָזשינקע, מיין פּאָזשימקע און מיין פּרנסה.

און ס׳האָט זיך מיר אַראָפּגערוקט דאָס וואַזשנע היטל
איבערן שטערן, און אַן איינגעבויגטער העלד
האָב איך זיך אָפּגערוקט — אַ לעמעך פון אַלט־כּעלעם
אין האַנט אַ דאָן־קיכאָטיש אידיאָטיש ריטל,
וואָס פּאַשעט אָוונט־שאָטנס אויף אַ האַרבסטיק פעלד.

☆

וואָרנונג

א.

אַ בלינדע אימה הויערט בייז הינטער מיין וואַנט
און שטרעקט צו מיר אַ שאָטנדיקע, וואָרנענדיקע האַנט:

היינט נאָך, היינט וועל איך דיר צונעמען דיין ברויט,
און מאָרגן — פון דיין קאָפּ אַראָפּרייסן דעם דאַך.
וועסט בלייבן שטיין אַ הוילער אין אַ וויסטער פרעמד:
אלי, גאָט, מיין גאָט, וואָס האָסטו מיך פאַרשעמט?

איך פרעג און בעט שוין היינט — נאָך איידער עס געשעט,
און זע, די טעג און נעכט מיינע שוין שטיין אין גאַסיקן געשפּעט.
מיין צוגעוואָרפענע שעה רו,
מיין אויסגעבעטלט דאַרע רגע זעט
און ציטערדיק קליין גליק דאָ מיט מיין קינד.

אָ וואַקלענדיקער, פּלאָנטערדיקער גאַנג פון מיינע טריט.
דאָס גראָע קלייד פון עלנט איז מיר אָפּגעמאָסטן וואויל.
צוויי שדים׳לעך אַזעלכע — ביטער-שמייכלענדיקע שומרים צוויי
אַרום מיין מויל.

אימה, בהמה נאַרישע טרעט אָפּ!
אימה, בהמה פערדישע, אַוועק!

און זע: פון מיינע ווינקלען שאָטנט אויס די שרעק.
כ׳גיי צו צום ברויטקעסטל און עפן, קוק אַריין:
דאָס ווייסע, שלאַנקע ברויט ליגט שיין און פיין.
וואָס פאַר אַ רו און שלווה אינם קעסטעלעס פיר ווייסע ווענט,
אַז כ׳האַלט אַזש איין דעם שאַרך פון מיינע הענט,
און מאַך פּאַמעליכן, פּאַמעליכן דאָס טירל צו:
שלאָף רואיק, רואיק ברויט, שלאָף רואיק אין דיין רו.

ב.

כ׳האָב אין מיין פּחד טויזנט זינד אויף זיך שוין אויסגעקלערט,
און פיר זיך צו דעם בית-דין יעדן טאָג.
די שופטים קוקן אויף מיין הולך — מיינע שיך, מיין ראָק:
מסתמא האָט עס דאָ צו טאָן מיט חוב און חוק.

שופטים, כ׳האָב אויף אַ צייט שוין אַלע ספרים צוגעמאַכט.
צעטומלט כתב. די אותיות, די ווערטער —
צאַפּלענדיקע פליגן אינעם שפּינוועבס פון אַ שפּין.
די שורות דרייען זיך אַהין-אַהער, אַהער-אַהין.

אַן אַלטער שופט-תנא קוקט אויף מיר מיט מידע ברעמען;
ווייסט נישט וואו מיך אָפּשיקן; וואוהין? צו ועמען?

☆

ק ר ב ן

די רשעים האָבן אויף מיר השפּעה
אַ גאַנצן טאָג — און רייצן-אויף מיין בלוט.

פאַררעכן עס מיר נישט לרעה
ווען איך פּאַכע מיטן וואָרט — אַ רוט.

אויף קיינעמס קאָפּ וועט זי נישט פאַלן,
כ׳פאַרהאַלט זי תמיד נאָך אין צייט.
נאָר סייוויסיי בין איך געפאַלן,
פאַרפאַלן צווישן בייזע לייט.

איך תהילים זיך אַליין אין די ליפּן:
פאַר מיר איז שוין נישטאָ קיין זאַך,
וואָס זאָל נאָך ווען עס איז פאַרקניפּן
מיין דאַך דאָ מיט אַ צווייטן דאַך,

מיין טיר-און-שוועל מיט אַ שוועל אַ צווייטער,
כ׳בלייב אָפּגעזונדערט און אַליין,
און אויך דעם חלומדיקן לייטער
צו קלעטערן און צו דיר דערגיין

האָב איך שוין לאַנג אַוועקגענומען.
דאָ אין מיין אַלקער וועסטו נאָך
אין דיין גרויס כבוד צו מיר קומען
אַמאָל אין אָוונט אינמיטן-וואָך.

מיין מאַלצייט האָב איך אָפּגעגעסן,
אָן-ברעג פון טיש זיך אָנגעלענט,
בין איך מיט זיך אַליין געזעסן
אין מיינע גראָע פיר אַלטע ווענט,

און האָב דערזען: אין מערב-ווינקל
האָט אַ פאַרנאַכטיק פלעמל זון
אין שאָטן-גרינקייט בלייך געפינקלט
און כ׳האָב געטראַכט, אַז דאָס ביזטו.

ביזט אַלץ און אומעטום — אוואַדע,
נאָר מער ביזטו אין זונפאַרגאַנג,
וואָס ברענט אין ווינקל פון אַ גראַטע
וואו ס׳ליגט דער טרויער מיד און קראַנק.

און מיינע פענסטער זיינען גראַטעס
כאָטש אָן אַ פרענט פון אײַזן אויף זיך.
און ס'איז דער אַלקיר נאָך מיין טאַטנס
וואָס לייטערט מיך און פייניקט מיך.

און ווי ער האָט געקושט זיין ספר,
ווען ער האָט אים פאַרן שלאָף פאַרמאַכט
אזוי קוש איך דעם עפר ואפר
וואָס בלייבט מיר נאָך מיין טאָג, פאַרנאַכט.

☆

חסידיש

אַז קיין וואונדער וועט נישט טרעפן
וועט די טויבע וואָך מיט יאָך
אונז פאַרטויבן ס'קלענסטע שייבל
מיט איר וויסטן בלינדן מאָך.

וועלן מיר, דריי לעצטע אידן,
אַלט געוואָרן פאַר דער צייט,
זיצן, אויסוועבן אַ מעשה
נאָך אַ מעשה — לייַן און זייד,

פון די חסידישע געוועבן,
וואָס זיי וועבן זיך נישט אויס,
וואָס איז איינמאָל גרויס געוועזן דאָ,
וועט שוין אייביק בלייבן גרויס.

וואָס איז איינמאָל שיין געוועזן דאָ,
ס'פאַלט אויף דעם די יאָרנ'ס שטויב,
זיי נאָר דו נישט אַזאַ צווייפלער,
שפּיל אויף העל דיין וואָרט פון לויב.

און דער שטויב וועט באַלד צעווייען,
לאָז נישט אָפּ דאָס שיינע וואָרט.
און דו נעמסט זיך ניי-דערמאָנען
וואַלד און פעלד — אַ וואָגן פאָרט.

פאָרט אַ פולער וואָגן אידן,
און אינמיטן וואָגן — אַ פּאַס.
זיצט אַ חסידל אַ למדן,
לערנט פאַר אַן אָפּענעם ש״ס.

זומער, אויסגעבלויט דער הימל,
פעלדער גרינען, ווערן ברוין.
אידן חסידים, חסידים פאָרן
צו דעם חוזה קיין לובלין.

נעמען חסידים דאַוונען מנחה,
מנחה אויף דער גרויסער וועלט.
גאָט און רחבות און מנוחה,
וואו ניט וואו אַ בוים אין פעלד.

בוים און פעלד און אויפן הימל
זילבערט, גאָלדיקט זיך אַ פלעק.
אומעט, ליוב און פרומע בענטשונג
פאַרן טאָג וואָס גייט אַוועק.

נאָך אַ מייל צי אַנדערטהאַלבן
צו דער קרעטשמע — טריט ביי טריט
גייט דער וואָגן — גוטע אידן
פאָרן צו אַ גוטן איד.

אין דער קרעטשמע דאַוונען מעריב
און ביים גרויסן טיש, פאַרטראַכט,
אָנהויבן פונסניי אַ מעשה
מעשה ביז אַ שטיק אין נאַכט.

איינדרימלען שוין ביי דעם טיש-ראַנד
ביז דעם ערשטן הירזש פון שטאַל —
פעלדער ליגן נאָך פאַרשלאָפן
אונטער אַ קילער נעפּל-שאַל.

דערוואַרים מיר מיין לייב

דערוואַרים מיר מיין לייב און מיין נשמה,
מיט גוטע ווערטער און מיט לידערישע שורות.
מען קאָן דאָ פון גרויס עלנט פאַלן אויפן פּנים
און אומקומען פון פאַלשע בשורות.

איך, אַן איינגעשפּאַרטער חסיד מימי קדם,
קוק נישט אויף מיין הולך, מיין ניו־יאָרקער,
מיט דער וואַנט אפילו האָב איך ליב צו רעדן
פון דעם טריסקער, פון דעם לוצקער און דעם וואָרקער.

כ׳לעב מיט זייער זכות, מיט זייער אַ יונג וואָרט
צעגלי איך נאָך אַ פונק דאָ אויף מיין גומען,
און הער דעם ריטעם פון די רעדער זיינע, ווי ער פאָרט
אויף זיין עגלה, דער מיקאָרעווער און ער וועט קומען.

פונדערווייטנס דערזע איך ווי זיין הדרת פּנים העלט
און אַ מזמור־שיר נעמט דורך מיר די עצמות.
כ׳וועל אַרומנעמען די ארבע כנפות פון דער וועלט
אַ מאַמע טייערע, לא אמוש ולא אמות.

איך ריר זיך נישט פון אָרט, מעג זיין דער צער ווי גרויס,
דאָס בייז ווי שווער, איך וועל דאָס איבערטראָגן.
ביז וואַנען דו וועסט אין דיין כבוד קומען אין מיין הויז
און ווייזן מיט דיין האַנט איבערן זייגער אויף מיין וואַנט:
הגיע זמן, — די שעה האָט שוין געשלאָגן.

☆

דאָס הויז פון חסידות

דאָס הויז פון חסידות איז פאַר מיר
דאָס לעצטע שולעכל געבליבן.
כ׳האָב אויף דעם לוח פון איר טיר
אויך מיין פּסוק צוגעשריבן.

מסתּם דערפֿאַר ווייל כ׳האָב נישט וואו
זיך דאָ אַהינטאָן, וואו צו קומען,
איז דאָרט ביים ברעג פֿון טיש מיין רו,
אין שאָטן פֿון די גוט-און פֿרומע,

וואָס פֿלעגן לאַנגע ווינטער-נעכט
אין דברי תּורה, מוסר, מעשׂה —
דאָ עוסק זיין ביי שטיקלעך ליכט
דעם פֿאָדים זייד נישט איבעררייסן,

וואָס האָט זיך נאָך געשפּינט, געוועבט
פֿון זיין געבענטשטן מויל זיין קלאָרן,
געוואָרן ניגון און לעבט און לעבט
אַן אייביקייט מיט טעג און יאָרן.

האָב ווידערשפּעניקט וועלט און צייט,
אַ רוגז מיט אַ גאַנץ יאָרהונדערט,
זיך אָפּגעפֿרעמדט פֿון לאַנד און לייט
און זיך פֿאַרקליבן אין דיין בית-וואונדער.

אָ, ליבער, פֿאָטערליכער בעש״ט,
כ׳הער נאָך דעם פּלאַטער פֿון דיין חלום,
אין דיין דערוויל-פֿאַרלאָזטן נעסט
און שטרעק די רעכטע האַנט דיר: שלום.

און איך דערצייל דיר יעדן פּרט,
דיין שליחות וואָס איך בין מקיים.
דערטראָגן אין מיין מויל דאָס בלאַט
ביז צו דעם טאָג פֿון דיין באַנייאונג.

פֿאַראַן אַן אויער נאָך דאָ און דאָרט,
אַן אויג, וואָס האָט נאָך נישט פֿאַרגעסן,
וואָס הערט און זעט דיך אין מיין וואָרט —
דיין ליכט וואָס ווערט זיך נישט פֿאַרלעשן.

איך גיי מיר מיין באַזונדערן גאַנג
פֿאָרויס — אַ סליאַד נאָר פֿון דיין שאָטן,
דיין נאָמען — איז כּל טוב, אַ קלאַנג
נאָר פֿון דיין שם — איז ערד, איז באָדן

פאַר מיר... געוויס פאַר מיר — און אויך
פאַר דיר, פאַר דיר און פאַר אייך אַלע,
וואָס האָבן נאָך אַלטן, שטאַרקן כח
אויף שטיין און בלייבן דאָ נישט צעפאַלן.

☆

געווען ביי אונדז איינער...

געווען ביי אונדז איינער אַ בראַצלאַווער חסיד,
וואָס האָט פאַר זיין עובדא און מצווה געמאַכט,
אומעטום וואו ער קומט, אינדערפרי צי פאַרנאַכט,
דעם בראַצלאַוועס אַ מעשה דערציילן.

זיך געוואַשן די הענט און געמורמלט שטיל-שטיל;
קיינער האָט נישט געוואוסט, מ׳האָט געזאָגט און געקלערט,
אַ תהילים, אַ תפילה, — מ׳האָט קלאָר נישט געהערט,
די הכנה פאַר זיין מעשה-דערציילן.

און פרעגן אים האָט שוין נישט איינער געפרעגט,
האָט ער נאָר געשמייכלט: וואָס אַרט עס אייך, וואָס?
דאָס פרואוו איך מיין האַרץ, דאָס נעם איך אַ מאָס,
צי ס׳פּאַסט מיר די מעשה דערציילן.

און פון שטול אויפגעשטאַנען ביים ברעג פונעם טיש,
די הענט זיך געוואַרעמט, די באָרד זיך פאַרריכט,
מ׳האָט ממש געזען ווי עס צינדן זיך ליכט
אין די אויגן ביי אים — ערב מעשה-דערציילן.

און ער האָט אַזאַ ניגון אַ גאָלדענעם געהאַט
און ער האָט אַזאַ קול אַ גינגאָלדנס פאַרמאָגט,
אַז ס׳האָט זיך געדאַכט: עס פרימאָרגנט, פאַרטאָגט,
ווען ער האָט אָנגעהויבן די מעשה דערציילן.

און וויפיל ער האָט שוין נישט איבערדערציילט
די אייגענע מעשה — האָבן אַלע געגאַפט,
ווי ער טרינקט-אָן און זינגט-אָן די ווערטער מיט קראַפט
און דערהויבט און דערהויבט זיין דערציילן.

אַז ס׳האָט זיך געדאַכט, לויט דעם דבר יודעי חן,
אַז דאָ שטייט און דערציילט רבי נחמן אַליין —
דערפֿאַר בליצט איטלעך אות מיט געבענטשטקייט און חן,
ווייל גרויס איז דער סוד פון דערציילן.

און עס דאַכט זיך אויס, אַז ווי הויך און ווי גרויס
די וועלט איז — גייט זי פון די ברעגן ארויס,
ווען ער שפרייט זיינע אָרעמס בעת-מעשה אויס,
און הייליק איז די שעה פון דערציילן.

און ס׳דאַכט זיך אויך אויס, אַז מ׳זעט עס בחוש,
ווי די אַלע מסובים אַרום ביי דעם טיש
שטעלן פלוצלינג זיך אויף, וואַקסן אויס אויף די פיס,
ווי די ליכט, פאַר דער פרייד פון דערציילן.

און ווי נאָר ער ענדיקט די מעשה, ווערט שטיל,
אזוי שטיל, אַז מען הערט ווי ער מורמלט ווי פריי׳ר,
און ס׳מורמלען דאָרט אַלע אים נאָך ביז דער טיר
אַ תפילה אחרי מעשה-דערציילן.

☆

זעסט ? . . .

אַן ענג און אָרים געסל, זעסט ?
שטייט אַ נידעריק הויז אויף דעם.
פון אַזאַ שטיבל איז אַמאָל
אַרויסגעקומען דער בעל-שם.

טאָ מאַך אַ ברכה, אַז געבענטשט
זאָל איטלעך אָרים שטיבל זיין.
די נידעריקע אַלטע שוועל,
וואָס פירט דיך אין איר טיר אַריין.

דריי קינדער לויפן אַנטקעגן דיר,
האַלב-נאַקעט און מיט באָרוויסע פיס.
אַלעמענס אויגן לויכטן העל,
און ווייסט נישט ווער דער געבענטשטער איז.

אַון וואונדערלעכער נאָך פון אַלץ:
דו האָסט זיך גאָרנישט ניט געריכט,
וואָס איטלעך יינגעלעס נאָמען איז
אַן אייביק הייליק יאָרצייטליכט.

דער ערשטער הייסט טאַקע ישראל,
אַ נאָמען נאָכן הייליקן בעש״ט.
דער צווייטער — נחמנ׳דל, אַ קינד
אַ בלייכס — אַ בלאָז און עס פאַרלעשט.

דער דריטער: יעקב-יצחקל,
הייסט נאָכן חוזה פון לובלין — —
און אַלע בעטן זיך מיטנעמען,
און שטרעקן אויס די הענטלעך: פליען.

וואוהין? פרעג איך די ״גדולי הדור״.
אַהין! — ווייזט ער מיר דורכן שויב.
די אויגן פול מיט חלום און
דאָס העמדל שוועבט קוים אויפן לייב.

און די מאַמע זיצט ביים וואַנט זיך שטיל,
פאַרריכט, פאַרוועבט אַ לאָך אין זאָק,
און זועבט אַריין דאָס ביסל זון,
וואָס פאַלט אַריין אַהין פון טאָג.

און איך, אַ גוטער פעטער, גלעט
די קעפּלעך זייערע וויך און זייד,
און זאָג זיי אָן די בשורה אַז
זיי וועלן וואַקסן גרויסע לייט,

ווי ס׳פּאַסט זייערע נעמען וואויל.
די מאַמע וואַרט און האָפט אויף דעם.
און ס׳שמייכלט דער קליינער בראַצלאַווער
און דער נאָך קלענערער בעל שם.

זיי בלייבן ביי מיין פאַלע שטיין,
און כ׳שווער אייך אלע: ווי איך לעב,
ווען כ׳וואָלט געהאַט גאָטס גאָלדענעם אייל,
וואָלט איך געזאַלבט זייערע קעפּ.

געזאָגט: ברוב הימים וועל איך
זיך אומקערן צו זיי גאָר גיך,
און האָבן צייט און אויך אַ דראַטווע
פאַרריכטן זייערע ליבע שיך.

☆

המלמד תורה...

קיינער ווייסט נישט דעם מלמדס נאָמען
וואו דער בעל שם טוב איז געווען אַ בעלפער,
אינאיינעם מיט די קינדער יינגלעך געוואקסן.
דער רבי האָט געלערנט מיט זיי אלף בית
און דער בעל שם טוב — זיי געטראָגן אויפן אַקסל.

און זומערצייט אַרויסגעפירט זיי הינטערן שטאָט,
געלערנט מיט זיי: הימל, ביימער, גראָזן, גרילן,
געוויזן זיי די בלאָע שטילקייט ווי זי הערט זיך איין
צום שאָרך פון צווייג צו צווייג, פון בלאַט צו בלאַט
און צו איר אייגן ליד וואָס הערט נישט אויף צו שפּילן.

און ער, דער בעש״ט אַליין האָט פרום זיך צוגעקוקט
צום דרך פונעם קליינוואַרג און צו זייער תמימות,
צום בליק פון זייער אויג, צום ריר פון זייער טראָט,
צום קלאָרן ווידערקול דורך בוים און בלויער וועלט,
וואָס פרישט און פליסט פון זייערע זיסע שטימעס.

און איינמאָל האָט ער אויסגעזעצט זיי אין אַ ראָד
און ער אינמיטן זיי, פאַרטראַכט זיך און האָט אָנגעהויבן:
אויב איר זעגט איצט די מויער אַרום גאָטס געבענטשטער שטאָט,
זיינען די זילבער־כמאַרעס איבער אייער קאָפּ — די ווייסע טויבן,
און איך בין פון מיין וואָגל אין די בערג געבליבן שטיין
ביי אייער טויער — אין זיין הייליקייט אַריינצוגיין.
עפנט מיר דעם שער פון אייער ריינקייט און קדושה. —
דער ראָד האָט זיך צערוקט, און ער האָט שטיל די פּלייצע איינגעבוקט
און האָט דעם אַקסל פון אַ קינד, ווי אַ מזוזה, אָנגערירט
ווי צו אַביישטידל אַ קוש טאָן.

דער בעש״ט

דער בעש״ט האָט זיך פון אָרט אפילו נישט גערירט
איידער ער האָט זיך גוט-גוט איינגעקוקט און זיך אַרומגעקוקט
אויף די גאָר נאָענטע און ווייטערע —
פון קיינעמס שאָטן זיך נישט אָפּגערוקט.
האָט ליב געהאַט בכל לבבו
און מיט זיין גאַנצער מחשבה
אַ אידן — ווי ער איז און וואָס ער איז.
ווער עס זאָל נישט קומען צו דיין טיר,
קומט נישט גלאַט-אזוי, אומזיסט.
מסתמא דאַרף ער דיך,
מסתמא וויל ער דיך,
מסתמא מוז ער דיך.
פרעג אים נישט: פונוואַנען?
פונוואַנען קומט אַ איד?
פון דאָרטן און פון איבער-דאָרטן,
פונדאַנען און פון איבערדאַנען.
געוויס ווייסט ער אַליין דעם וועג צו גאָט,
ווייסט וואו ס'עפנט זיך אַ וואָרט אין סידור
און אַ טיר — אין רעיון.
נאָר ער וויל גיין מיט דיר.
אינצווייען איז געשמאַקער ס'וואַרטן
ביי גאָטס שוועל-און-טיר.
מען שפּאַרט זיך אָן אַן אַקסל אין-אַן אַקסל.
און אַז מען קאָן זיך נישט דערוואַרטן,
איז היימליכער אַהיימצוגיין אינצווייען.

☆

נס

אַ שטול — געפלאָכטן פון גרינעם צווייג,
פון דינעם שטרוי און געלבלעכן טשערעט,
ווי ס'פּאַסט פאַרן מלך פון די אביונים —
דער בעש״ט — דער צדיק און פּאָעט.

מיר זעען אים נאָך היינט דערהויבן
אויף אַט-דעם טראָן — אינם ווייטן פלוין,
וואו ער האָט מיט דעם בלוי פון הימל
געזאַלבט, געהייליקט און געקרוינט

דאָס גאַנצע פאָלק און אַלע דורות
ביז אונז, נאָך אונז און ווייטער נאָך,
וואו ס׳ציען וועג און פעלד און הימל
דורך די זיבן טויערן פון דער וואָך.

זיין נאָמען גיט אונז כח און חלום
צו אונטערלענען דאָס האַרץ אין נויט,
און מיט אַ ברכה אַראָפּצוטרייבן
דעם פלעק פון דעם פאַרשעמטן ברויט,

און אָנהאַלטן זיך ביי די זיילן
פון טאָג און נאַכט — פון שרעק באַהיט.
איז נישט קיין נס צו זיין אַ איד דאָ
אויף אַזאַ גויאישן יאַריד?

☆

דער איד הקדוש

דער רבי — דער איד הקדוש, פלעגט זאָגן:
אַ מענטש, אַ איש-אדם דאַרף ניט קיין סך פאַרמאָגן.
און אַלץ וואָס ער האָט, איז דער וועלטס, לרוב.
אַ קליינקייט די וועלט! כיבוד-וועלט — כיבוד-אב!

פאַר זיך דאַרף ער נעמען דעם מאָגערסטן חלק,
אזוי ווייניק און ווינציק — אַזש ס׳זאָל ווערן הייליק.
ווייל אַ סך איז מגושמ׳דיק און ווילד און גרויס,
אַז עס שטעקט אַזש פון נאַרישן האַלדז אַרויס.

און מען טאָר נישט צופיל קלערן פון באַוואָרענישן,
געשמאַק איז דער שלאָף — אפילו אָן אַ קישן,
ווען, ווי מען רופט עס, דער געוויסן איז ריין,
און מען דאַרף מיט אים נישט צו קיין טאָטער גיין.

און אַ מענטש דאַרף זיך קאָנען אויף זיך פאַרלאָזן
אַזוי ווי אויף גאָט — און עס שטעקט אין דעם ניט
חלילה-וחס קיין רזי-דרזין,
ווייל יעדער איד איז אַ פּראָסט-פּשוטער איד.

ווייל יעדער געפּרוואוטער איד וואָס האָט נאָר דערקענט
יעקבֿ׳ס זינגענדיק קול און עשו׳ס שווינגענדיקע הענט,
און האָט נאָך געקאָנט דערנאָך פּועלן ביי זיך
ביינאַכט דורך די לעכער פון זיין חורבה קוקן
און אַרויסקוקן מיט ליכט אויפן בעטלער-המשיח, —

קאָן וואַרטן לענגער און טיפער אין סבלנות;
מען וואַרט דאָך נישט גלאַט אין אַ ליידיקער וועלט.
עס קומען אָן אַנטקעגן ליבע אורחים: ראש-השנה׳ס,
עס קומען אויסגעפּוצטע פּסח׳ס און פּורים׳ס,
און אפילו אַ שבת׳ל אַ וואוילס און אַן אָרימס
איז אַ סגולה קעגן בהלה און צעווילדעוועטע שטורעמס.
ניין, מען איז נישט אַליין אין דער וועלט.

☆

ווילנע און גער

אין ווילנע דליטא לערנט מען תורה,
און מעשים טובים טוט מען אין גער.
אַזוי האָט אַ חסידל זיך צעזונגען
אין דער שטאָט מעזריטש פון רבין ר׳ בער.

אַזוי איז דעם מגיד׳ס אַ חסיד געפעלן,
געמיינט האָט ער גוט; און ביידע שטעט
זיינען דעם חסידל וואוילגעפעלן,
און ווען נאָר ער האָט אַרויסגערעדט

דעם ווילנער גאונס הייליקן נאָמען,
האָט ער אַזש די אויגן פאַר יראה פאַרמאַכט,
און ביידע ברעמען אַרונטערגעלאָזן
און באַלד איז געוואָרן מנחה-פאַרנאַכט

איבער דעם חסידל׳ס גאַנצן פּנים
און ר׳האָט זיך צו מזרח אַוועקגעשטעלט
און גענומען מורמלען אַן אַלטן ניגון
אַלט ווי די וועלט, אַלט ווי די וועלט.

ווייל אליהו גאון, האָט געדרונגען דער ניגון,
האָט געזונגען דער ניגון פון חסידל ארויס,
איז געווען אַ רבי און זיינע חסידים
זיינען אייביקע חסידים — דור איין און דור אויס.

און צווישן זיי טרעפט מען דעם בעש״ט אפילו,
רבי נחמן מבראצלאוו און ווענען ניט,
דעם מלאך, דעם שרף, דעם איד הקדוש,
דעם איד הפּראָסטן, אַבי אַ איד,

וואָס האָט נאָר געהערט דעם גאונס נאָמען,
ווייסט ער אַז הגאון אליהו איז געווען
אַ בשורה טובה פאַרן פאָלק ישראל.
וואויל צו די אויגן, וואָס האָבן אים געזען,

און וואויל צו די אויערן פון אַלע דורות,
וואָס קאָנען אים הערן מפּי אַ איד,
וואָס גייט פון דאַווענען, וואָס פאָרט אפילו
צווישן וואַלד, אין וואָגן, פון אַ יאַריד.

אפילו אַז עס טרעפט, עס זאָל ניט טרעפן
איינער פון אַ דור, אחד מעיר,
פאַרגעס אַמאָל, ווי מ׳פאַרגעסט, רחמנא,
דעם וועג וואָס פירט צו דער אייגענער טיר,

נעמט נישט לאַנג, ער שטייט אַ רגע,
טוט אַ רייב דעם שטערן, אַהין און אַהער,
און ס׳נעמט אים פינקלען פאַר זיינע אויגן
און קלינגען אין אויער: דער רבי ר׳ בער,

דער רבי ר׳ נחום, ר׳ שלום ממאקארעוו
און אָט: אליהו הגאון און — שוין

דער טאָג איז ליכטיק און הויך דער הימל
אַריבער דער וועלט — אַ בלויע קרוין

און פייגל טאַנצן אַריבער די צווייגן
זע נאָר, ס'איז זומער, האָט גאָר ניט געזען
און זיבן און זיבעציק גרויסע וואונדער
זיינען מיט אים אין אַ רגע געשען.

☆

שבת און וואָך

אַ פּראָסט-פּראָסטע וואָך
מיט זיבן טעג מלאכה
ווי אַלעמענס טעג.
נישט מער אַ לויט,
נישט מער אַ קרישל.
גראָ-וואָכיק ברויט
און וואַרים געקעכץ אין שיסל.

און גאָט וועט זיין מיט אונז
ביי אונזער ברויט-מזומן,
ביי אונזער אונטערזינגען, אונטערברומען
משיח, משיח, משיח זאָל שוין קומען.

און אַז ער וועט קומען,
זאָל נאָר די זאָרג און דער סם, —
אונזער יאָך — אַרונטער.
דאָס ברויט — דערזעלביקער טעם,
זעלבע זעט און וואונדער.

און אונזער שבת — אַן טאַראַראַם
אַ גוטער און אַ שטילער,
אַ וואוילער און אַ ליבער
טרעט אונזער שוועל אַריבער.

שטאָט וואָכעדיק ברויט — אַ חלה
און מיר זיינען נאָך דאָ אַלע

אַרום אונזער טיש-מזומן.
אַביסעלע, נאָר אַביסעלע
לויטערער אונזערע אויגן,
ליכטיקער דער טישטעך,
וואַרימער די מסיבה.

אונזער שבת — טרעט נישט וויט אַריבער
די שוועל פון דאָנערשטיק, פרייטיק,
מ׳דאַרף נישט, ס׳איז נישט נייטיק.
און ס׳מאַכט זיך, ווען איינער פון אונז פאַרגעסט זיך:
מ׳איז דאָך נישט מער ווי אידן, נישט מער ווי מענטשן.
און ביים טיש, נאָכן בענטשן,
דערמאָנט ער זיך אין יאַרידן,
און נעמט דערציילן אַ מעשה
פון אַ ציגיינער אַ יונגן,
ווערט די חלה די ווייסע
חלילה נישט טונקל-פאַרשאָטנט.
די רו פון שבת זיצט ביים טיש-ברעג
און דרימלט אַביסל אונטער.

אַלע, אַלע זיינען מיר אידן,
די וואָכנטעג — אויכעט.
און כאָטש קיינער זעט זיי נישט,
זיצן זיי מיט אונז אַלע אינאיינעם.
און ווען מיר ברומען אונטער:
משיח, משיח, משיח זאָל שוין קומען,
שעפּטשען זיי שטיל און שטיל-שטילער ווי אַלע:

אמן, אמן, אמן.

☆

ס׳אַר אַן עולם מיט טומל...

ס׳אַר אַן עולם מיט טומל אין די גאַסן,
און דו אין דיין אומרו טראָגסט דאָך
אַזאַ בלאָע און זיידענע שטילקייט,
אַזאַ יומטוב און ליד אין דיין וואָך.

קאָנסט קראַנק־מידע מענטשן דערפרייען
מיט אַ גאָלדפינטל נאָר פון דיין בליק.
קאָנסט דעם ווייט־ווייטסטן טאָג ווי אַ ייִנגל
אַ פאָלגנדיקס — רופן צוריק:

„צינד־אָן, נעכטן, דיין קליינע מנורה,
און דיין פרומקייט ווי אַ סידור מאַך אויף".
און דו טרעטסט, ווי ר' נחמן מ'בראַצלאַוו,
אַריין אין דעם טויער פון גאָטס הויף.

איטלעך וואָרט וואָס דו נעמסט אויף די ליפּן
איז מיט גאָלדן געזאַנג דורכגעוועבט.
האָסט אזוינס ווי ר' נחמן בעצמו
דאָ ביחידות מיט זיך דורכגעלעבט.

נישט די לידער וועלן קאָנען דערציילן,
נאָר אַ טאָן שלאָגט אָפּט אָן אין אַ וואָרט,
דערמאָנסטו זיך: של נעליך,
ווייל הייליק איז דאָס דאָזיקע אָרט.

יענעם טאָג פון דער הויכער אַנטפּלעקונג
לעבסטו גאָר אויף אַן אַנדער מין ערד.
ס'ווערט דיר קלאָרער און קלאָרער און וואָרער,
אַז ס'איז דיר פון גורל באַשערט

צו דערזינגען דעם גאָלדפּאָדים חסידות,
וואָס האָט אינדערלופט זיך געשפּינט —
אַ צעריסענע ליכטיקע סטרונע
צום תיקון געבראַכט — ביז אַצינד.

☆

א י ך . . .

איך וויל זיך איינוויגן אין דער אמונה: כ'וועל נאָך זוכה זיין
צו זען, זאָל זיין מיט מידע אויגן שוין, ווי ס'וואַקסט אין שטילן הויפל פון
מיין גאַס
אַ ניי בית־מדרשל מיט קליינע, שטילע בלאָע פענסטער, און גראָ־אַלטע טירן.

לעצטע לידער

און דער פאַרנאַכט צינדט־אָן דאָרטן אַ יאָרצייטליכט נאָך גאָר אַן אַלטן תנא
ווי אין מיין אינגל־צייט, ווי אין מיין זיידנס יאָרן.

און איך וועל מיטאַמאָל דערזען זיך אין מיין אידיש־פרומער עלטער, ווי
מיין זיידע,
מיין וועלט האָט ווידער אירע שיינע שעה׳ן, וואָכיק־איידעלע מנחה־מעריבן,
און אין די ניי־סידורים פון די לידער אונזערע האָט זיך אַריינגעקליבן
דער ניגון־הגדול והקדוש — איפה? וואו האָבן מיר דאָ שוין נישט אַרומגעזוכט,
מיט ציטערדיקע הענט געטאַפּט די ווערטער און די אותיות, נקודות;
געפּרוואווט מיט אויסגעשמאַכטע ליפּן יעדן גייעם, אַלטן פּסוק.

אַ גר, האָב איך געמיינט, אַ פונדערוויַיט פאַרוואָגלטער און פון אַן אַלטן דור,
און איצט, ביים שוועל פון מיינע טעג, דערזע איך זיך צווישן אייך אַ תושב.
איך דאַנק אייך וואָס איר האָט מיר דאָ געגעבן צווישן אייך אַן אָרט אַן עלנטס.
איך האָב נישט וואו צו גיין און וואָס צו זוכן דאָ מחוץ צו אייער גרעניץ;
מיט אַלע מיינע אברים בין איך אָנגעהעפט אין אייער אומעטיק לעבן
און מיין השגה גרייכט נישט ווייטער ווי צום שאָטן־פּלויט פון אייער
הייליקן בית־עלמין.

☆

מ י י ן   ט אַ ט ע

מיין טאַטע איז געווען אַ סופר,
נאָר כ׳האָב זיין פעדער נישט געירשנט.
זי איז געבליבן רואיק ליגן
ביי אַ נישט־דערשריבענער יריעה־פּרשה.

די מאַמע האָט זי מיר אַמאָל געוויזן,
איך האָב איר פרום אַ קוש־געגעבן,
און עפּעס גוטס אין זיך געהייליקט
פאַר זיין פאַרשניטן אָרים לעבן.

מיין טאַטע איז געווען אַ למדן,
אין פּראָסקוראָווער און קאָרעצער שולן
האָבן געדענקט אַ פּאָר איידעלע זקנים
זיין חריפות און אפילו שיחת־חולין.

און וואָס אין מיר איז פון אים געבליבן
ווער ווייס, מסתם אַ ניצוץ ירושה,
נאָר כ׳ווייס: מיין פּען און מיין האַנט מיין בלייכע,
וועט אפשר דער עלנט אַליין אַ קוש טאָן.

ווען ס׳וועט מיין קאָפּ איבערן טיש זיך בויגן,
וועט ער, אַ שאָטן, פון זיין ענגן ווינקל
פּאַמעלעך אַרויסגיין, מיין אַקסל באַרירן,
און מיך אַלץ נאָך רופן ווי תמיד: מיין יינגל.

צובויגן זיין מויל צו מיין שטערן,
און שטיל אַז קיינער זאָל ניט הערן
זיך צושאָרן צום טיר און אַוועקגיין
איבער וויסטע, ווייטע, אייביקע וועגן.

☆

מיין מאַמעס הויז

פאַראַן אַן אַלט־אַלט הויז
מיט שמאָלע, קליינע פענצטער,
מיין מאַמעס הויז, וואָס וואַרט
נאָך אַלץ — איר זון דער קלענסטער
זאָל קומען פון דער וועלט,
פון בלאָנדזשען און פון וואָגל
און צופאָרן צום שוועל
אויף אַן אַלטמאָדישן וואָגן.

די אויסגעקרומטע טיר
וועט זיך אַן עפן געבן.
ביזט פאַרט געקומען, זון,
אַ לעבן אויף דיין לעבן.

ביים שוועל, ביים דאַך, ביים טיר
בין איך, אַ זון, געבליבן,
די יאָרן האָבן נישט
פאַרמעקט, נישט אָפּגעריבן

די ליבשאַפט און דאָס גליק
וואָס זיי האָבן באַהאַלטן
אויף אייביק דאָ ביי זיך
אין זייערע שפּאַרעס, שפּאַלטן.
דאָס וואַרטן אויף מיין טריט,
דאָס גאַרן מיך צו זען דאָ
געקוויקט האָט זייער וואָר
מיט חלום, מיט לעגענדע.

די מאַמע האָט געוואַרט —
זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן,
האָט איינגעדרימלט מיד
ביים ברעג פון טיש פאַרנאַכט צו.
דער טאַטע האָט געוואַרט —
זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן,
און איינגעדרימלט מיד
ביים ברעג טיש דעם האַרטן.

דערוואַרט האָט זיך דאָס הויז
דאָ נידעריק, איינגעבויגן —
דערוואַרט האָט זיך דער בוים
מיט זיינע ברייטע צווייגן.
דערוואַרט האָט זיך דער שטיין
דאָ ביי דער שוועל דער גרויער,
דער שאָטן ביי דעם פּלויט
אין הויפּל ביי דעם טויער.
דערוואַרט האָט זיך דער טיש
אויף מיין צוריק־זיך־קערן
און ביי זיין שמאָלן ברעג
דאָ מיד אַנדרימלט ווערן.

☆

כ׳בין איינער און דער איינציקער

כ׳בין איינער און דער איינציקער
פון דריי אָרימע ברידער;

צוויי פון אונז טוען רוען שוין פרידלעך
איינגעגנורעט אין דער שלווה פון דער ערד.
כ'האָב זיי געזען אין זייער חבלי־שטאַרבן,
זיי האָבן זיך געריסן פון דעם שטריק פון טויט.
עס האָט זיי וויי־געטאָן — ווי יינגלעך קליינע
האָבן זיי די הענט געשטרעקט ווי פון אַן אָפּגרונט.
אונזער גאַנץ געזינד איז געשטאַנען אַרום בעט.
ווער ס'האָט געשוויגן, ווער ס'האָט גערעדט
צו גאָט מיט תהילים־ווערטער; דאָס קישן געגלעט,
די דאַרע הענט געטוליעט צום געזיכט.
די וועלט האָט מערער נישט געהאַט פאַר זיי קיין ליכט,
די וועלט האָט גאָרנישט מיין געהאַט פאַר זיי.
מיין עלטערן ברודערס קאָפּ איז שוין געווען ווייסער שניי.
און ווען ער איז געלעגן אויפן קישן איינגערוט,
האָב איך געזען, האָב איך געהערט,
האָב איך געגלויבט אַז ס'איז אים גוט.

און איצטער גלויב איך און איך קלער,
פאַראַנען מענטשן וואָס קומען אומזיסט א הער.
דאָ גייט נישט אין טאָן, אין אויפטאָן,
אין כאַפּן זיך צו הויכס, צו גרויס,
נאָר שטענדיק זיינען זיי דאָ ווי אין אַ פרעמד הויז,
און שטענדיק ווען זיי בלייבן אַליין מיט זיך
שטרעקן זיי די הענט און בעטן זיך: לאָז אויס!
אפילו ווען זיי טענהן פאַר דער גאַנצער וועלט,
איז זיי אויך דאָס קלאָר, אַז ס'איז דער וועלט,
ווי שווער איר זאָל נישט זיין,
נישט אזוי ענג ווי אים.
און ווען עס איז וועט קומען איר משיח.
זי האָט אַ קלויסטער די וועלט, זי האָט אַ שול,
אַריינלויפן אין אַן עת צרה, אין אַ שעה פון צער,
און ער — דעם אומעטיקסטן עלנטן שטול,
דאָס ווינקל פונם אָפּגעריסענעם נאַר.

אזוי זע איך זיך, און אזוי לייען איך
די נישט־געשריבענע צוואה אויפן קליינעם גראָז

אונטער מיינע ברידערס בערגלעך רו.
איך קום צוגיין צו זייער אייביקער שוועל,
שפּאַר זיך אָן אָן אַקסל פון זייער שטיין
און האָב נישט מער וואוהין פון דאַנען צו גיין,
און ווען איך גיב דעם ערשטן שפּאַן צוריק אַהיים,
שטייט שאָטנדיקער שוין ביים טויער דער בוים,
און איך בין עלנטער ווי כ׳בין אַהער ארויף.
איך באַקוק דעם קברנס שטוב ביים זייט.
ווייטלעך לעבן פּלויט דאָרט שטייען אַ פּאָר אָרימעלייט
און טיילן זיך מיט די נדבות פונ׳ם טאָג
צונויפגעקליבן אויפן טויטן־ראָג.

☆

מיין טאַטע וואָלט זיכער זיך איבערגעבעטן

מיין טאַטע וואָלט זיכער זיך איבערגעבעטן מיט מיר,
זיך אַריינגעשטעלט, שמאָל און פאַרנאַכטיק
אין געוועלב פון מיין געבויגענער טיר:
מיין זון, כ׳בין געקומען דיך בעטן פאַרגעבן,
איך האָב נישט קיין שליטה אויף דיין לעבן
און מערער ווי בעטן פאַר דיר
און היטן פונווייטנס, פונווייטנס, דיין טיר,
פון בייז — און פון שטן
קאָן איך ניט.

כ׳פאַרשטיי נישט דיין תענוג,
נאָר די טונקעלע לייד פון דיין פּנים
איז דאָרן וואָס שטעכט מיר דאָס לייב
און ברענט זיך מיר בראַנדיק אַריין אין די אויגן.
וועל איך נאָר דיך הכנעה׳דיק פרעגן:
וואָס טוסטו נישט עפּעס צו דעם?
איך קוק לפי רגע אַריין אין דיינע בלעטלעך,
דו רעדסט זיך דאָרט דורך, ווי איך זע,
מיט רבי ישראל בעל שם.
ווי שיקט זיך עס, זון מיינער,

אַז ער זאָל קיין שאָטן נישט אָפּטאָן
פון איבער דיין שטערן
און שטילן דיינע שעמעוודיקע טרערן
אין ווינקל פון דיין אויג?

און איך וואָלט דעם טאָטן דערויף נישט געענטפערט:
אַז גערעכט איז ער מיט טויזנט גערעכטן.
און דאָס וואָס ער זאָגט, איז דער קרן פון אמת
און דאָס וואָס ער וויל און באַגערט
איז דאָס הייליקסטע גנאָד אויף דער ערד,
נאָר איך קאָן דאָס נישט האָבן.
ער ווייסט און ער וויל עס פאַרבאָרגן.
איך האָב זיך ווי ער, ווייט אַמאָל
אַרויסגעלאָזט זוכן אַ בלאָען פרימאָרגן
און געפונען, ווי ער — אַ צו פריען, אַלט-גרויען פאַרנאַכט
נישט פאַר קיינעם געדאַכט.

☆

איך און מיינע ברידער

מיר זיינען געוועזן דריי נאָענטע ברידער,
און וואָס איז פון אונז אַלע געבליבן?
ס'איז איינער פון צווייטן דערשלאָגענער, מידער,
און ווייט, אין צען וועלטן, פאַרטריבן.

און יעדער פון אונז האָט אין בוזעם פאַרטראָגן
אַ שאַרבן ירושה, פון היימבערג אַ חלק.
נישט איטלעכער קאָן זיך מיט תהילים פאַרזאָגן,
נאָר איטלעכנס שטומקייט איז הייליק.

מיר איז נאָר גרינגער געוואָרן די רגע,
מיט גאָלדענעם טריפוואָרט פאַרשטאָפּן דעם חלל.
אין ליד אויף טרייסטונג ביים מעזשבושער פרעגן,
אַ ביטערן טרויער — אפילו ביים נביא פון גליל.

און זיי, ביי אַ ווערקשטאַט, אַ קליטל, אַ ווינקל,
און שעהן ווי שטריק אויף די מוטלאָזע לענדן.
און איך, זייער קלענסטער און יונגסטער — דאָס יינגל
וויל איבער זיי שפּרייטן אַ ליכטשטראַל לעגענדע.

נאָר גרינגער זייער וואָך און דעם יאָך אויף די אַקסל
וועל איך נישט מאַכן, איך ווייס עס, איך ווייס עס.
דער יאוש — אַ שטיין — איז שווער־האַרביק פאַרוואַקסן
אויף אונזערע אַלעמענס עלנטע פּלייצעס.

☆

דריי ברידער

אַז צו מיינע ברידערס קברים
וועט צוקומען מיין פּינטעלע, מיין קבר —
אַ שמאָל, שמאָל בערגל,
וועט אונזער לעבעדיקע נקודה — דער סגל
פון די דריי ברידער סיגאַל
זיין פאַרענדיקט.

פון וואָר און וועלט — אַ דרימלענדיקער שאָטן,
אַ רוענדיקע, פּשוטע לעגענדע,
אַ מעשהלע, אַ פּרק לעבן:

דריי ברידער אָרים־אָרים־אָרימע,
האָבן געלעבט בארץ מאָנטרע,
צעוואָרפענע, צעפּרעמדטע
אין דערווייטערטע גאַסן.
פון איינעם ביז צום צווייטן
שטיינערנע און אייזערנע פּלויטן,
שמעלערע און ברייטערע טייכן,
איבער די טייכן — שמאָלע,
אומרואיקע בריקן.

איצט זיינען זיי זיך שוין
פון אַלע פרעמדקייטן,
פון אַלע ווייטע גרעניצן,
צונויפגעקומען, זיך צונויפגענומען
דריי פינטעלעך — אַ סגל,
פון די דריי ברידער סיגאַל.
נשמתם עדן.

☆

מיין טאַטנס אַנדענק

כ׳גיי אַרום דאָ אַליין — די פיר ווענט פון מיין אַלקיר
מיושבדיק, מיד, איינגעבויגענע פלייצעס.
כ׳קוק אויף די קליינע פאָרטרעטן וואָס הענגען
אין מיינע פיר ווינקלען, ווי פון מעשה־בראשית.

באַרימטע פאַרשוינען; האָבן אויפגעטאָן גרויסקייט —
פירער און פּאַסטעכער, קריצער פון דינים.
אויפן קרימלעכן טישל — אַ פאַרנעפּלט אַלט בילדל —
מיין טאַטע — אויפן קין זיין האַנט די דינע.

האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, דעם קאָפּ מיד־געבויגן,
אַ טונקעלער שטערן, אַ ווייטע מחשבה.
ביי אונז אין משפחה זיינען אַלע פאַרדמיונט:
ואף על פי שיתמהמה, אחכה לו שיבוא.

דאָס איז נאָר לפנים. קוקסט איין זיך אַביסל,
דערהערסטו, דערזעסטו דאָס סאַמע פאַרקערטע:
דער קאָפּ נויגט זיך תמיד צו שטילקייט, צו תפילה
אויף עפּעס וואָס איז שוין אויף אייביק צעשטערט דאָ.

און גאָט וועט ניט העלפן, גאָט וויל ניט העלפן.
גאָט וויל שוין ניט העלפן? נו, וואָס איז דער חילוק.
און ווידער — פאַר ווען איז נאָך אזוי נויטיק
דאָס בעטן, ווי דעם וואָס איז האַלב שוין פאַרטיליקט.

דער חסד פון תפילה אויפן דאָרן אין מדבר.
אוי, טוליע זיך נענטער, וואַרימער רחמים.
זאָל קומען דאָס גוטוואָרט פון ישראל בעל־שם־טוב,
דאָס שיינוואָרט פון האָפנונג פונם קראַנקן ר׳ נחמן.

ווי פון אַ ווינקעלע וועלט האָט די מעשה געלויכטן
מיט דין-דינע שטראַלן ווי זילבערנע רערן.
אין איטלעכער רער ברענט אַן אַנדער ליכט יומטוב.
זייער ליכט וועט אין מיר שוין פאַרלאָשן ניט ווערן.

פאַרוואָס־זשע, זאָג, הייסטו מיר מאַכן אַ סיום
און אויפהערן אָנצינדן לידער און שירים?
זיי וועלן מיך ערגעץ דאָך מוזן דערפירן
דורך אַלע צעעפנטע, ליידיקע טירן.

הויב אויף דיינע ברעמען, מיין אומעטיקער טאַטע.
וואָס האָסטו מיר מורא אַ קוק־טאָן אין פנים?
דו שווייגסט אזוי שווער אויפן טונקעלן בילדל
און כ׳קאָן נישט דיין ווייטע מחשבה דערקאָנען.

און כ׳לייען נאָר אויף דיין געבויגענעם רוקן
דיין טרויער און טייטש אים אין בעטלערשע לידער,
וואָס פירן ארויף אויף אַ ליכטיקער רגע,
און טרייבן אַראָפּ אין אַ תהומיקער נידער.

☆

אַז די מאַמע פלעגט אָנטאָן

אַז די מאַמע פלעגט אָנטאָן אַ נייעם מלבוש,
האָט זי זיך שעמעוודיק געריטלט בלייך.
אזוי ווי זי וואָלט זיך אויסגעטיילט פון אַלעמען,
ווי די ערד אונטער איר וואָלט זיך אויפגעהויבן, הויך.

זי האָט נישט געוואָלט אויפן גאַס זיך ווייזן
אידער זי האָט אים איינגעטראָגן אין שטוב, אין די פיר ווענט,
ביז די פרעמד פון דער נייקייט איז אָפּגעגאַנגען,
און די אַרבל האָבן זיך צוגעוואוינט צו אירע הענט.

אַז עמיצער האָט דער מאַמען „טראָגט געזונט״ געוואונטשן,
האָט זי די אויגן אַראָפּגעלאָזט ביז צו דער ערד,
און דאַכט זיך, אַ כאַפּ־געטאָן זיך פֿאַר דער פֿאַלע
און אַ דאַנק געמורמלט, און קוים אַליין געהערט.

אַ מיידלשקייט האָט אייביק געררוט אויף איר פּנים,
אפילו ווען איר קאָפּ האָט שוין פֿאַרזילבערט קלאָר.
און גרינג האָט זי געטראָגן אויף די שמאָלע אַקסל
דעם יאָך פון אירע פריע פֿאַרעלטערטע יאָר.

די יאָרן זיינען שווערער און שווערער געוואָרן
און זי, דאַכט זיך גרינגער און שטילער און דין.
און געהאַט אויף דער גרויסער וועלט דער ווייטער
אירע גרויסע, דערוואקסענע טעכטער און זין.

לעבן זיך די פּאָר קלענערע — איך און פּערל
האָבן זיך תמיד ביי די זייטן איר נאָכגעשלעפּט.
נאָך איצטער דאַכט זיך מיר: ווי זי וואָלט זיך פּלוצלונג
פון אונז אָפּגעטשעפּעט און אַוועקגעשוועבט.

ס׳איז געווען ערשט נעכטן — און אפשר אייער־נעכטן,
און זי האָט אונז געהאַלטן פֿאַר די קליינע הענט.
די גאַס מיט די דעכער אוןביימער און סלופּעס
האָבן מיט אַ ניט־דאַאיקער ווייסקייט געבלענדט

און פֿאַרבלענדט די אויגן; מיר קוקן ארום זיך,
און די מאַמע צווישן אונז ביידע, מיטאַמאָל,
דאַכט זיך אַז מיר האָבן פון איר קלייד דאָס פלאַטערן
געהערט און אַ ציטער פון איר ליפּ, איר קול.

און איידער מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט נאָר,
איז זי שוין נישט געווען און מיר ביידע צוויי,
איך און פּערל, זיינען געבליבן שטעקן
ביז איבער די קנעכלעך אין דער טיף פונם שניי.

האָבן מיר ביידע זיך שטאַרק ביי די הענט אָנגענומען,
צוויי דינע צווייגן, אָפּגעבראָכענע פון בוים.
און מיר זיינען פאַרטוליעט איינס אין צווייטן געגאַנגען,
און מיר זיינען געקומען איין־אַליין אַהיים.

לעצטע לידער

אין אונזער משפחה

אין אונזער משפחה גייען אַרום
(מסתמא אין איטליכנס הויזגעזינד),
אַ פּאָר שיינע מעשה׳ס און קיינע פון זיי
האָט נאָך נישט איר תיקון געהאַט ביז אַצינד.

וואָס מיינט אַ תיקון? אַ תיקון מיינט:
מען נעמט די מעשה אָן פאַרן האַנט
און מען פירט זי אַריבער די שטוביקע שוועל,
און מען פירט זי אַרויס צו וועלט און לאַנד.

איך האָב עס שוין איינמאָל אפילו געפּרואווט,
נאָר ווי עס ווייזט אויס, איז צו פרי נאָך געווען.
אַ מעשה דאַרף אַלט זיין, ווער ווייס וויפיל יאָר
ביז זי ווערט ראוי צו „אַמאָל איז געווען".

נאָר כ׳וויל כאָטש דערמאָנען מיט אַ שורה, אַ סטראָף
איינעם אַ קרוב, אַן אָרימאַן, ריס אויף ריס,
מיט ליכטיקע אויגן, מיט יונגע אַ פּאָר,
אַ רוקן אַ גלייכן און צוויי קרעפטיקע פיס.

די וועלט מיט ישובים איז ער שוין אויסגעווען,
דורך פעלדער און וועלדער און וועגן געשפּאַנט,
אַ שמאָלצער, אַ שלאַנקער, מיטן פּנים פאָרויס,
קיין שטעקן ניט קיינמאָל געהאַלטן אין האַנט.

און משפחה דערציילט, אַז מיט אים האָט אַמאָל
געטראָפן אַ זאַך — דערצו אין אַן אָרט,
וואו דאָס ליכט פונם בעש"ט האָט נאָך הייליק גערוט
אויפן זילבערנעם שניי פון אַ זקנס אַ באָרד.

און ר׳ נחמנס אַ ניגון האָט יונג זיך געהערט
מוצאי שבת פאַרנאַכט דורכן פענסטער פון קלויז.
אין דער דאָזיקער שטאָט, איז אַ ייד, אַן אָרימאַן
געבליבן אינדרויסן, ווען אין איטלעך הויז

איז דער שבת געזעסן ביי חלה און ווין
און ס׳האָבן די בענטשליכט די טישן באַשיינט —
ווי אזוי ס׳האָט געטראָפן? עס טרעפט זיך אַמאָל.
כ׳געדענק נאָך ווי היינט, ווי די מאַמע האָט געוויינט

ווען מ׳האָט ביי דעם זיידן די מעשה דערציילט,
ווי זי האָט דאָס טיכל טיף אַרונטערגערוקט.
די פעטערס און מומעס ביים טיש האָבן שטום
מיט די פלייצעס געשאָקלט, די פנימער געצוקט.

דאָרט, אין דער שטאָט, יענעם פרייטיקצונאַכטס
האָט פלוצלונג אַריבערן גאַס זיך דערהערט
אַ געזאַנג, אזוי הויך, אזוי ברייט, אזוי שאַרף,
אַז ס׳האָבן געציטערט אַזש הימל און ערד

און שויבן אין פענסטער, און דעכער און ווענט.
דער אביון האָט איבערן דרויסן אין נאַכט,
צעשפרייט זיינע הענט צו דעם הימל ארויף
און קידוש אַריבער די שטערן געמאַכט.

וואָס דענסט איז געשען? ס׳איז געשען, נאָר איך וויל
מער נישט רעדן דערפון. האָב זיך פלוצלונג דערמאָנט,
און דאָס וואָס איך האָב דאָ פאַרצייכנט דערווייל,
האָב איך לענגער פאַרשוויגן שוין ניט געקאָנט.

✡

דער פעטער אייזיקל פלעגט זאָגן

דער פעטער אייזיקל פלעגט זאָגן:
דער לערנט ווינציקער, דער מערער,
פון אַלצדינג לערנען מיר חכמה.
אַ גאַנצע פולע וועלט תלמידים,
אַ גאַנצע פולע וועלט מיט לערער.
און ווער עס האָט נאָך אין זיך עפּעס
איז דאָס אַן אוצר חכמה, בינה.
און וויפיל סודות וועלן אייביק

לעצטע לידער

ניִשט לאָזן זייער אָרט געפינען,
און וויפיל מעשיות וועלן בלייבן
ניט אויסדערציילט, און וויפיל לידער
ניט אויסגעזונגען, און וויפיל תפילות
פונדערזייט שוועל און טיר פון סידור.
און אַלע זאַכן זיינען תורות
פון זען און הערן און געדענקען,
הנאה האָבן מיט דעם ווערעך
און נאָך דערפון אַ צווייטן שענקען.
די פּירות לערנען אונז זיסקייט
פון כל המינים, כל הסאָרטן.
און וויפיל קונסט און שיין־מלאכה
אין מינדסטן בלעטעלע אין גאָרטן.
מען זאָל נאָר האָבן אזוי פיל יאָרן
און ס׳זאָלן טעג און שעה׳ן סטייען,
וואָלט מען געקענט זיך פון די תורות
דערלערנען צו אַ גוטן רעיון.
די צרה איז מיט די מחשבות:
האָבן זיך ליב אַרומצוקריגן,
ווי מיר, און כאַפּן יעדע רגע
זיך איינס דעם צווייטן ביי אַ ליגן.
און די גערעכטיקטע געדאַנקען
זיינען צו טרויעריק, צו שטילע,
כדי דעם יאוש כאָטש פאַרטרייבן
פאַרניגונען זיי זיך מיט תהילים.
איך בין ניִשט, קינדער, קיין קוהלת,
קיין דוד און קיין שלמה המלך,
נאָר איין זאַך זאָג איך — דער אומעט
וויל לערנען זיך ווי צו ווערן פריילעך.
און לערנען איז פאַראַן פון וועמען,
ווען ער זאָל זיך ניט אזוי שעמען
און קומען אָפטער צווישן מענטשן
און אויסלערנען זיך אפילו בענטשן
דאָס וואָס איז דאָ נאָך ניט פאַראַנען
און איז נאָך ווייט דערווייל פונדאַנען.

קאָרעץ

קאָרעץ, מיין שטאָט, מאַן מיך אויף צוריק
פון דער נאַרישער פרעמד, אין מיין טויט.
און פיר מיך אַריבער דיין אַלטן בריק,
פאַרביי דער שול מיטן שטיינערנעם פּלויט.

און אויב ס'איז אַ שמש'ל דאָרט נאָך פאַראַן,
זאָל ער ארויסגיין אויפן שוועל פון קלויז,
און מאַכן אַ מלא נאָך אַ פאַרוואָגלטן מאַן
פון דער ווייטער וועלט־איין וועלט־אויס.

און זאָגן אַ הספד און דערציילן קלאָר,
אַז דאָס בין איך, דער תושב פון אַמאָל —
אַן אַנטלאָפענער נאָר פונם אַלטן דור
און פון שטילן, אַלטהיימישן טאָל.

געלאָפן איז ער צו דער גרויסער וועלט
און איז קיינמאָל נישט דערלאָפן צו איר.
האָט זיך ערגעץ אין הינטערוועג אָפּגעשטעלט
ווי אַן אָרימאַן ביי אַ פאַרהאַקטער טיר.

געקלאַפּט אַ שעה, און צוויי און דריי
און די טיר איז געבליבן פאַרמאַכט.
די טיר פון דער וועלט — און אַ גראָער שניי
האָט זיך באַגעגנט מיטן גראָען פאַרנאַכט.

און ווייטער, וועסטו הספד'ן, האָט זיך אונזער זון
נישט דערשלאָגן צו קיין אָפּרו דאָרט.
נו, דאַרפן מיר אויסלייזן היינט אונזער זון
און אים ברענגען צוריק אויף זיין אָרט,

וואו ס'זאָל נישט זיין — נאָר בעסער ביים פּלויט
מיטן פּנים צו דער שטיינערנער וואַנט.
ער זאָל שלאָפן געשמאַק מיטן היימישן טויט
ווי אַ יינגל אויפן טאַטנס האַנט.

נ אָ כ אַ מ אָ ל . . .

צום אַלטן־אַלטן בין איך צוגעבונדן
מיט וואונדיק לעבן און מיט וואונדערלעכן גליק,
וואָס קלינגט און זינגט אַמאָל ארויס פון מיין אַ שורה —
פאַר מיין אייגן אויער דאָ אַ בשורה.

און צו דעם איצטיקן — שוין טויזנטמאָל געפּרואווט
זיך צובינדן — און ס'בינדט זיך עפּעס ניט.
און מיינע רופן צו אַ ווייט־פאַרגייענדיקער שיינקייט
פּראַלן ווידער אויף די טיר־און־טויער פון מיין ליד.

און ס'טרעפט: דער נס געשעט.
איך דאַרף אפילו נישט פאַרמאַכן מיינע אויגן,
און איך שטיי ווידער אויף מיין אַלטער, גרויסער ערד —
אַ שטילער טאָל מיט שטיבער, קליינע שייערן.

ווי וואונדערלעך: איך האָב אין אַזאַ שפּעט
און איין־אַליין צוריקגעטראָפן אַהער.

לאַמטערנעס דאָ און דאָרטן אויף אַ הינטערשטעגל.
און איך בין ראוי דאָ צו זען נאָך, ווי אַמאָל,
ווי שאָטנס דינע, הויכע,
שאָטנס נידעריקע, קליינע

זיינען אין דעם מקום עולה־רגל.
ווי וואונדערלעך: איך האָב אין אַזאַ שפּעט
און איין־אַליין געקאָנט זיך נאָכאַמאָל
ביי ווינט, ביי פעלד און הימל זיך אַהער־דערפרעגן.

☆

און איצט איז שפּעט...

ערשט נעכטן האָב איך דאָ געהאַט אַ פול גאַנץ לעבן,
אזוי ווי איינער האָט אַ גאַנצע שטוב.
די שטוב האָט טאַקע אומעטיקע פענסטער,
און שטייט אין טאָל אזוי ווי אין אַ גרוב,

נאָר איבערן טאָל גייט אויף אַ פרישער רעגן,
דער יונגער זומער עפנט־אויף זיין בלויען קוואַל,
און קינדער שטרעקן־זיך צום הימל דורכן פענסטער,
און נאָר אַ באָבעלע פאַרהילט זיך נאָך אין גראָען שאַל.

אָ ווייטע נאָנט, דו ביזט מיין שלאַנקער פידל,
איך שליף דיין סטרונע דינער, דינער אויס.
איך וויל נישט און מען לאָזט מיך נישט אַריין אינערגעץ,
נאָר כ׳וויל און קום אין חרוב־ווינקל פון דיין הויז,

און שטעל צוריק צונויף דעם איינגעוואַלעטן אויוון,
און נעם אַ האַמער און אַ טשוואָק און איך פאַרריכט
דעם טאַטנס אַלטן טיש, די פינעף קרומע בענקלעך,
און איך געפין ערגעץ אַן אָפּגעטריפּט שטיק ליכט

און שמעלץ עס צו צום טישבערעג, צינד עס אָנעט,
ווערט ליכטיק באַלד אין אַלע ווינקלעך אַרום מיר,
און ס׳ווערט מיר אזוי היימלעך־טרויריק אויפן האַרצן ווידער,
ווען כ׳זע די אויסגעשלאָגענע שויבן אין דער אַלטער טיר,

און ביי דער זייט די נידעריקע שאַפע ספרים,
דעם טאַטנס שאַטן האַלט זיך נאָך אין זייער גבול.
איז אויב אזוי, דאַרף איך דאָס שוואַרצע מלבוש אָנטאָן,
גיין מנחה דאַווענען אין דער מיקאַרעווער שול.

כ׳וועל ביי אַ ליידיקן שטענדער זיך אַנידערשטעלן
און אויף די ליפּן נישט קיין וואָרט געבעט.
כ׳האָב אָפּגעחקירה׳ט שוין מיט גאָט אַ האַלבן לעבן,
געדונגען זיך, פאַר זיך, פאַר סדום — און איצט איז שפּעט.

און אונטער זיינע גלייכגילטיקע, שטאָליק־קאַלטע אויגן,
ליגט זיין געליבטער דור — אַ קרבן אין זיין בלוט.
זעקס טעג האָט גאָט געחורבנט און געשטורעמט
און אויפן ווייסטן טאָג, דעם זיבעטן, האָט ער גערוט.

איך ווייס: איך וועל דאָרט אויך ניט טרעפן קיינעם,
נאָר אַלע שטענדערס וועלן שטיין דאָרט ביי די ווענט.
וועל פונדערווייטנס זען זיך אומוויגן די זקנים,
אויף די שטענדער־טישלעך די אַלט־אָדערדיקע הענט.

פון אַ ברירה

...וואָס נאָך זאָל איך דיר פון כעלעם שרייבן.
קיין וואָזשנע נייעס איז נישט פאַראַנען.
די יוגנט איז אַוועק פונדאַנען,
די עלטערע און אַלטע — בלייבן.
עס גליווערן די צוויי קליינע באַנען,
די וואָגנדלעך, די פאַראַוואָזן,
און דאָס וואָקזאַלעכל שטייט פאַרלאָזן.

און אָנזעצערס — אויף אַלע קרעמלעך
הענגען צעטלען מיט געלע רעמלעך.
די סוחרים פון ביטחון,
און פון אמונה,
און פון אהבה,
און פון כבוד.
די אַלע טייערע גוטע סחורות
ווי אויסגעוואָרצלט פונם שורש;
קיין טראָפּן נישט פאַר אַ רפואה.
און וואָס די אָרימע קרעמער טוען?

וואָס זאָלן זיי טאָן? מ׳ווערט אַלט און עלטער.
און סוף כל סוף וועט אַ פרימאָרגן טרעפן,
און קיין טיר טוט מער זיך נישט קיין עפן,
קיין טריט הערט זיך אין גאַס פון קיינעם.
מען זעט שוין נישט אפילו דעם איינעם,
וואָס פלעגט אַרומגיין איבער די הייזער,
און ווייזן אויף דער זון מיט אַ פינגער,
ווי עס קומען זיך צונויף באַלד אירע בײדע ווייזער,
צום שאַרפן צוועלף — דער לעצטער מזומן.
אַ סימן, אַז משיח האָט פאַרשפּעטיקט קומען.

☆

נאָר איינמאָל...

די הייליקייט קומט שוין נישט מער אין דיין ישוב,
אַ לעצט־צעבויגענע סוכה און אינווייניק שטייט
אַ צעבראָכענער טיש מיט אַ שטול — פאַרן טויט.

דער טויט קומט צוגיין אַהער דריי מאָל אַ טאָג,
זעצט זיך און לערנט עטלעכע פסוקים „חוק".

עס זעט אים נישט קיין אויג,
הערט אים נישט קיין אויער,
ער איז דאָס גראָ־שטומע שווייגן,
דער וויסט־קרומער טרויער,
וואָס וויגט זיך אין ווינט אויף די שימלדעכער,
קריכט אום מיט די הינט אין די חורבה־לעכער.

און דאָ האָבן אַמאָל גאָטס יומטובים געזונגען,
און דער בראַצלאַווער מיט זיינע אביונים האָבן געטאַנצט.
דער מעזשבושער — אין דער קופּערנער קוואָרט געקלונגען,
די קוואָרט איז עד־היום נאָך געבליבן גאַנץ —

ליגט באַהאַלטן אונטער דער קאַלטער שול אין קעלער
(די שול איז חרוב, פאַרוויסט און פאַרברענט).
נאָר מיר וועלן דערלעבן, אַז דער אויבערשטער וועט וועלן,
ווען משיח וועט קומען — זיך צו וואַשן די הענט

מיט דער הייליקער קוואָרט, די קוואָרט מקדמונים,
וואָס גייט איבער פון איין דור אין צווייטן דור'ס האַנט.
דער בראַצלאַווער האָט באַגאָסן די הענט פון זיינע אביונים,
און דער מעזשעריטשער האָט זיי דעם האַנטוך דערלאַנגט.

אַזעלכע צוויי משרתים דיין פאָלק צו באַדינען,
דיין פאָלק צו דערהויבן, אוי האַר פון דער וועלט,
איז ראוי נאָר איינמאָל אַ דור אין דער וועלט.

אַ זעקעלע גלות־ערד

אָ בענטש מיך גאָט, העלף מיר גאָט,
אַז איך זאָל כאָטשבי זוכה זיין,
איידער כ׳וועל זיך צו מיין הייליקער נסיעה
אויפן וועג קיין ארץ־ישראל נעמען גרייטן,
זאָל איך נאָר קאָנען אָגרירן מיט מיינע הענט
דעם איבערבלייב, אַ שפּענדל פון די ווענט
פון ר׳ פּנחסל׳ס בית־מדרש אָנצורירן,
און אפשר נאָך געפינען אַ געדעכעניש
פון פעטער אייזיקלס מצבה־ברעטל
און נאָכאַמאָל ביי אים מחילה בעטן,
כ׳געדענק שוין נישט אַליין פאַרוואָס
נאָר ס׳איז פאַראַן גענוג, גענוג.
און גיבן נאָך איין לאַנגן, לאַנגן קוק
אויף אונזער גרויסער נחלה גלות, וואָס איז חרוב,
און גיב מיר דעם רשות
אין נאָמען אינם הייליקן פון אַלע,
וואָס זייערע נשמות זיינען עולה געווען
פון די גאַז־אויוונס, פון די רויכן,
קיין צפת, קיין חברון און ירושלים,
אויפגראָבן פון דעם פאַרוויטיקטן באָדן
אַ קליינטשיק ביסל ערד,
אַ זעקעלע גלות־ערד
און ברענגען עס מיט זיך אַהין,
אַז ווען מיין שעה וועט קומען
און איך וועל וידוי זאָגן,
זאָל עס ליגן שטיל פאַר מיינע מידע אויגן,
און ווען איך וועל פאַרמאַכן מיינע אויגן,
זאָל דער, וואָס וועט מיין קאָפּ אַנידערלייגן
אויפן נידריקן געלעגער,
נישט פאַרגעסן עס אַוועקצולייגן
ביי מיין אייביקן צוקאָפּנס.

לעצטע לידער

חורבן כעלעם

כעלעם איז חרוב געוואָרן,
האָט זי אַרויסגעשיקט איבער דער וועלט
אַ חשובן, ערלעכן שליח
צונויפצונעמען אַביסעלע געלט.

גייט דער שליח, פרומער שליח
אויף די שוועלן פון הויז צו הויז,
און זאַמלט נדבה׳לעך אָרימע
וועלט-איין, שוועל-איין, שוועל-אויס.

פאַר כעלעמער אַלטן בית עולם, —
אויפשטעלן דעם צעבראָכענעם פּלויט.
אַ פּלויט אַ קלײנער, אַ הילצערנער
מיט אַ טירל אינמיטן — רויט.

און אין דעם קברות-מאַנ׳ס שטיבל
אַריינשטעלן אַ נייע שויב.
דאָס שטיבל איז גאַנץ געבליבן.
אַ דאַנק צו גאָט און אַ לויב.

געבליבן נאָר דריי מנינים,
זיינען געגנוג די שולכעלעך די צוויי.
גאָט ברוך הוא זאָל נאָר היטן,
קיין מענטש זאָל נישט מינערן פון זיי.

גאָט זאָל נאָר העלפן שפּעטער,
כן ירבו, אַ דור קומט און גייט,
און כעלעם וועט ווידער געזונט-ווערן
און וואַקסן — געזונטערהייט.

איז וואָס פאַר אַ דאגה — אַ שולכל
ווערט פאַרטיק — אַ חודש טעג.
פאַראַן נאָך אין כעלעם אַ העמערל,
פאַראַן נאָך אין כעלעם אַ זעג.

פֿאַראַן נאָך אין כעלעם אַ סופֿרל
זיצט ער רואיק בייטאָג און שרייבט,
און צום יאָר ווערט פֿאַרטיק אַ ריינִיקייט,
אַ דאַנק צו גאָט און אַ לויב.

און די לבנה איז די אַלטע לבנה
און ווערט נישט געמינערט אַ האָר.
צום חודש ווערט זי אַ פֿולע,
פֿול און שיין און פֿריש און קלאָר.

איז שלום עליכם, גאָטעניו,
עליכם שלום, כעלעמער פּני.
דערווייל נאָך דריי קליינע מנינים׳לעך,
דערווייל נאָך שולכעלעך צוויי.

✡

ל י ד

גאָט קומט שטענדיק צו אונזער מנין
אין דער קאַלטער קעלער-שול.
שטייט אין ווינקל, אין זיין טלית,
וויגט זיך, דאַווענט, אָן אַ קול.

איינער מיינט: אליהו הנביא,
איינער: אַן אָרימאַן פֿון ניט-הי.
דאַוונט-אָפּ, פֿאַרלאָזט דאָס שולכל,
גייט אַוועק נאָך זייער פֿרי.

קינדער אפֿשר מעגן טראַכטן
אויף אַ מענטשן, אַז ער איז גאָט.
אַז ער שטייט אזוי פֿאַרהוילן
אין זיין שווייגן און אין זיין סוד.

גרויסע מעגן אויך — ווערן גלויביק,
פֿרום און פֿול איז די שעה פֿאַרטאָג.
ביי די שטענדערס זקנים-יידן
פֿון אַלט-אויסטראָ און פֿון פּראָג

און פון אַלטן בראָד און קראָקע,
ישישים פון אַ גרויסער וועלט,
קומען דאָ אין קעלער-שולכל,
ווענט און סטעליע גראָ-פאַרגעלט.

דאָרט פוניענערזייט, ביים טויערל,
בלייבט אַ קליין לויה׳לע שטיין.
ס׳איז אַ איד אַ צדיק געשטאָרבן,
קליין ווערט אונזער דור שוין, קליין.

קילער ווערט אויף דער נשמה,
אָך טי, גאָטעניו, וואָס וועט זיין
פון אונזער איינגעבויגענער עדה,
וואָס שרומפט עלטער אין אַלטקייט איין.

פירט זיי איטלעכער ווי קינדער,
ביי דער האַנט אַהערצו נאָך.
ציטערדיק און טרויעריק-הייליק
יעדער אָרימער טאָג פון וואָך.

יעדער ביסל זון אין פענסטער,
יעדער שטרייפל ליכט אויפן דיל.
אשרי, וואויל איז אַ אידן אַן אַלטן,
האַלט זיך ביי זיין גרענעץ שטיל.

מיט די תהילימדיקע, גוטע שורות,
האַלט ער צו די לעצטע טעג.
אַז ער וועט פונדאַנען אַוועקגיין,
זאָל ער מיט גאָטס רו אַוועק.

און ביי וואָס וועלן מיר דאָ בלייבן?
קלאַפּ, קלאַפּ קליין העמערל אין זויל.
וועלט איז היימיש נאָך און מען קאָן נאָך
נעמען גאָטס אַ וואָרט אין מויל.

זיי היטן און באַשיצן אונז...

אונזערע דינע יינגעלעך ווערן פּלוצלונג טאַטעס.
אַלע דינען מיר דיך מיט אונזער לייב און ליבע.
דיין היימלאָז פאָלק האַלט פעסט זיך אָן דער וועלט,
ווי אין פאַרענטש פון אַ פאַרוואָגלטער שיף,
וואָס פאָרט דורך אַלע ברעגן לענדער.

די גן-עדנס גרינען, שמעקן פונדערווייטנס,
די וועלדער רייצן מיט זייער האַרבן פעך.
די שטאָט-אָרקעסטערס ליאַרעמען הללויה׳ס,
די יאַרידן קלינגען אין די קופּערגלעקער.

די פעלקער עשו׳ן און קינ׳ען און היטלער׳ן,
און מיר — אויף שיפן נע-ונד.
אַ פאָלק — אָן אָפּגעבראָכענע צווייג פון שטאַם,
פון ווינט אַן אָפּגעפליקטער בלאַט,
אויף שוואַרצע וואַסערן נע-ונד.

זיי האָבן אונז, די לעצט-געבליבענע,
די אָפּשפּליטער פון אונטער זייער האַק,
שוין נישט געוואָלט דערשעכטן.
אַ זכר אונז געלאָזט פאַר זיך פון נעכטן.

זיי וואַרפן אונז פון זייערע פעטע גרינע ברעגן
ברעקלעך ברויט און ביינדלעך אויפן שיפדעק,
מיר זאָלן אזוי גיך נישט גוססן.
זיי רייצן זיך מיט אונז פונווייטן —

ווינקען, רופן אונז מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס,
ווייזן אונז אויף זייערע זאַטע גערטנער,
אויף זייער פירות-זול, ווי דו האָסט אָפּגעשאָטן
זייערע סעדער בכל טוב ויין.

די עפל ברענען מיט פייערדיקע וויינען,
די באַרן ליכטיקן מיט געלן גאָלד און שיינען.
מיר זעען זייערע פעלדער ווייץ און קאָרן-כוואַליעס.
מיר שווימען אויף אונזער שיף פונווייטן.

ביינאַכט, ווען אַלע וועלטן שלאָפן,
הערן מיר דאָס גלותדיקע קרעכצן
פון די מאַסטן און די דורכגעגעסענע שטריק פון אונזער שיף.
אַ מאַטער פויגל שטעלט זיך אויפן מאַסט-שפּיץ
ווי אויף אַ דאָרן און פליט אַוועק צוריק.
פונוויטנס ביי די ברעגן פון די זיבן ערדן,
ליכטיקן געל די שומרים-שטיבלעך.
פענדלעך, שווערדלעך — פאַר אונזערטוועגן —
מיר זאָלן זייערע גרענעצן נישט גנבענען,
נישט צושאָרן זיך נאָענט צו אַ ברעג אפילו,
אַ שמעק צו טאָן דעם ריח פון אַ קערנדל ערד,
אַ טרינק צו טאָן אַביסעלע יבשה-לופט.

זיי היטן אונזער שטאַרבנדיקן קיום.
זיי היטן אונזער לעצטן איבערבלייב
אויף דער אויבערפלאַך פון די וויסטע וואַסערן.

☆

א י נ ג ל ע ך !

אין ווילנע לערנט מען שוין מער ניט,
אין מעזשבוש דאַוונט מען שוין מער נישט,
אין בראַצלאַוו זינגט מען נישט,
אין קאָרעץ תהילימט מען נישט,
תהילימט מען שוין מער נישט.
נאָר מיר דאָ שרייבן נאָך, שרייבן נאָך
אַ פּינקסל אין טרויעריקע גראַמען.
פאַרזינגען זיך אין די זיכרונות: טאַטע-מאַמע,
שפּילן אויס סימפאָניעס פון חורבן וואָס און ווען,
שטעכן מיט אַ דערנערדיקער פען
אין לייב פון חורבן, ווילן אים דערוועקן.

איינגלעך!
טוט אַ פּיר אַריבער אונזער פּלייצע
דער שווערער זקן מיטן אַלטן שטעקן.
כאַפּן מיר זיך צוריק און בלייבן שטעקן
מיט פולע מיילער שוואַרצער שטומעניש.

אַן אָפּגעריסן בלעטל פון אַ מעשה׳לע

. . . און איינס, אַ אינגעלע איז אַרויס פון וויגל,
און קיינעם שוין נישט געטראָפן, פאַרנאַכט.
נאָר אונטערן וויגעלע איז געשטאַנען
דאָס ווייסע ציגעלע זיינס און געוואַרט.

האָבןביידע פאַרלאָזט שטוב און גאַסן,
האָבן ביידע געלאָזט זיך אין וועג אַריין.
האָבן זיי דאָרט באַגעגנט וויסטע פעלדער
און פוסטע וועלדער און קראָ-געשריי.

האָבן זיי באַגעגנט דאָרט נאַקעטע ווינטן,
געווייעט אַהער און געווייעט אַהין;
און קינד און ציגעלע האָבן נישט פאַרשטאַנען
וואוהין ער הייסט זיי גיין, דערווינט.

זיינען זיי דאָרט ערגעץ אין וועג געבליבן,
און קיינער וועט שוין נישט וויסן וואו.
נאָר גאָט דער גוטער, וואָס טוט באַוויליקן
דעם וואָרעם זיין שפּייז, דעם שטיין זיין רו,

וועט איבער זיי זיין גענאָד פאַרשפּרייטן,
זיי זאָלן זיך דרימלען אין זייער קליין געביין.
נישטאָ שוין ווער עס זאָל נאָך זיי וויינען,
און ווער עס זאָל זיי זוכן גיין.

און ווער עס זאָל זיי אפילו דערמאָנען,
אפשר — איך? נאָר איך — אַ שעה,
אַ שעה און אַ טאָג און אַ פּאָר קורצע שורות,
און איך בין שוין אויך דאָ מער נישטאָ.

מיין טאָג ווערט שמעלער, מיין נאַכט — ענגער,
און פרעמדער פון רגע צו רגע די וועלט.
אזויפיל גוטס צו טאָן דאָ געריכט זיך
און אפילו דאָס מינדסטע אויך פאַרפעלט.

די אומות העולם

זײנען געקומען די אומות העולם
מיט די גרויסע קוטשמעס און גראָע אויגן,
מיט די הויכע היטלען און פײלנבויגנס,
און האָבן זיך געשטעלט פאַרן לובלינער טויער —
זײ ווילן אָנקוקן די זיבן אידן,
וואָס זײנען פון דער גרויסער עדה געבליבן.
זײ ווילן זען די געהויבענע העלדן,
וואָס זײנען אויף דער ערד מיט דער וועלט געבליבן.

זײנען אַרויסגעגאַנגען פונם נידריקן שטיבל
די זיבן אידן פון דער לובלינער עדה.
איז אײנער געווען אַ הויכער, אַ לאַנגער
מיט אַ לאַנגער, בלאָער צעפליקטער קאַפּאָטע
און אויף בײדע פּאָלעס, גרויסע, געלע לאַטעס.
און דאָס רעכטע אויג אַרויסגעשלאָגן,
און די אונטערשטע ליפּ אַרונטערגעהאָנגען.
נאָר דאָס לינקע אויג האָט אָפן געשמײכלט,
געשמײכלט צו די גויים פון די אומות העולם,
ווי זײ זײנען געשטאַנען מיט די גרויסע קוטשמעס
און באַטראַכט אַ אידן פון דער שארית הפליטה,
אַ לעצטן אידן פון דער לובלינער עדה.

און נאָך אים איז אַרויסגעגאַנגען אַ איד אַ צווייטער
מיט אַ רויטער פאַטשײלע דעם קאָפּ פאַרבונדן,
אַ נידעריקער פון יענעם — נאָר זײנע וואונדן
האָבן זיך ביז איצט נישט געוואָלט פאַרהײלן.
דער דאָזיקער איד האָט געהאַט צו דערצײלן
אַ לאַנגע מעשה פאַר די אומות העולם,
אַ מעשה פון אַ גאַנצער משפחה בית עולם,
וואָס איז אים פון אונטערן האַנט וואו אַנטרינען
און ער קאָן נישט קײן שאָטן פון אים געפינען.
נאָר גײ דערצײל, אַז דאָס גאַנצע לשון
האָט זיך אויף זײן צונג ביז אַ פונק פאַרלאָשן.

געווען אַ פרימאָרגן, האָט אַ ווילדע בהלה
צעפלאַקערט אין אים זיך מיט פיבער און קללה,
און ער האָט געשריגן, און ער האָט געשאָלטן,
אַזש ער האָט דעם גלעזערנעם הימל געשפּאָלטן,
נאָר גאָט איז פון דאָרט נישט אַרונטערגעפאַלן.
און איצט — נישט קיין אות, נישט קיין וואָרט אויף זיין גומען,
קוקט ער אזוי אויף די גויים, די אומות,
וואָס זיינען אים געקומען זען לשם וואונדער, —
ס'איז טאַקע אַ שטיקעלע בייזער וואונדער.

אזוי איז אַרויסגעגאַנגען אַ איד אַ דריטער,
און אַ פערטער, אַ פינפטער ביז אַלע זיבן
פאַר די אומות העולם שטיין געבליבן
מיט זייער משונה הולך און מאָדנעם שווייגן,
מיט די אידישע בערד און אידישע אויגן.
האָט איינער, אַ גוי, פון די אומות העולם
געקוקט און באַקוקט פון אַלע זייטן
די זיבן אידן פון לובלינער עדה,
און האָט זיך געוואונדערט, וואָס צווישן זיי אַלע
איז נישטאָ קיין חתן און נישט קיין כלה,
איז נישטאָ קיין קינד, קיין יתום, קיין יתומה.
די זיבן אידן זיינען געווען ווי שוואַרצע בוימער,
פאַר'שרפ'עטע שטאַמען אָן בלעטער, אָן צווייגן.
און דער גוי, דער איינער, פון די אומות העולם,
מיט צוויי ברייטע אַקסל און צוויי קלאָרע אויגן
האָט שיעור נישט געפרעגט,
נאָר האָט זיך איינגעהאַלטן,
און געוואוסט, אַז אזוי דאַרפן זיין מסתמא
די דאָזיקע זיבן אידישע געשטאַלטן,
מיט אַזעלכע בערד און אַזעלכע קאַפּאָטעס
און אַזעלכע שוויגנדיקע, גראָע מיילער.
האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ און מיט אים די אַנדערע
פון די אומות העולם, פון לאָנדאָן, אַלעקסאַנדריע,
פון ניו-יאָרק, פּאַריז, לעמבעריק, קראָקע
האָבן דערווייל נישט געהאַט וואָס צו זאָגן

צו די זיבן לעצטע לובלינער אידן,
די אייניקלעך פון אברהם און עמוס און גדעון,
האָבן זיי זיך העפלעך פאַרנייגט
וואויל-וואויל און צופרידן,
זיך אויסגעקערעוועט און אַוועקגעגאַנגען.

און די זיבן אידן זיינען אַריינגעגאַנגען
אין דער אַלטער נידעריקער, גראָער כאַטע.
אויפן ביישטידל איז געהאָנגען אַ גרויסע מזוזה
איינגעוויקלט אין אַ געלער לאַטע-שמאַטע
און אינמיטן אַ רויטער וואונדיקער שדי.

☆

אַז דו וועסט מיך פאַרכאַפּן...

קליין ישוב, אַז דו וועסט מיך פאַרכאַפּן,
נישט לאָז מיך אַרויס פון דיין האַנט.
בינד מיך צו צו דער שוועל פון דיין באַדגאַס,
שפּאַר מיך צו צו דיין מערב-וואַנט.

האָסט דיין אייגנס אַ כותל מערבי,
פון דער קלויז וואָס האָט אָפּגעברענט.
שטייט אַ חורבה מיט שוואַרצע צוויי סלופּעס —
צעשטרעקטע, פאַרבראָכענע הענט.

זיי איבערצובויען? ווער דאַרף זיי?
דריי מנינים מיט אַש-גראָע בערד?
אידן מידע מיט טרויעריקע שטערנס
טרעטן קוים אויף דער טרויעריקער ערד.

ס׳קאָן זיין, כ׳זאָל צו דיר נאָך דערלויפן,
האַלט מיך צו, שמיד מיך צו דיין גזר.
(ס׳קאָן זיין כ׳זאָל קיין כח נישט האָבן
און זיך רייסן צוריק ווי אַ נאַר.)

שפּאַר מיך צו מיטן פּנים צום שטענדער
און שטעל זיך — אַ שומר ביים טיר.

לעצטע לידער

נישטאָ מער קיין וועלט און קיין לענדער,
נישט פאַר גאָט, נישט פאַר דיר, נישט פאַר מיר.

☆

ז י י . . .

זיי זיינען מיר געוואָרן שוועסטער, ברידער,
ווי זייער אָנדענק אייביק, זאָלן כאָטש די קליינע לידער
אַ פּאָר קליינע לידלעך מיינע, נאָך זיי לויכטן בלייבן,
גיב מיר, גאָט, כאָטש אָט דעם פונק פון גלויבן.

עס האָבן מיך אַרומגערינגלט בלינדע דערנער-דאָרנס,
רשעים צישען אין באַהעלטעניש אויף מיין קיום.
בין אַ האַלבע וועלט מיט וויסט און עלנט אויסגעפּאָרן
זוכן, אויסזוכן דאָס דערפּעלע עניים.

און פרימאָרגן, ווען איך האָב אַהין געטראָפן
האָט דער טויט זיי אַלע שוין געלייגט דאָרט שלאָפן.
דאָס בית-עולמל איז שוין האַלב-גרין פאַרוואקסן,
אַ מצבהלע ביים פּלויטל מיט אַ קרומען אַקסל
האָט זיך איינגעבויגן און אזוי געבליבן,
און קיין וואָרט אויף דעם נישט אָנגעשריבן.

האָב איך פרום אַראָפּגעקניט און מיט אַ נאָגל
אָפּגעקריצט דעם נאָמען פון אַ איינגעלע אַ ליבן.
ער איז אַמאָל געפאָרן אויף אַ געפּאַקטן וואָגן
מיט אונז — אַזעלכע אידן דורכגעיאָגטע, דורכגעטריבן.
ערגעץ זיינען מיר זיך אויפן מיטן ווילדן וועג צעלאָפן — —
ס'האָט געברענט דער מערב,
ס'האָט געברענט דער מזרח,
און געפלאַקערט דער צפון.
איינער האָט דעם צווייטן שוין נישט מער געטראָפן.
איך נאָר בין דערווייל אינמיטן וויסטן וועג געבליבן.

און די וויסט איז הפקר
אויף אַלע הפקר'ס אָפן.

יתומים

טאַטע, פאָטער פון יתומים,
טויזנט גריבער מיט יתומים.
כ׳זעץ זיך אויף אַ פּוסטן קוימען
און איך זינג צו דיר אַ הימן,
און איך לויב דיין גרויסן נאָמען
פאַר דיין מורמלען: אמן, אמן,
נאָכן קדיש פון פאַגראָמען.

כ׳האָב געהערט דיין קול דאָרט, טאַטע,
טאַטע פאָטער, בורא-עולם.
כ׳האָב געזען דיין שאָטן שפּאַנען
ביי דעם פּלויט פון דעם בית עולם
הינטער אונזער קליינער עדה.
זיבן אידן און דער זיידע,
אונזער זיידע פון פלך שפּאָלע,
און דער קאָריצער באַלעגאָלע.
אַלע האָבן זיי געשוויגן.
נאָר דער זיידע האָט דער ערשטער
צוגערוקט זיך צו ר׳ הערשלען,
אונזער קאָריצער באַלעגאָלע.
הערשל האַרציקער, וואָס שווייגסטו?
הערשל טייערער, וואָס בייגסטו
צו דער ערד דיין אַלטע פּלייצע?!
הערשל, זאָג אַ וואָרט אַרויסעט!
הערשל, רעד און גיב אַן עצה.

הערשל האָט געטאָן אַ ציטער,
אויפגעמאַכט אַ ווייל די אויגן
און — שווערער נאָך זיך איינגעבויגן,
איינגעגראָבן אין זיין שווייגן.
און דער גוטער שפּאָלער זיידע
האָט געוואוסט אין יענער רגע,
אז נישטאָ איז וואָס צו ריידן,

אַז נישטאָ איז וואָס צו זאָגן,
און מען דאַרף דאָס שווייגן טראָגן
וויפיל ס׳וועט זיך לאָזן טראָגן;
און ער האָט אַלץ נענטער, נענטער
איינגעטוליעט זיך אין הערשלען,
און נאָך אים די קליינע עדה.

טאַטע פאָטער, זע, נישט צאָרן
אויפן אָרימען שפּאָלער זיידן.
זאָלסט אים איצט צו-גוטס געדענקען
אינם זכות פון דער עקדה, —
אינם זכות פון אַלע קינדער
אין טרעבלינקעס ווייסן ווינטער,
מיט די הויכע קוימנס רויכן,
וואָס זיינען צו דיר אויפגעגאַנגען
ווי פון הייליקע מזבחות,
מיט די ביטער-ביטערע ריחות.
טאַטע פאָטער, פאָטער טאַטע,
ברוך הוא און ברוך אתה.

אַ גאַנצער דור

אַ גאַנצער דור אין איין קבר,
אַן אבל — אַ גאַנצער דור.
ווען ס׳וועט ווערן צער עס לייזט אויס אַ לעגענדע,
אונזער פּיין — נישט דערלייזטע וואָר.

נישט די געלע היטלער-לאַטע,
נישט דייטשלאַנד׳ס פאַרשוועכן די וועלט,
נאָר די שאַנד, וואָס די האַנט פון אונז אַלע
האָט די טומאה אויפגעשטעלט.

די פאַרזינדיקטע תמימות פון קינדער
פאַלט אויך נאָר אויף אונזער קאָפּ.
ווער עס קאָן נישט פאַרוויגן זיין ווייטיק,
האַלט פינסטער די אויגן אַראָפּ.

און האַלט זיך ביים וואַנט, פאַרלאָרן,
און טרעט אויף אַ הינטערשטער גאַס,
וואו דער הילפלאָזער, גרויסער טרויער
שטומט אין זיין חורבן און אַש.

אויך דאָ ביי אונז איז חורבן
כאָטש דער מויער שטאַרט נאָך הויך.
אין די אָרים-דערשלאָגענע אויגן,
ביטערט פינסטערער, סמ׳יקער רויך.

און דער זוניקער מאַראַנץ דער רויטער
ווערט פאַרגיפט פון זשעדנעם בליק.
די איידעלע האַנט פון וואוילטאָג
פלעכט די גראָבסטע תליה-שטריק.

אָ, ניט זינג מיר דיין הימן צו פרייקייט,
און נישט לייען מיר וואָלט וויטמאַנס פרייד.
כ׳פיר אַ טשערעדע קינדער-שאָטנס,
פון די היטלערישע שטאַלן פון טויט.

איך פיר זיי פון האָפן צו האָפן,
און די שיפן אַנטלויפן פון ברעג.
בונטע פאָנען פלאַטערן חוזק
איבער לענדער פון קברים און שרעק.

שוין זיבעצן מאָל האָט אַ קלאָגליד
ווי אַ וואונד פון מיין ליפּ זיך געשפּאַרט,
און אַ תוכחה-בייטש אויף מיין לעבן,
וואָס באַהאַלט זיך אין פאַלד פון פאַרנאַכט,

און צירקלט מיט גרילן מזמורים,
און לויערט אויף לבנה׳שע טריט —
און קיין איינציקן טראָט פון אַ גזלן
פונם קינדערשן דאָרף נישט פאַרהיט.

ליגט דאָס דאָרף — אַ בית עולמ׳ל שאַרבנס,
איז וואָס זאָל איך לירישן דערויף,
און טראָגן מיינע בינטלעך געזאַנגען
אין גאָטס ליידיקן, פוסטן הויף?

זאָל זיי נישט געשוויגן ווערן!

כ'וועל זינגען לעצטע פּרקים אידיש
אויף מיין פידעלע מיין דינעם,
וועלן איינדרימלען די גראָע שטויבן
אויף די הייליקע רואינען.

אידיש איז מיין טויטן-וויגליד
פאַר די זעקס מיליאָנען אידן,
וואָס די וועלט האָט אויסגעקוילעט —
פאָרט מען מער נישט אויף יאַרידן.

טשאַטעווען אומזיסט אין וועלדער
די באַהאַלטענע גזלנים,
קוקן דורך די בוימער-שפּאַרעס
ווי פאַרלוירענע נאַראָנים.

נישט קיין איד אויף אַ רפואה,
זשאַווערן די לאַנגע מעסערס.
אויף די אידישע הייזער, קראָמען,
הענגען לאַנגע, שוואַרצע שלעסער.

ס'האָט דער טויט זיי אויפגעהאָנגען
און די שליסלען ווייט פאַרוואָרפן.
זיי זאָל אײדעלער פּאַגראָמשטשיק
זוכן, ווען ער וועט זיי דאַרפן.

אפשר וועט ער זיך דערמאָנען,
אַז עס זיינען דאָ נאָך סודות
אין די טויטע, קאַלטע קלייטלעך,
אַז ער דאַרף נאָך האָבן עדות.

אַז אַ דייטשער מיאוס'ער ממזר
איז דאָרט פלוצלונג אויסגערונען
און מען האָט אַ רויטן בלוטפלעק
אויף אַ קאָטשערע געפונען.

נו, דערצו וועט שוין נישט קומען,
ווי צו זיי, צו אונז, צו אַלע;
זאָל כאָטש אונזערנס אַ יתומ׳ס
בייזע, שוואַרצע קללה פאַלן

איבער זייער דייטשלאַנד׳ס קיום,
וואָס זיי האָבן אויסגעכאָוועט,
איבער זייער דייטשלאַנד׳ס טעמפקייט,
וואָס זיי האָבן אויסגעקאָוועט

אויסצושניידן אונזער לעבן.
זאָל זיי נישט געשוויגן ווערן
אונזערע זיידעס לעצטער טרויער,
אונזערע קינדערס לעצטע טרערן!

☆

ק י נ ד ע ר

איך שריי אָן אויפן ספק: דריי נישט קיין קאָפּ,
כ׳וועל נישט אויפהערן שרייבן פאַר אידישע קינדער די לידער.
כ׳לויף אַוועק צו דעם איינבינדער: נעם דאָס בינטל בלעטלעך
און בינד זיי מיר איין ווי מען בינדט-איין אַ סידור.

צוויי טונקעלע טאָוועלעך און, געדענק, נישט באַגילדט,
דער רוקן — פון לייוונט פון גראָען, פון פּראָסטן.
אויפן רוקן — איין וואָרט און אינעווייניק דאָרט
גייט אַרום אַ מענטש פון גאָט אַ פאַרלאָזטער.

נאָר ער זאָרגט זיך ניט שטאַרק: ער ווייסט זייער וואויל,
אַז גאָט וועט תמיד נאָך אים זיך פאַרבענקען
און קומען צו אים אין אַ מיטן בייטאָג
און זיך זעצן לעבן אים ביי דער טיר אויפן בענקל,

און רעדן מיט אים שטיל דברי נעכטיקע טעג,
די נעכטיקע טעג — סאַר׳אַ פרייד, סאַר׳אַ תענוג
צו רעדן פון זיי, אַזש עס ווערן פון זיי
די אויגן און ליפּן דיר שיכור׳לעך, וויניק.

און וואָס דאַרף מען מער ? און וואָס קען זיין מער ?
ווער קען זיך דען באַוואָרענען אַ רגע אויף מאָרגן ?
די היימישסטע, נאָענטסטע פריינט ביי דיין טיש
זיינען די וואוילע, גוטהיימישע זאָרגן.

דו עסט מיט זיי תמיד גאָטס אָרימלעך ברויט,
דו טרינקסט מיט זיי אייביק גאָטס וואַסער : לחיים.
זיי טוען דיר ווי, נאָר דו שמייכלסט צו זיי, —
וואָס וועסטו אויף קינדער אויף קרענקלעכע שרייען ?

☆

איך בין אַ לערער

איך בין אַ לערער פון אַ שול דאָ אין אַ הינטערגעסל,
קינדער זיינען אונטער מיינע הענט שוין גרויס געוואָרן.
וואָסער אידיש ליד האָב איך אין זייער האַרץ,
אין זייער לייב און לעבן נישט אַריינגעזונגען ?
נאָר אַז איך גיי פאַרנאַכט אַהיים פון מיין בית-תורה,
גייט מיר נאָך אַ לאַנגער שאָטן מרה שחורה,
און שושקעט מיר אין אויער : לערער, רבי,
מער קיין קינדער וועל איך דיר נישט געבן.
מאָרגן, איבערמאָרגן וועלן זיך צעלויפן די תלמידים
אין די הויכע גאַסן, אויף די גרויס-יאַרידים,
און וועסט קומען אין דיין חדר אינדערפרי ווי תמיד,
וועט אויף איטלעך בענקל זיצן שטיל אַ קינדערישער אומעט.
וואָסזשע וועלן מיר היינט, ליבע אומעטלעך, טאָן שרייבן ?
די מעשה פון דעם אידן וואָס האָט געוואָלט פאַרבלייבן
אין דער ברענענדיקער שול, ווען גאָט אַליין
האָט אויסגעשטרעקט די האַנט אים ראַטעווען פון דאָרטן
און אים ברענגען אין זיין עדנ׳דיקן גאָרטן.
ער האָט זיך פרום אַרומגענומען מיט זיין שטענדער — —
אַזעלכע זאַכן זיינען וואָרער ווי לעגענדע.

מ י ט א ו נ ז . . .

מיט מיר, מיט דיר איז מיטגעגאַנגען
נישט נאָר דער זאַפט פון יענער ערד,
וואָס איז אין אונזער בלוט צעגאַנגען
און זיך אין אונזער קול געהערט.

נאָר אויך דער פרעמדער פאָרכט און אומעט
פון די פאַרנאַכטיקע קלויסטער-קלענג,
דאָס ציטערליכט פון דעם נר-תמיד
אין שול — און להבדיל — פון שפּעטן שענק.

דער זילזול זשיד אין טמא לידער,
געראַנגלט זיך, צעמישט, צעשיידט.
איז דען ניט ביי דער שוועל פון סידור
געשטאַנען ווי פאַרבלאָנדזשעטערהייט

אַ גויאיש וואָרט? האָט אים בידידות
דער בעש"ט גענומען פאַר אַ האַנט
און אים באַהעפט מיט אידיש, חסידות,
ביים שטענדער לעבן זיך, ביים וואַנט.

דער אויסלייזער, דער תיקון-געבער,
אַ, ברידער דיכטער, הערט פאָרט מיך אויס,
נישט לאָזט דעם טייערן נאָמען רבי
פון אונזער נייערן גבול ארויס.

איר, וואָס איר זענט נאָך היינט מצרף
דעם ווייטסטן נעכטנס אַ יונגען קלאַנג,
פאַרוואָגלט פון אַ מנחה-מעריב,
ביז צום געלייטערטסטן געזאַנג

פון אייער ליד אין אַנגסט פאַרציטערט
אין אַזאַ איינזאַמקייט, וואָס האָט
דורך אייער ביין דאָ דורכגעלויטערט
און נישט געקומען ביז פאַר גאָט.

איך שווער אייך: נישט קיין אות, קיין אָטעם
פון אייער ליכט, פון אייער וואָרט
וועט נישט פאַרגיין אין ווינט, אין שאָטן
און וואו דאָס פאָלק וועט נאָר אַן אָרט

פאַר זיך געפינען, וועט אויך רוען
אין לעבעדיקער זון דאָס ליד,
וואָס איז אי הייליקייט, אי שבועה,
און גייט מיט אַלע דורות מיט.

ווי לאַנג עס קאָן זיך נאָך אָנצינדן
דער טראָפּן טינט אויף אונזער פען,
איז אונזער וואונדערלעכער טינטער
בעל-שם-טובס ברונעם — איר וועט זען.

☆

ה י י נ ט

צערויעטער, רויער, צערודערטער היינט,
ביזטו אויכעט נישט מער
ווי אַ נידריקער, טרויעריקער טאָג
ביים ברעג פון פאַרנאַכט,
ווי ביים סוף פון דער וועלט?

מידקייטן פאַלן ווי בליי איבער אונז,
ווי אַ פליג אויפן שויב.
און דער יונגסטער פון אונז
ווערט זיך אָפּט אזוי שווער
ווי דער שטיין, ווי די ערד,
איז אַן אייביקייט אַלט.

ס׳קומט אונז פאַר,
ווי פון ווייט, פון דער פרעמד,
האָט די זון אונז געשטראַלט.
די פינסטערניש ליגט אונז אין זאַמדיקן לייב,
דער קערן פון טויט
אונטער דער ווייסער הויט.

און דער יאוש,
אָט דער דאַרער געהויקערטער זקן,
שפּאַרט זיך אָן אויף זיין שטעקן,
און לייענט מיט אַ טרוקן מויל
ווי פון אַ פינסטערן ספר אַרויס:

די שווערד ווערט נאָך נישט קיין אַקער.
שווערד און אַקער און זוניקער זייל,
ווערן זשאַווער און געלזאַמד און פויל,
און דער וואָלף און די שאָף
און די חיה פון פעלד, —
צום טויזנטסטן גילגול רויט וואונדיק געביין
פאַר די גאָלדענע ציין פון דער זון.

און די זון איז וואָלף,
און די שאָף איז שווערד,
ביטערער טרויער פון דער ערד.

און דערפאַר,
בלייבן מיר שטיין אַלץ אינמיטן דעם מאַרש,
אַלץ אינמיטן דעם אייביקן מאַרש.

☆

אַזאַ מין שטילקייט

כ׳וועל אייך זינגען אַ ליד פון דער צייט:
די צייט איז איצט פרילינג און קריג.
גאָט העפּט אויס נייע הימלען פון זייד,
און איך ווייס נישט: פון נאָענט צי פון וויט
האָט זיך אומגעקערט אין מיין פענסטער צוריק
די היימישע זינגערין, די פליג.
און מיין שכנה — אויגן בלייך און בלוי —
שפּרייט אַ ליילעכל, וואָס זי האָט אויפגעניייט
פאַר איר ערשטלינג — אין דער קליינער וויג.
און דער מאַן איז אין די פעלדער פון קריג.

נאָר אונטער דער סטעליע איז איצט שטיל,
דאָס פאַרהאַנגל איבערן פענסטער ווינטלט זוניק, קיל.
דורך אַ שפּאַרע פון שויב ווייט אַריין
דער פרילינג זיין אָטעמדיקן ווין.
און רואיק איז די צייט אין די פיר ווייסע ווענט,
און אויפן קינדערשן שלאָפנדיקן שטערן אויך,
אויף דער מאַמעס קאָפּ, אויף אירע מידע הענט,
פאַרקרייצט איבערן האַרצן ווייס און בלייך.
נאָר איך ווייס נישט: ווער שפּרייט די שטילקייט אויס
איבער אַלע פיר ווינקלען אינדעמדאָזיקן הויז?
צי די שרעק פאַר אַ בשורה אין דער נאַכטיקער שויב,
צי דער מעשיקער וועלק אויף דער מאַמעס לייב,
צי דער בלינדער גורל איבערן שלאָפנדיקן וויג,
צי דאָס געהיימע זשומען פון דער איינציקער פליג,
צי דער טויטער פליגל פונאויבן איבערן דאַך,
וואָס האַלט טאָג און נאַכט אומהיימלעכע וואַך.
איך ווייס נישט פונוואַנען די שטילקייט גייט אויף
אין ווייס-דינע שטענגלעך פונם קאַלטן דיל
ביז דער קילער ווייסקייט פון דער סטעליע אַרויף.

☆

מלחמה־ליד

די שווערד האָט צעאַקערט די פעלקער,
פאַרזייט שוואַרצע קערנער מגפה.
עס וועלן אַרויסוואַקסן בלוטיקע זאַנגען,
פעלדער מיט גיפטיקער שרפה.

די בערגלעך דרימלען, די העלדן שלאָפן,
דער טרויער אין די דאָרפישע שטיבער.
אַ וויגליד וויגט זיך אונטער די גראָע באַלקנס:
דיין טאַטע איז אַ העלד, אַ גיבור.

דעם שונא פאַרטיליקט, זיין פעלד פאַרוויסט,
פאַרסמ׳ט זיין טייך און זיין ברונעם.

שוין זיבן יאָר אַז ער גייט אַהיים,
און איז נאָך ביז היינט נישט געקומען.

שוין זיבן יאָר אַז ער בלאָנדזשעט אַרום,
און קאָן נישט דעם גרענעץ דערקאָנען.
ער האָט אַזויפיל שיינע סימנים געהאַט
און קאָן זיך קיין איינס נישט דערמאָנען.

☆

צייטליד

איך טו נישט אויס פון זיך
דאָס צעפליקטע קלייד פון דער צייט
און נישט די גראָבע, שווער סאָלדאַטסקע שיך.
כ׳פאַרטויב נישט מיינע אויערן פון מיאוסן קול אירן,
וואָס קראַקעט, האַווקעט, גרילצט און שרייט,
נאָר ווען איך טרעט די שוועל אַריבער פונם ליד
לאָז איך ס׳בלאָטיק-בלוטיקע לבוש פוניענערזייט.

נישט ווייל איך בין אַן איידעלער געפּאַטשקעטער פאַרשוין
און נישט ווייל ס׳איז דער דאַך פון זינגענדיקן וואָרט
איבער מיין קאָפּ — אַ שטאָלצע קרוין,
נאָר פונם גרויסן הקדש פון דער וועלט
איז דאָס מיין טאַטנס שטיבל פון עק-גאַס,
מיין עלטער-זיידנס אָרימער געצעלט,
וואָס כ׳וויל פון חורבה און פון טומאה ראַטעווען.
זאָל דער אייזערנער דיקטאַטאָר פון געשיכטע
קומען מיט זיין האַק און מיט זיין רוט
זיך וואַרפן אויפן לייב און לעבן פון מיין ליד,
עס פייניקן, עס בראַנדיקן און קאַטעווען,
פאַרברענען עס אויף אַש אין קאַלעך-אויוון,
איך וועל נישט אָפּמעקן קיין האַלבן אות
אויף זיינע נידעריקע טויערן — פון אייביקן מה-טובו.

ביי דעם עלנט

ביי דעם עלנט, ווי ביי אַ שטרענגן לערער,
האָב איך געלערנט ערנסטקייט צו זיך און וועלט.
ס'דאַכט זיך מיר, אַז ס'איז נישט אַזוי שווער גאָר
זיין אַליין אַ שטיין — אַ שטיין אין פעלד.

זומער קילן אים די גוטע אָוונט-ווינטן,
און אַ מענטש אַ שטילער רוט אויף אים זיך אָפּ.
קיינמאָל דאַרף אַן אונזעריקער נישט פאַרגעסן,
מעשה-חומש און דעם שטיין אַהינטער יעקבס קאָפּ.

נאָר אויף אַזאַ וועג-געלעגער חלומט זיך מלאכים,
און דער חלום אייביקט איבער אַלע ווייטע טעג.
שטענדיק דאַכט זיך מיר, אַז איך אַנטלויף פון וועמען,
תמיד זע איך זיך אַליין אינמיטן וויסט און וועג.

נאָר אַ נס, וואָס איך דערגיי ערגעץ אין מיינע לידער,
רו זיך אויף זיי אָפּ ווי אויף אַ באַנק ביים פלויט.
די פיר ווענט פון מיינע סטראָפן — מיין שטאָלצער בנין;
מער האָב איך פאַר זיך נישט אויפגעבויט.

כ'רוף אַריין אין זיי אַמאָל אַן אורח פון פאַרצייטן
צוליב היימלעכקייט — אַ שאָטן כאַטש מיט זיך ביים וואַנט.
נו, וואָס הערט זיך דאָרטן אין ארם-נהרים ?
פרידן אין די אַלטע שבטים, אין שלווה רוט דאָס לאַנד.

☆

טורעם

אַ טאָג וועט קומען און מיינע קינדער
וועלן קומען זייער קרבן-חוב ביי מיר מאָנען.
וועלן שמייכלען טרויעריק פונם פיקטיוון אוצר
וואָס כ'האָב אין מדבר-זאַמד געגראָבן,
און אין חלום זיך אַ וועג געפּלאָסטערט צו אַ באַרגיק לעבן.
אַהין, הייסט עס, וועל איך אַרויפקומען אַליין

און גאָר דאָס בלוטיק-לייבלעכע פון הי
אַהינטער זיך געלאָזט אָן זכות.

און ס'הייסט:

איך וועל אַריינגיין אין מיין ווייסן מירמל-ארמון
און מיר פאָרויס — מיין שטאָלצער שאָטן,
און הינטער מיר פאַרהאַקן זיך די טירן.

און כ'בלייב שטיין אַליין אין מיין געלייטערט-שלאַנקער חשיבות,
באַטראַכט מיין היכל, דעם הימליש ליכטיקן סופיט,
דעם גרינעם פלוש-דיוואַן אונטער די טריט,
די איידל-שלאַנקע פענסטער פון קאָלירט קרישטאָל,
אויף איטלעכן אַ וואונדערלעך געמעל פון אַן אַפּאָסטאָל.

איך טרעט צום עמוד צו.
אויפגעעפנט ליגט דאָס בוך פון לויב.
כ'זינג-אויף די ערשטע שורות שיינגעזאַנג,
און פון אַ ווינקל פון אַ פינקלענדיקער שויב
קלינגט מיר אַנטקעגן אָפּ אַ ווידערקלאַנג —
אַן עכאָ פון אַן איינזאַם-ווייטער וועלט,
זינגט מיט מיר דעם הלל-לויב צו גאָט,
און — די טירן זיינען צוגעמאַכט.

פוניענערזייט ליגט גרויס און קיילעכיק די אייביקע ערד
מיט טייך און וואַלד און פעלד.
דאָרט גייט מיין זון אין מי נאָכן אַקערס שניט,
דאָרט בעטלט מיין אַ קרוב אויפן טומל פון יאַריד,
דאָרט משפט מען זיך אינם הויז פון דיך,
דאָרט קריגט מען זיך מיט גאָט און געץ.

און דאָ:

מיין ווייסער שטול פון עלפאַנטביין,
מיין זילבערנער טיש,
מיין גאָלדן בעט,
און גאָר די קלאָרקייט און קרישטאָל

פון דער דערהויבענער שעה,
וואָס כ׳האָב געחלומט אין מיין ליד,
געניגונט אין מיין געבעט.
די פולע, פולע זעט.
די פולע רו פון גאָטס גענאָד.

נאָר כ׳בין נאָך עפּעס שולדיק-געבליבן צו מיין בלוט-און-לייב
פוניעגערזייט דאָרט אינם אומרו, ווינט און שטויב.
די הויכע טירן לאָזן נישט אַריין קיין שאָרך אַהער.
די וועלט בלייבט שטום און בלינד און טויב.
כ׳נעם העכער זאָגן די קאַפּיטלעך לויב.
די זינגער מורמלען ערגעץ אונטער דאָרט
פון הינטערן סופיט.
קיין עפּענונג, קיין שפּאָרע זעט זיך ניט.

☆

צו מיין ליד

איך זאָג צום ליד מיינעם,
אין אַזעלכע טעג, ווען ס׳דאַכט זיך אויס
אַז ס׳איז דער גאַנצער שבט-אדם איין גרויסער גזלן:
מעג מען עס פאַרניגונ׳ען זיך מיטן וואָרט?
מען מעג דערמיט נאָר בעטלען אַ נדבה,
בעטן נאָר אַ שטיקל דאַר-ברויט,
אַ האַרטן נאַכטלעגער הינטער אַ פּאַרקאַן
אין אַ פרעמדן הויפל הינטערן שטאָט-גאָס,
אָבער אַ ניגון? נחת-רוח?
ליד איז שאַלונג פאַר אַ יומטוב.
נישטאָ מער קיין יום-תהלים מזמור-לעתיד.
אפשר וועלן נאָך אַמאָל יומטובים קומען.
ווען דו זאָלסט זיי דערלעבן, נאַרישער עזריאל,
וועסטו זיי דען קענען קוקן אין די אויגן.
זיך אַליין נאָר קאָן מען נאָך אַ מורמל געבן אין די ליפּן.
אָבער ניגון? ניט פאַר אונז געדאַכט,

ניט פאַר אונזער דור געדאַכט.
ניגון — איז יומטוב,
ניגון — איז שכינה,
ניגון — איז אמונה און עליה
און מיר — די יורדי חושך
מיר — די יורשים פון צלמות
האָבן נישט דעם זכות אפילו
נישט פאַר קבר-אבות.

☆

אַ ל י ד

אינמיטן וועג ליגט דער הייליקער בוים
שוין טויט — טויט-אויסגעצויגן.
דער לעצטער פויגל — אַ ווייסער בליץ
איז אויף אים אָנגעפלויגן.
שוין לאַנג אַז ס׳האָט שוין קיינער ניט
זיך אָפּגערוט אין זיין שאָטן.
פאַרפאַלן ערגעץ וועלט און וועג
אין וויסטן שאָדן.

אַ מדבר פעלדגרין, הימל בלוי
און טייכגערויש פונווייטן.
אַ טשערעפּאַכע קריכט — די צייט
קוקט שטום פון אַלע זייטן.
וואו כ׳האָב געזען דאָס דאָזיקע בילד ?
אין חלום מנ-הס-תמא ?
און האָב די ווערטער פון דעם ליד,
די שורות, די גראַמען,

דאָרט אויך געהערט און וויס און וויס
אויך דעם באַשייד פון חלום.
מ׳רעדט זיך אָן אַזויפיל רייד
פון טויט און בלוט און שלום,
און וואָס אונז געשען איז נאָך

נישט אָפּגעשען אינגאַנצן.
אויף אַלע אונזערע חתונות קומען
אויך טויטע טאַנצן — — —

אַמאָל מיט מיר, אַמאָל מיט דיר,
אַמאָל — אין ראָד מיט אַלע.
אַמאָל צעטאַנצט זיך די אַנגסט אַליין
אין האַסט — אַוועק-צו-פאַלן.
נישט איטלעכער דערזעט עס קלאָר,
נאָר אַלע דאַכט זיך ווייסן.
נאָר מען באַהאַלט עס שטום אין זיך —
אַ סוד אַ בייזן.

אין חלום פון דער נאַכט כאַפּט ער
זיך אויף — מיט אָפענע אויגן —
אינמיטן וועג ליגט דער הייליקער בוים
טויט-שטום און אויסגעצויגן.

✡

דעם דיכטערס ליד...

כ׳שריי אויפן וואָרט אָן: שאָדן! שטן!
און עס דרייט פון מיר זיך אָפּ.
חנ׳עוודיק — זיין שמאָלער שאָטן,
נאָר אַ ברכה אויף זיין קאָפּ.

טרעט איך צו צו אים פּאַמעלעך:
כ׳האָב דיך ליב, נו, קוק צו מיר.
ס׳איז מיר אויפן האַרץ נישט פריילעך,
לאָז איך אויס דעם סם צו דיר.

אָבער וויסן זאָלסטו וויסן,
אַז אָן דיר, וואָס בין איך, וואָס?
פון די וועלטן אָפּגעריסן,
נעבעכדיק, צעטראָטן גראָז.

איך האָב אויערן מיט טויבקייט,
אויגן — פול מיט בלינד און נאַכט.
דאָס האָסטו דאָס ליכט פון גלויבן
אין מיין האַרץ אַריינגעבראַכט.

צו דער וועלט מיך צוגעבונדן
מיט אַ דינעם פאָדעם נאָר.
מיינע לידער אָנגעצונדן —
ליכט און יומטוב פאַרן דור.

אפשר נאָך אביסל לענגער —
ביזן בלוי פון יונגסטן טאָג.
דו וועסט שענקען, דו וועסט ברענגען
וואָס דו האָסט אונז צוגעזאָגט.

☆

אַ גריל לעת ערב

אין די ווידויים אין מיינע,
ציטערט תמיד אַ שורה געבעט:
פאַרלענגער די רגע, דעם טאָג
פון מיין אָפּשטעלן-זיך
אין דער דאָזיקער אכסניא.
נאָך אַ בעכערל זון,
נאָך אַ קעלישאָקל ליד.
מה טובו, ווי גוט זיינען דיינע ווייגען,
געמישט מיט די סמ׳יקע פיינען
וואָס איטלעכן איז דאָ באַשערט —
און דו לאָזט נישט אויס קיינעם.
ווי גוט וואָס דו לאָזט כאָטש נישט אויס טאַקע קיינעם.

איך בין נישט קיין מבין
אויף די קרוינען פון כבוד,
לעיני די דרויסנס און געמאַרקן.
כ׳בין אַ גריל לעת ערב

און פידל פאַרן שאָטן לעבן פאַרקאַן
אונטערן פאַרדרימלטן האַלב-הימל
איידער ס׳כאַפּט זיך אויף דאָרט אַ שטערן,
אַ דימענטיק בלימל, —
כדי איך זאָל אַנטשוויגן ווערן.

☆

פאַראַן אַ גרויסער אמת

פאַראַן אין דער וועלט אַ גרויסער אמת
און אַלע זוכן מיר אים אַרום.
דער זוכט אים מיט אַ שווערד אַ בייזער,
דער — מיט אַ ליכטל קליין און פרום.

דער דריטער — מיט געבעט און האָפנונג
און מיט עניוות פאַר גאָט און לייט,
דערפרייט זיך יעדער רגע — ס׳דאַכט אים,
ער זעט אים פינקלען פונדערווייט.

און איך און מיינע ברידער-דיכטער,
מיר זוכן אים אין אַ זילב, אַ וואָרט
און הערן אים אין די אותיות קלינגען
ווי אַ גאָלדן גלעקל דאָ און דאָרט.

נאָר אָפטמאָל קומט דער שאַרפער צווייפל
און שפּאָסט: ווי לאַנג איז דאָס דער שיעור
צו נישטערן און זוכן און קלאַפּן
אזוי פאַרגלויבט אין אַ פאַרהאַקטער טיר?

און איטלעכער פון אונז דערשרעקט זיך,
און מער ווי אַלע — דער צווייפל אַליין.
אַנטלויפט, באַהאַלט זיך אין אַ ווינקל
און קומט שפּעטער נאָכאַמאָל צוגיין.

כ׳וועל עולה־זיין צום קבר...

כ׳וועל עולה-זיין צום קבר
פון דעם צאָרנדיקן, איינגעמידטן דיכטער:
משה לייב, ס׳איז נאָך דאָ אומעטיקער געוואָרן.
דער שיכור׳סטער פון אונז האָט זיך שוין אויסגעניכטערט.
באַלד און קיינער וועט שוין דאָ נישט טועם זיין
קיין ליכטיק אידיש אות
און נישט קיין ברכה מאַכן
אויף אַ זינגענדיקער אידישער שורה.

דאָס בינטל „יונגע״?
מען זאַמלט זיך שוין צו די בערגלעך פון די אבות,
מיט אומעטיקן כבוד דיר צו מעלדן.
דילאָן האָט זיך צוגערוקט צו מאָריס ראָזענפעלדן,
זישאָ לאַנדוי — צו יהואשן.
אונזער איינציק הייליק שטיקל דרויסן:
די איינגעשטילטסטע בערגלעך.
וואָס איך בין דערמיט איצט אויסן?
נישט קיין דערנער, נישט קיין רויזן.

☆

ברידער מיינע, דיכטער...

ברידער מיינע, דיכטער,
אין די פאַרוואָרפנסטע שפּראַכן, העקן,
אויף אונזער זון, אויף אונזער הימל,
האָבן לעצטנס זיך גענומען ווייזן
אומהיימלעכע און משונה׳דיקע פלעקן.

אָ, איר אויסגעפּרואוטע, אויסגעלייטערטע
און ערלעך־הערלעכסטע סבלנים,
בלייבט זיך ערלעך און געטריי ווי תמיד,
זאָלן נישט די אימה׳ס און די פּחדים
פאַרטונקלען אייער אויסגעשליפענעם דימענט —
אייער לויכטנדיקן אומעט.

איר האָט נישט אויף קיין האַלבן טאָג אפילו
דער וועלט דער מאַמעדיקער דאָ
מיט אייער וואונדערלעך ריין לעבן
און מיט אייער ליד — נישט אויפגעהערט צו דינען.
ווי וואויל וועט זיין דעם בלאָנדזשענדיקן דור,
וואָס וועט צום שוועל פון אייער ליד
נאָך פרי פאַר זונפאַרגאַנג, דעם וועג געפינען.

☆

ד ו אַ ל י י ן . . .

דו אַליין נאָר, דו,
ווערסט עלטער, קלענער, נידעריקער.
דיין האַנט, דיין וואַנט,
דיין אויגנבליק — ציטערדיקער.
די וועלט בלייבט גרויס און שטאַרק און ניי,
טייכן, הויכן, וועגן פליסן בלוי און פריי.

די צייט ציילט אירע טעג
אויף זוניק-דורכזיכטיקע פינגער.
און רואיק, שטילער ווערסטו,
לויטערער און גרינגער.

כ׳זע דיך אין דיין שפּעטער שעה
אַרויסגיין פון דער גרויסער וועלט —

אזוי גייט פרידלעך-שטיל ארויס
אַ פריער זומערטאָג פון אַ קליינעם, גרינעם ישוב
דורך די גאָטיש-קליינע טויערלעך פונם פאַרנאַכט.

גאָט האָט אָפּגעטאָן די גרויסע, ברייטע פעלדער כישוף —
זיי ליגן ווייט און פריי אין זייער שיינער רו אַנטקעגן
און ס׳טוקן זיך אין צאַנקענדיקן האָריזאָנט די טיפע וועלטן-ברעגן.

ל י ד

ביזט אַליין געווען ביי איטלעכנס טיר,
אין יעדנס שוועל זיך אָנגעשלאָגן.
די גלייכגילט שטומט: וואָס ס׳שווערט אויף דיר
וועסטו אַליין נאָר מוזן טראָגן.

ווען קיינער איז שוין מיט דיר נישטאָ,
וועסטו גאָטס אויג צו זיך דעררופן,
און נידערן וועט איבער דיר זיין רו
ווי איבער אַלע מידע גופ׳ן.

ער נעמט דיך פאַרן האַנט און פירט
און דו גייסט-נאָך — אַ יתום אינגל.
די וועלט — אַ וועלט פון שניי-ווייס ליכט,
די שטיל אַרום — אַ זילבערן זינגען.

ער האַלט דיך פאַר זיין קליינער האַנט
און פירט דיך איבערן גרענעץ אַריבער.
ער פירט דיך פאָטערלעך ביים האַנט
אַריין אין נידעריקסטן שטיבל,

און גייט אַוועק. האָט דיך געבראַכט
בשלום צו דער שוועל פון פרידן.
אין לאַנד פון מילדן פרי-פאַרנאַכט,
וואו ס׳גייען רוען אַלע מידע.

✡

ד י ה אָ פ נ ו נ ג

אַ פאַרשעמטע קומט די האָפנונג:
זיי מיר מוחל, כ׳האָב פאַרשפעטיקט
און דיין אומגליק נישט פאַרמיטן.
לאָז מיך זיין מיט דיין אבילות.

מיר איז אויך ס׳געמיט צעבראָכן,
און דאָס וואָרט פון טרייסט — פאַרלאָשן.

איך האָב גאָרנישט וואָס צו זאָגן,
נאָר דיין לעצטערן פאַרנעם איך

און פאַרשטיי און ענטפער: אמן,
וואָס דו ביסט אויף גאָט מתרעם,
וואָס דו טענה'סט שווער און פינסטער,
כ'בויג זיך און איך ענטפער: אָמן.

פאַר דער הייליקייט פון דיין טרויער
זע איך גאָט בייגט-איין דעם רוקן
און עס פאַלן דיינע ריטער
איבער זיין געבויגענער פלייצע.

ניין, ער האָט נישט וואָס צו ענטפערן
ווי ער האָט געענטפערט איובן.
און ער וועט זיך נישט באָרימען
פאר דיין נידעריקן קעסטל

לעבן טישעלע — אַ דאַרע קרישל,
אַ גלאָז וואַסער און אַ תהילים.
ביזט דאָס שטיקל ברויט ניט טועם,
נאָר אַ טראָפּן קאַלטע וואַסער.

נעצט דיר די פאַרשמאַכטע ליפּן,
און דאָס קרישל ברויט — וועט וואַרטן,
און דאָס תהילימל — וועט וואַרטן,
ביז פאַרנאַכט-צו — אמן, אמן.

☆

וואוהין דערפירט אַ מענטשנס רצון?

וואוהין דערפירט אַ מענטשנס רצון?
וואוהין? — מסתם צו דער שעה פון רו.
אַ מענטש פאַרנעמט זיך אויף זיבן וועגן,
נאָר אַלע קומען צו איין טויער צו.

ווי גוט איז, אַז מען האָט עס איינזינען —
דער טאָג ווערט גרעסער, גרויס דערפון.

די גראָע כמורנע פרי-אָקטאָבער לאַנדשאַפט,
ווי דער זומער-הימל מיט זיין יונגער זון.

ס׳ווערט יעדער דאַרף, וואָס דו באַגעגנסט,
באַקאַנט און ס׳וואוינט דאָרט געוויס
אַ גוטער קרוב, וואָס דו קאָנסט נישט,
נאָר וועסט אים זען אַמאָל, געוויס.

דערפרייסט זיך ווען אַ הונט פונוויטנס
לאָזט וויסן אַז ער הערט דיין טראָט.
דערקענסט זיין קול — אַמאָל געהערט אים,
אין די יינגל-יאָרן. אזוי וויט. אַ שאָד.

ס׳איז אַלץ געבליבן אויף דער וועלט דאָ
אי גאַנץ, אי גרויס, אי ליב, אי וואויל
און שיר-השירימדיק — אַ קוש מיך
מיט די זיסע קושן פון דיין מויל.

אָ, לאָז מיך נאָך אַמאָל פאַרנעמען
דעם וואַרימען צוזאָג פון דיין בליק.
כ׳בין גרייט די אָפּגעגאַנגענע וועגן,
נאָך צען מאָל איבערגיין צוריק.

און נאָר אַ קוק-טאָן — צי ווייס איך דען ניט,
אַז ס׳איז דער האָריזאָנט דאָרט ווייט ?
אַ שפּיגל און אַ געמאָלטע לאַנדשאַפט,
מיט רעגנבויגן אויף לופטיקן זייד.

☆

אַ גראָז

אָ, וועסט נאָך ווידער ליב-באַקומען יעדער זאַך,
וואָס גיט עפּעס און דאַרף אַליין אַן אָנלען האָבן.
ווערסט פּטור ווערן פון דער קראַנקער אומרו: שטיין אויף וואַך
ביי אויסגעדאַכטע אוצרות, חסדים, גאָבן.

נישט וועלן העכער מאַכן, גרעסער מאַכן דאָס,
וואָס דאַרף נישט און וואָס וויל נישט קיין עליות.

מקנא זיין די נידער און די קליין פון שטילן גראָז
און זען, זען ווי אויסגעשפּרייטע הייליקע יריעות —

די הינטערוועגן שטויביק, וואו עס שלעפּט זיך מיד
אַ בעטלער מיט אַ גראָער טאָרבע אויף די אַקסל,
ווי שורות הייליק שריפט — פון זיינע פיס די טריט.
איך זאָל כאָטש ווי עס איז אַביסעלע דערוואַקסן

צו אָט-דעם חיות, וואָס איך בענק-אריין אין וואָרט
און איך זאָל שטאַרק זיין אָט-די ערלעכקייט צו לעבן.
איך האָב נאָך נישט דערגרייכט דאָ אויף דער ערד קיין אָרט,
האָב זיך אַליין נאָך דאָ קיין תיקון נישט געגעבן.

איך בעט נאָר מיטן ליד און שטרעק אויס מיינע הענט.
דאָס בעטן זעטיקט קאַרג, נאָר ברענגט אַ רגע פרידן,
און ס'דאַכט זיך דיר אַ ווייל, אַז דו האָסט זיך דערנענט
צו יענעם וועג וואו פּראָסטע, אָרימע אידן

זיינען געגאַנגען האַפּעדיק צו גאָט און ניט געקלערט
אַז איטלעך איינער מוז טאַקע זיין שוועל דערגרייכן.
איז נישט גענוג דאָס זיצן דאָ ביי אַ ברעג ערד
ווי ביי אַ ברייטן טיש אונטער גאָטס טיפע הייכן,

און לערנען, און לעבן און דערוויסן זיך קוים-קוים
אַז ס'איז גענוג די האַנט אַ ווייטן אין אַ נויט דערלאַנגען.
אַ, מענטש, זיי גראָז, ווייל גראָז איז נישט קיין בוים, —
מ'האָט אויף קיין גראָז קיין מענטשן נאָך נישט אויפגעהאָנגען.

☆

נ י י ע ל י כ ט

נייע ליכט און אַלטע לייכטער,
טאַנץ מיר, מרימל ר' אבאס.
טאַנץ מיר אויס אַ כלה-פריילעכס,
אין דער באָבעס אַלטע שקראַבעס.

איך געדענק נאָך יענעם ניגון
און איך וועל דיר אונטערברומען.
אני מאמין, דבורהל, טייערס,
אַז משיח וועט נאָך קומען.

אויב ער וועט נישט קומען מיטוואָך,
וועט ער קומען פרי אין פרייטיק.
ווער קאָן וויסן, ווער קאָן טרעפן,
ווען די גוטע ־שעה ווערט צייטיק.

אָבער מיר, מיר דאַרפן גרייט זיין
מיטן ניגון, מיטן פריילעכס,
מיטן גאָלדענעם פסוק תהילים
פון דער קרוין של דוד המלך.

אויב ער וועט נישט קומען מאָרגן,
וועט ער איבערמאָרגן קומען.
זאָל גאָט געבן כח צו וואַרטן
און צום וואַרטן — אונטערברומען.

זאָל גאָט געבן כח צו גלויבן
און צום גלויבן — אונטערזינגען.
אינם וואַרטן, אינם גלויבן,
קומען צו אַלץ נייע ייִנגלעך.

נייע ייִנגלעך, נייע מיידלעך,
חתן־כלות, חתונות שפּילן.
נייע ליכט אין אַלטע לייכטער,
נייע לידער, אַלטער תהילים.

דאָס איז אַלץ אַ גאַנג אַ יונגער,
יעקב, רחל, לבן־הארמי.
נו, דערמאָן זיך אַ טראָפּן חומש,
און פאַרזינג מיט אני מאמין.

ס׳איז איין קוואַל און איין מסורה,
נישט פון נעכטן־אייערנעכטן.

גאָט זאָל אונז נאָר געבן כח,
זינגענדיק אויף אים צו וואַרטן.

זינגענדיק אני מאמין,
ברומענדיק: עם לבן גרתי.
און די חתונות וועלן שפּילן,
וועט זיין פריילעכער צו וואַרטן.

☆

אני מאמין

איך האָב זיי סוף כל סוף דאָ אַלע ליב,
די שיינע און די פריידיק־אומעטיקע בני־אדם.
עס גייט זיי אייביק נאָך דער אַלטער כיטרער שטן.
אין איטליכן פון זיי זעט ער אַן איוב.
ער לאָזט זיי גראָבן גאָלד, ער לאָזט זיי אַקערן און זייען האָפנונג,
און ווען עס וואַקסן אויף די שלאַנקע זינגענדיקע זאַנגען,
צעבינדט ער באַלד זיין גראָען גרויסן זאַק
און לאָזט אַרויס דעם רויטן און דעם שוואַרצן היישעריק.
די האָפנונג בלייבט שטיין אין ווינטיק־שפּינוועבדיקן העמד
ווי אַ קאַלטער דאַרער בוים אין טויטן הערבסט באַנומען.
אין אַזאַ אומעטיקער שעה וויל איך פאַררופן מיינע טרויעריקע פריינט
צום וואָכעדיקן טיש, אינאיינעם רעדן מילדע, שטילע רייד פון חסידות;
עסן הונגעריקן, אָוונטיקן לחמא־עניא, ווי עס פּאַסט פונלאַנג שוין אונזער דור
וואָס ווייסט שוין גוט אַז זיין משיח וועט נישט קומען.
הלוואַי וואָלט איינער פון אַ שטוב, פון אַ משפּחה,
כאָטש איינער פון אַ שטאָט — צוריק די רו באַקומען
צו קאָנען אינם אַלטן מידן טאָג כאָטש זיין מיט זיך אַ שעה אין שלום
און ווידער זוכה־זיין דעם גוטן טעם אויף זיינע ליפּן
פאַרן וואָרט פון ווידוי און פון לויב פאַר יעדן ביסן גליק,
וואָס די יסורים האָבן נישט געקאָנט פאַר'סמען.
און האָט מיט זיך, ווי מיט אַ ייִנגל פרום געלערנט
די פרום־אייביקע מסכתא: אני מאמין.

ל י ב . . .

ניטאָ גאָר אינערגעץ קיין שענערע וועלט,
און קיין בעסערע ערד איז ניטאָ גאָר.
בלעטער אויף זיבן בלעטער פון ווייטן אַמאָל —
אברהם און שרה און הגר.

דער מדבר, דער מלאך, דער וואונדער-קוואַל,
און דאָס מאַמעשע בעטן, וויינען.
דער טרויער ער האָט אַזאַ הייליקע קרוין,
דעם קאָפּ פון די מידע באַשיינען.

און שטענדיק דערזעסטו אויפן דאָרנוועג
מאַמע הגר מיט איר זון ישמעאל.
די זון פון מדבר בראָט הימל און ערד,
גרין — די פלאַמען פון ארץ ישראל.

און דער מלאך קומט און אינמיטן זאַמד
עפנט ער דעם קוואַל פון וואונדער,
און ס'טרינקט די מאַמע, טרינקט דאָס קינד,
טרינקען אַלע פאַרוואָגלטע קינדער.

וואו נאָר אַ מדבר, וואו נאָר אַ וועג,
וואו פאַרטריבענע גייען און וואָגלען, —
ווער ווייס וואו דער גוטער גאָט באַהאַלט
זיינע קוואַלן, זיינע וואַסער-לאָגלען.

ווער ווייס פונוואַנען דער מלאך קומט ?
פון מזרח, פון מערב, פון צפון?
דער טרויער, ער האָט אַזאַ הייליקע קרוין
פאַר אַלע וואָס גלויבן, האָפן.

די וויסט פון מדבר נאָר מאַכט זיי מיד,
רוען אָפּ, נעמען ווייטער שפּאַנען.
מען קען נאָך דערגרייכן אַ גרינעם ברעג
און — אפשר נישט וויט פונדאַנען...

דאָס צוגעזאָגטע גוטע זאַמט זיך נאָך
און שווער איז דעם עול דערטראָגן.
און ס׳גייען ווי געבויגענע שאָטנס נאָך
אַלע די וואָס די לייד האָט דערשלאָגן,

און זיינען געפאַלן אינמיטן דעם וועג
און מער שוין נישט אויפגעשטאַנען...
די וואָס גייען נאָך, זעען דעם גאָלדענעם ברעג
און אפשר נישט וויַט פונדאַנען.

☆

פון אַ בריוו פון ישראל

...און די אַלטע יומטובים דאָ האָט מען
אָנגעטאָן נייע מלבושים.
האָסט געדאַרפט אונזער אַלטערלען זען
מיטן ירדן זיך דאָ צעקושן
אויף אַ קול, מיט אַ קוויטש:
מיין טאַטנס ירושה!

ער האָט נישט קיין אָנשטעל געמאַכט;
האָט אַלץ דאָ דערזען און דערקענט,
און צענומען די פיס און די הענט,
לאָזט אים לויפן און פליען,
ער פאַלט צו צו אַ קופּע צעמענט
ביי אַ שטוב מיט דריי ווענט:
ירושלים! ציון!

און צעפלעסקעט זיך פלוצלונג — אַזש ס׳האָבן
זיך צעגלאָצט אַלע פענסטער אויף אים,
און צעשטוינט אַלע שוועלן און טירן.
וואָסי? אויף אַ שפּיץ פון אַ דאַך,
האָט ער פלוצלונג אַ פויגל דערזען,
און געגעבן אינגאַנצן אַ קלונג:
שיר-שיר! שיר-השירים!

און אַלץ איז דאָ פֿאַלקסטימלעך יונג,
און אַלץ איז דאָ פּונקט ווי ביי זיך.
ביי זיך, ווי די פיס און די שיך.
און אַלע וועלן נאָך קומען אַהער,
אפילו — משיח.

☆

און אַ איד...

...און אַ איד מיט אַ שטעקן פון צעדערנהאָלץ אין דער האַנט
איז געשטאַנען פאַרן האַר פון גרויס פוילן החדשה
און געטענהט אין שטילן אַ טענה אזוי-צו-זאָגן:

גיב מיר רשות דאָ אַריינגיין אין טויער פון אייביקן גאָרטן,
ס'געביין פון מיין ווייב, פון מיין שרהן אַרויסהויבן פון דאָרטן,
כ'וועל זי נעמען מיט זיך און זי ברענגען צו קבר-ישראל.
כ'האָב אַן אָרט שוין פאַרגרייט פאַרן נשאר פון אירע עצמות
ביים זייט פון מיין דאָרף, פון מיין כרם, ביים אויג פון כנרת.

און דער שר פון גרויס-פוילן החדשה
האָט באַוויליקט דעם אידן, דעם גר און דעם תושב
זיין לעצטע, זיין קליינע און אָרימע בקשה.
ער האָט אים געגעבן אַ רידל, אַ לייוונטענע טאָרבע אַ גראָע,
געעפנט דעם טויער פאַמעלעך, אין שטילקייט, אין כבוד.

געוועזן שוין פאַרנאַכט, ס'האָט דער טאָג זיך געטוקט און געטונקלט,
האָט דער איד אָנגעצונדן זיין אַלט, אַלטהיימישן לאָמטערן;
אַ פּאַסיקל פייער אַ דינס אויפן קנויט שטייט צעווישן די בערגלעך,
לייכט צו דעם אַלטהיימישן אידן, דעם גר און דעם תושב
ביים עפענען ס'שמאָלע געלעגער פון זיין אייביקן פרידן.

אינדערפרי האָט דער האַר פון גרויספוילן החדשה
געעפנט דעם טויער פאַרן אידן, געגעבן רשות צו פאַרלאָזן
דאָס אייביקע הייליקע אָרט, וואו דער אומעט פון דורות און דורות
טוקט זיך צעווישן די שטילע געלעגערס און ווערט נישט פאַרלאָשן.

און דער איד מיטן זאַק אויף די פּלייצעס, מיטן שטעקן אין האַנט,
מיטן פאַרלאָשענעם אַלטן לאַמטערן, האָט פאַרלאָזן דאָס
טויט-אידישע לאַנד,
און געגאַנגען, געגאַנגען געבויגענערהייט נאָכן טריט פון זיין שאָטן
צו דעם לאַנד וואָס זיין גאָט און דער גאָט פון זיין פאָטער אברהם
האָט אים געבאָטן.

☆

אַ איד איז געקומען...

אַ איד איז געקומען קיין ארץ ישראל
און געבראַכט אַ ציג פון רייסן.
דאָס הייסט אַ ציג פונם פינסטערן גלות,
נאָר די ציג איז אַ קלאָרע, אַ ווייסע.

אַ מעשה נורא, אַ מעשה נפלא
מיטן אידן, גם כן מיט דער קאָזע.
(איך ווייס: אין אַזאַ מין שעה און ענין
איז מיין שמייכל אַ טרויעריקע העזה).

נו, זייט זשע מוחל. מיר גייען ווייטער:
דער איד האָט געקלעפּט צו דער חיה,
געגאַנגען מיט איר אין תל־אביבער גאַסן,
צו חתונהס און צו לויהס.

ווייל נסים, נפלאות האָט ער צו דערציילן
ווי זי האָט מיט אים מיטגעוואָגלט,
און אַלע פּורעניותן וואָס ער איז אויסגעשטאַנען,
האָבן אויך איבער איר קאָפּ געהאָגלט.

וואו האָט זי זיך שוין נישט אויסגעוואַלגערט?
אין מאַידאַנעק, אָשוויענטשים, טרעבלינקע.
געגעסן מיט אים פון די מיסטן די שאָלעכץ,
מיטן צער פון זיין פּנים פאַרטרונקען.

נישט איינמאָל איז זי שוין פאַרפאַלן געוואָרן
דורך וואַלד און דורך פעלדער וויסטע;
געגעכטיקט אין גריבער, אין אַנגסט פונם חלום
גערופן, געבעטן: וואו ביזטו?

לעצטע לידער

האָט אַלץ פאַרלוירן, האָט אַלע פאַרלוירן,
און זי האָט זיך נאָך צוגעהאַלטן.
אַ ציג אַ ווייסע איז נאָכגעגאַנגען
נאָך די טריט פון אַ אידן אַן אַלטן.

טויזנט און איין נאַכט, טויזנט און צוויי נעכט,
צי אפילו הונדערט הגדהס.
אַ ספר ממש אויף אָנצושרייבן
מיט מעשיות און ווייסע אָדעס.

מיר וועלן עס לאָזן: ס׳אַראַ ליכטיקע קאָזע,
און כאָטש זי איז ווייס, ליגט אַן אומעט
אין אירע צוויי ערלעכע אידישע אויגן,
ווען זי קוקט אויף דער וועלט זיך אַרומעט.

דער איד בייגט זיך אָן, נעמט צו איר ריידן:
זוגתי, זיי פריילעך, זיי מונטער.
די וועלט וואָס איז אונז שוין אונטערגעגאַנגען,
גייט שוין דאָ מער נישט אונטער.

דאָ וועלן מיר עסן אייגענעם באָקסער,
און אייגענע טייטלען און פייגן.
דעם סוד, וואָס דו זעסט אין די אויגן מיינע
זע איך אויך אין דיינע אויגן.

צופיל צו דערציילן, צופיל צו פאַרשווייגן,
צו שווער צו דערטראָגן, נו מילא.
איז לאָמיר נאָר בעטן, דער צער פון ישראל
זאָל גאָר זיך בקרוב פאַרהיילן.

☆

ניין, כ׳בין נאָך ניט שטיל ווי גראָז...

ניין, כ׳בין נאָך ניט שטיל ווי גראָז,
כאָטש נידעריק און קליין ביי זיך געפאַלן,
נאָר כ׳גלויב אַלץ אַז מיר וועט געלונגען נאָך מיט וואָרט און אות
די שוואַרצסטע ענגשאַפט דורכצוקאַלן.

קיינזאַך, קיינער איז צו מיר נישט גוט,
און קומט מיר ליב און וואַרים נישט אַנטקעגן;
נישט חן און נישט גענאַד, נאָר אַנגסט און בלוט
האָב איך געצאָלט פאַר יעדער וואונדערלעכער רגע,

וואָס האָט מיין וואַכעדיקן לעבן דורכגעבליצט,
און אָט אזוי האָב איך אַ ברעקל וועלט באַקומען
און אין געראַנגל מיט ′אַלצדינג זיך דאָ געשיצט,
ביז צו דעם לעצטן טאָג פון איבערקומען.

און ס′איז מיין דאָך אַ שטיקל הייליקער קופּאַל
איבערן דאָרף פונם יאָרהונדערט און דער סביבה.
בין ווי אַ שוסטער מיט אַ גאָלדענער אָל,
וואָס נייט פאַר וואַזשנער פּני דאָ הויכע שטיוול.

אָט-דער פאַרגלייך געפעלט אַזש מיר אַליין,
און כ′וועל אים אויסנווייניק פאַרגעדענקען.
פאַראַן אין אים אַ פּינטעלע פון יענעם חן,
וואָס האָט מיר לאַנג גענומען אויסצוקרענקען.

אַן אַנדערן גיט זיך דאָס איין איינס-צוויי,
נאָר אפשר פייניק איך זיך מיט אַ טעות.
ווי יענער פויער, ווען ס′האָט דער שניי
פאַרבלענדט די ראיה און פאַרשפּעטיקט די חגאות.

☆

ס′געשעען טויזנט און איין מעשיות...

ס′געשעען טויזנט און איין מעשיות
ביי אונז אין אַלטן דאָרף נאָך היינט.
און איך האָב גלאַט אומזיסטע שונאים,
מיין שכן — טויזנט און איין פריינט.

מיין שכן האָדעוועט און קאָרמעט
זיין מחנה פריינט מיט אַלדאָסגוטס,
מיט שמייכלען ווי די פעטע טייטלען —
ער שטאָפּט זיי פאַר זיין וואויל און נוץ.

און ס׳איז אים גוט און אפשר בעסער,
וואָס גוט און וואויל האָט נאָר אַ מיין,
זיי פוצן אים די טירן-קליאַמקעס,
און לאָזן אים אַליין נישט גיין.

און ס׳קומט די נאַכט מיט ברעקלעך שטערן,
און ס׳הינטערגעסל שאָטנט סוד.
פאַר וועמען דאַרף ער זיך דען שרעקן?
פאַר קיינעם — סיידן נאָר פאַר גאָט.

צי ער איז מיט אים אינגאַנצן חבר
דאָס ווייס איך ניט, נאָר כ׳האָב אַ חשד,
אַז ער האָט אין געיעג נאָך פריינט דאָ,
זיך זיבן מאָל דאָ צוגע׳שמד׳ט.

☆

צו...

ביי דיינע שוועלן וואַקסן פרעמד
פאַר מיין פאַרוואָגלט לעבן — דערנער.

די פענסטער פון דיין מירמלשטוב —
די קלאָרקייט זייערע פאַרשעמט
מיין בליק מיט זייער ווייטער קעלט.

דער דאַך קרימט מיר אין פנים בייז
מיט מעפיסטאָפעלישע הערנער.

די שטאָלענע קליאַמקע פון דיין טיר
וואַרט אויף מיין אויסגעשטרעקטער האַנט
נאָך אַ געשאַנק, נאָך אַ נדבה.

און ווילסט נאָך — איך אַליין, דער קלאָון,
און ווילסט נאָך — איך אַליין — פּאָעט,
מיט זיבן צונעמעניש — פאַר׳שמ׳ט, —
ביז צו דעם ניט-געבעטענעם נביא,—

זאָל קומען בוקן זיך פֿאַר דיין טרעפּ,
מיט אַלע קרוינען אויף מיינע זיבן קעפּ,
פֿאַר די פֿיר פֿליגלדיקע רעדער
פֿון דיין בלאָער קאַדעלאַק-מרכבה.

☆

אַלט-מאָנטרעאָל

פֿאַראַן אין מאָנטרעאָל אַ הינטער געסל,
וואָס איז אַמאָל געווען דער צענטער שטאָט.
די גראָע שטיינוווענט האַלטן זיך אין געלן לעשן,
אַ חרוב גאָטשטיבל, פֿונוואַנען ס'האָט זיך גאָט

וואו אין אַ ווייסן קאַטעדראַל אַרויסגעקליבן,
נאָר ווען איך גיי פֿאַרביי אַמאָל די גאַס,
דאַכט זיך מיר: איך הער אַ דין — דין קלינגען,
פֿאַרטויבט פֿון הינטער ווענט פֿון אַש.

אַרונטער וועג — אַ לענגלעכער בית עולם,
קליין־מצבות, און אין סאַמע מיט
שטייט אַ הויכער זייל מיט שוואַרצע פֿלעקן,
שטייט אויף וואַך אויף אייביקער און היט.

ווייט, ניט ווייט אַרונטער ליגט דער פּאָרט-מאַרק,
מאַגאַזינען הויכע, הילצערנע און בלינד;
ס'הענגט עפּעס אַ ברודיק-רויטלעך פֿענדל —
ס'זאָל דערמיט צוטאָן-האָבן דער ווינט.

צווישן ענגע גאַסן — ווענט פֿונווייטנס
קוקט אַ קוימען פֿון אַ שיף אַרויס,
ציט פֿון אים אַ מיד-בייטאָגיק רויכל,
ווי פֿון אַ היימיש ווינטערדיק קליין הויז.

☆

שפּעט הערבסט אין מאָנטרעאָל

דער וואָרים קריכט אַוועק אין טונקל פון דער ערד,
עס בלאַנקט דער ווינט און שלייפט זיין בלויע שווערד.
וואו זיינען די געפּאַרבטע בלעטער אַוועקגעפלויגן?
עס שלאָפן שוין אין גראָען האַרטן שלאָף די צווייגן.
די הימלען לויטערן און הויבן זיך הויך און העכער,
זייער קלאָרער קוואַל טריפט ליכט און בלוי איבער די דעכער.
זייער שטילקייט זאַלבט זיי מיט באַרואיקטן גענאַד;
פרימער ווערט נאָך אונזער קלויסטערישע שטאָט,
און זונטיק פינקלען שאַרפער נאָך די גאָלדענע צלמים,
גרויסע גלעקער קלינגען הלל, קלענערע ענטפערן: אמן.
ריינע, שטילע גאַסן דרימלען אין בייטאָגיקן פרידן,
שמייכלען רואיקע אויך צו מיר — אַזאַ מין אידישן אידן,
וואָס אין זיין גאַנג אפילו איז נאָך נישט אַנטשוויגן
דער ריטם און דער קלאַנג פון אַן אַלטן פּיוט-ניגון.

☆

זומער און ווינטער

דער רעגן וועט אַריבערגיין.
דער גאָרטן וועט אַ נייער שטיין
אויסגעוואַשן, פריש און יונג
נאָך אַזאַ גוטן און געשמאַקן טרונק.

און דער רעגנבויגן אינדערהויך —
דינע, פאַרביקע פּאַסן רויך
איינס אין צווייטן איינגעוועבט.
און דער רעגנבויגן לויכט און לעבט.

און די פייגל — אויף-און-אָפּ,
בוים — אַרויף און בוים — אַראָפּ;
טראָגן אין די נעסטן אַריין
זיסע, פולע טראָפּנס רעגן-ווין.

און די וועלט די גאַנצע דאָ
פרישסטער גרין און קלאָרסטער בלאָ.
ניי איז ניי, וואָס איז די רייד —
און ס׳איז טאַקע גליקלעכקייט און פרייד.

נישט נאָר וואַקסט דאָס גרינוואַרג גוט,
נאָר פון אונטערן הימלס הוט
וואַקסן אַלע — קליין און גרויס.
וואָס איז דען די וועלט? גאָטס הויז.

וואַקסן זיינע קינדער. נו,
איילט זיך חברה, גיכער צו.
ס׳קומט דער ערשטער קילער ווינט
און אַ בלאָז אויף יונג און רינד און קינד.

און מ׳איז ווידער — אַך אַך, אַך,
יושבי אוהל — אונטערן דאַך.
און מען וואַרימט זיךביים טיי
און אין פענסטער — שנייט אַ שניי.

☆

זומער

אויף דער באַנק לעבן זיידנס הויז,
זיצט תמיד אַן אָרימאַן אין זון.
פאַראַן אַ שעה אינמיטן טאָג,
ווען אָרימעלייט האָבן נישט וואָס צו טון.

מ׳גייט איבער די הייזער אַרום און אַרום.
דאָ — אַ גראָשן און דאָרטן — צוויי.
פון בעטלען, פון אויסשטרעקן תמיד די האַנט
בייגט זיך דער קאָפּ און דאָס האַרץ טוט וויי.

פאַרקלייבט מען זיך אויף אַ באַנק ביים וואַנט,
מ׳זיצט און מ׳רוט און מ׳קלערט.
טשוכעט אַ ניגון זיך אויף אין קאָפּ,
אַ תהילים ניגון, וואָס מ׳האָט ערגעץ געהערט

אין אַ שולכל. וואו? ניין, ניט אין אַ שול,
נאָר ערגעץ אין וועג, אינמיטן טאָג.
אינמיטן אַ וועג זיך אָפּגעשטעלט
און זיך איינגעהערט אינדערלופט, ווי מען זאָגט

מזמור לדוד, און וואָרט נאָך וואָרט,
און אַרום און אַרום איז וועג און פעלד,
מען זעט נישט קיין דאָרף, און מען זעט נישט קיין שטוב,
נאָר הימל און ערד און וועלט און וועלט.

און פּלוצלונג דערהערסטו: אין דיר אַליין
זינגט דער ניגון פון תהילים און רו,
און ערד און הימל און דו אַליין
שטייען און הערן צום ניגון זיך צו.

☆

ג ע ל ל י כ ט

מיד מיינע הענט, מיד-מיד מיינע אַקסל,
מיין לעבן וויל שוין מער נישט וואַקסן,
וויל נישט אָפּגיין מער פון שוועל אַ טריט.
גוטע מידקייט, וואוילע מיד,
זיי נאָר דו אַליין מיט מיר
אין לעצטער אָפּרו ביי שוועל און טיר.
מער אינערגעץ ניט, אין ערגעץ ניט, אינערגעץ ניט.

קאָפּ צו קאָפּ און ליפּ צו ליפּ, ליב צו ליב,
דרימלען מיר ביים שטוב דאָ איין.
דער טויער פון גאָרטן טוט אַ גראָען סקריפּ,
דער פּאַרנאַכט מיט זיין שאָטן קומען אין אים אַריין.
מירביידע דרימלען, הערן קוים.

איינציקווייז פאַלן די בלעטלעך פון הויך-הויכן בוים.
מיר ביידע דרימלען, הערן קוים.

די יונגע הערבסט-טעג מיט זייער לויטערן שיין
קוקן אַרונטער אין וואונדער פון זייער הימל-קרוין.
מיר ביידע דרימלען, הערן קוים.

און אַז די גראָע ווינטן און די גרויע רעגנס
און די בלינדע נעכט וועלען אַריינפאָרן אַהער,
אויף די צעפאָרענע וואָגנס פון די אַלטע וועגן,
וועלן מיר שוין גאָרנישט הערן מער.

וואו וועלן מיר זיין?
פאַרשוואונדענע שאָטנס און אַ פאַרלאָשן אויג.
ערשט נעכטן איז אונזער לעצטער טאָג געהאָנגען
אויף אַ דינעם פאָדים זון — אַ בלאַט אַ ציטריקס
אויף אַ דאָרן צווייג.

☆

דו פירסט...

דו פירסט צו דר'ערד די גופים,
די נשמות פירסטו — וואו?
ווי מידע קינדער שלאָפן
די אַלטע אין זייער רו.

דער שטילער שטיין — אַ צייכן,
אַ נאָמען אויפן שטיין.
דער ווינטער-טאָג אַ בלייכער,
ליגט איבער שניי-ווייס קליין.

דער ווינט טוט מיט זיין פליגל
אַ שאַר דעם שניי, די זון.
אַ שאָרך — און ווערט אַנטשוויגן
איבער דער ווייסער רו.

איך צייכן מיט די אויגן
איבערן שניי-ווייס לינד,
אַ ביימל, דינע צווייגן
און אַ נאָמען פון אַ קינד.

די זון גיסט אָן מיט זילבער
און צינדט די ווערטער גרינג.
דער טאָג ווערט לינדער, מילדער,
די הימל-בלויקייט קלינגט.

צ ו ר י ק . . .

קיינער, קיינער קומט נישט צוריק,
די גרויסע קראַנקייט פון טויט פאַר'סמ'ט.
אזויווי אַ דאָרפיש הויז ווערט פאַרברענט,
אזויווי אַ שטרויענער דאַך פאַרפלאַמט.

דאָס אַש פאַרווייט דער קאַלטער ווינט,
אין דער ווייטער עלנטער וויסט פון דער וועלט.
דער טויט אַליין איז דער קאַלטער ווינט,
דער קאַלטער ווינט און דאָס זאַמדיקע פעלד.

קערן קערט זיך נאָר אום אַ גראָז,
וואָס דער ווינטער באַהאַלט אונטער וואַרימען שניי.
דער ווייסער אומעט פונם קאַלטן פעלד
טוט נאָר ציטערדיק ווייִ, ציטערדיק וויי.

ווי נאָר דער בלויער אַפּריל טוט אַ שפּיל
אויף זיין דינעם פּייפל, ביים ברעג פון טייך,
ווערט דינער גלאָז פונם שנייאיקן פראָסט,
און די בייטאָגיקע קעלט ווערט ווייך און בלייך.

און ווי נעכטן ערשט וואָלט זומער געווען,
צעוואָרפט זיך אַריבערן פעלד דאָס גרין.
און די אינדערפריען אין פרישן ליכט
צענעמען די פליגל און פּרוואוון פליען.

☆

צו פּ. ג.

דו ווערסט בלויער, חלום.
נאָר דו ביזט געווען מיר גאָלדענע וואָר.
די וואַרימקייט פון דיינע האָר,
דער טעם פון דיינע ליפּן,
פרישט נאָך, זיסט נאָך רויט
אויף די ליפּן פון די לידער.

כ׳וויל דיך אויף דיין אַלטן וועג באַגעגענען
היינט און מאָרגן און איבערמאָרגן.
שיינקייט גרויסע פון געזעגענען,
טרויער גרויסער פון געזעגענען,
דאַרף מען אויך אין שטיל פאַרבאָרגן,
ווי די יונגע שעמעוודיקע ליבע־שעהן.
בענטשונג אויף דיין קאָפּ דיין גראָען,
לויבן אויף די בלייכע ברעמען,
אויף די זיך־לעשנדיקע ליפּן.
מיינע דינע הענט איבער דיין שמאָלן פּנים.
כ׳וועל דיך היינט אין גאָרטן נעמען,
ס׳ווערט שוין וואַרימער דאָס וועטער,
און מען מעג אין רויען דרויסן
בלייבן היינט אַביסל שפּעטער.

☆

אַ פּ ש ו ט ל י ד

אַ אינגעלע האָט זיך דיר איינמאָל געחלומט,
און דו האָסט צו מיר מיט גרויס ליבשאַפט געזאָגט:
מיר האָט זיך געחלומט אַ אינגעלע, שלום.
שיין ווי דער מאָרגן, און קלוג ווי דער טאָג.

און איך האָב דיין פּנים צו זיך אויפגעהויבן,
און האָב דיר געקוקט אין די אויגן אַריין.
איך זע דאָרט צוויי אינגעלעך שטילע ווי טויבן,
ס׳איז גוט זיי ביי דיר אין די אויגן צו זיין.

ביי מיר אין די אויגן נאָר בענקט דאָס באַגערן
צו האָבן אַ אינגעלע, ענלעך צו דיר,
מיט אַזאַ הויכן און ליכטיקן שטערן,
זיך שטרעקן אַזויווי דו שטרעקסט זיך צו מיר.

כ׳זעץ ביי דעם זוים פון דיין קלייד זיך אַנידער,
קליין־קליין און דו בויגסט זיך אַרונטער: „מיין זון,
אינגעלע מיינס״ און די האַנט דיינע ציטערט
אַריבער מיין אַקסל מיט אומרו, מיט רו.

אַמאָל... און אָט-דאָס וואָס איך לידער איצט איבער,
האָסטו צו מיר פּשוט ליב-מיידלש גערעדט.
מיר זיינען די גרויס פון דער וועלט באַלד אַריבער,
און ס'בלויט נאָך אַריבער צו אונז אין דער שפּעט

אַ יונגער שטיק הימל. פאַרקוקן זיךביידע,
פאַררײדן זיך ביידע און הערן גלייך אויף,
און ס'דאַכט זיך: עס לאַכט ביי דעם פענסטער „דער זיידע" —
דער בוים, וואָס געדענקט זיך אונז שפּילן אין הויף.

☆

אין דיר...

אויך דיך, דיין שיין און ריין געשטאַלט,
וועלן די מידע יאָרן בויגן;
ווען דו וועסט ווערן עלטער, אַלט,
וועט זיך דער טרויער אין דיינע אויגן

פאַרזעצן טיפער ווי אין יענעם בליק,
וואָס איז געוואוינט שוין צו יסורים,
און טראָגט זיין לעבן ווי אויף אַ בריק
צעוויגט, צעטרייסלט פונם שטורעם.

דיין פול, שיין לייב, דיין גאַנצער גייסט,
דער רייץ פון דיינע זיסע גלידער, —
זיי טראָגן זיכער מערער טרייסט
ווי היינעס און ווי מיינע לידער.

נאָר כ'ווייס, איך קען דיך זייער וואויל,
וועסט צו די לידער קומען שפּעטער.
און פון דיין חנ'עוודיק קליין מויל
וועלן די ווערטער אין די בלעטלעך

זיך רונדיקן ווי רייפע פרוכט.
וועסט זיך דערמאָנען און דערוויסן:
דו האָסט זיי איינמאָל שוין פאַרזוכט,
און איטלעך ליד — איז איינגעביסן.

און ווי ס׳איז מיין גורל נישט טונקל...

און ווי ס׳איז מיין גורל נישט טונקל
האַלט איך־אָן זיך מיט גלויביקע הענט
אין אַ וואַנט, אין אַ געבליבן ווינקל,
פון אַ וועלט אויף טויט־אַש פאַרברענט.

די שיינקייט פון אַ צעריסענעם טלית,
די הייליקייט פון אַ צעפליקטער באָרד, —
איך שפרייט זיי אַריבער מיין דלות
און אַריבער מיין אומעטיק וואָרט.

כ׳וועל קיין נייעם זכות נישט דערלעבן,
נישט דערדינען זיך צו קיין נייעם ראַנג.
אָט דאָס איז מיין נחלה אין לעבן,
אַ פיקדון און נישט אויף לאַנג

און מיר קומט נישט אפילו דער זכר,
פון וועלכן איך שעפּ נאָך דאָס ליכט
מיט אַ זילבערנעם אַלטן בעכער,
אויפן דעק נאָר, אַ דין־דינעם שיכט.

בין מוחל די אייביקייטן אַלע,
די פּשוטסטע קרוין — נישט פאַר מיר.
אַזאַ מין ווי איך ווערט פאַרפאַלן
אין אַ חלום פון אַ ליכטיקער טיר.

די טיר שטייט ברייט־אָפן פונווייטן
און רופט מיך און ווינקט, און ציט.
און איך — נאַכט און וואַלד — ביי די זייטן,
און ס׳ברעכן די קנעכלען זיך מיד.

☆

רוף מיך נישט

רוף מיך נישט, רוף מיך נישט
איבער מיין פרידלעכן גרעניץ.
דאָ איז מיין גורל און דאָ איז מיין פרידן.

כ׳האָב ליב די וועלט דורך אַ ווייטלעכן פענסטער.
אין ס׳שרעקן מיך מחנות, געזעמלען
און קולות, און פאָנען, און כבוד
וואָס פלאַטערן מיט שטורעם אַנטקעגן.
און טרויעריק ווערט מיר ווען כ׳זע
ווי אַ קאָפּ בויגט זיך אונטער אַ קריגל מיט בוימל,
ווי אַ האַנט טראָגט אַנטקעגן אַ קרוין,
און איינער טיילט אויס זיך פון אַלע
מיט אַן אַנדער געוואַנט אויף די לענדן,
און זאָגט: אני מלך,
און זאָגט: אני דיקטער,
און זאָגט: אני נביא,
און זאָגט: אני חכם.

און איך האָב געמיינט, אין מיין תמימות,
אַז קיינער פון אונז איז נישט מער ווי אַ דאָרפסמענטש,
און זיין שטאָלץ איז — זיין לעבן,
זיין וועג און זיין שוועל און משפּחה,
זיין ברונעם וואָס גיט וואַסער,
זיין קו וואָס גיט מילעך,
זיין גאָט וואָס גיט רעגן און ראָסע,
און אַ רעגנבויגן פאַר קינדער
מיט פרישע פאַרחלומטע אויגן,
און אַ ספר מיט אַ הייליקן סיגנון.
און וואָס דאַרף אַן אויג נאָך שענערס?
ווי שטיל און ווי גוט ס׳איז צו קוקן
פון הכנעה׳דיקן טאָל אויפן באַרג,
וואו עס וואַקסט נאָך גאָטס יונג-וואַלד,
און רוען אויפן שוועל און דערוואַרטן
אַ פעטער פון בעטלערשן שבט,
וואָס גייט איבער ברוקן און גרענעצן
און קלייבט אויף די דיכטונג פון פאָלק,
דעם נאָך-נישט געזאַמלטן תהילים
פון אַלטע, פאַרקומערטע ליפּן,
דעם תנ״ך שבעל פּה.

וואָס וועט בלייבן שוין אייביק בעל פּה.
ווייל דאָס ספר הקדוש והישן
האָט פאַרמאַכט שוין זיין טויער,
און איבער זיין שוועל רוט די חתימה
פון גאָט און זיין קנעכט אברהם.

איך גיב דיר מיין האַנט, אַלטע וועלט,
קיינמאָל דיין שוועל נישט פאַרשווועכן.
מיין פּראָסטקייט איז מיר גענוג און זי זעטיקט
מיין וואָכיקע, קליינע נשמה מיט חסד.
איך האָב נישט קיין אייביקע סימנים פון יחוס,
נישט אויף מיין לייב און נישט אין מיין זאַק,
וואָס כ׳האָב פון מיין פאָטער געירשנט.
זיין אייביקייט האָב איך געהייליקט
צווישן מיינע אָרימע יורשים,
האַרט ביי דער גרענעץ
צווישן היינט און נעכטן.
פאַרן מאָרגן האָב איך נאָר אַ מעשה,
און אַ תפילה דאָ האַרט ביי מיין גרעניץ,
וואו מיינע צוויי קינדער זיינען געוואַקסן,
און מיינע אבות האָבן קוים דערצויגן זייער לעבן
ביי דעם אָרימסטן טיש,
אונטערן שאָטן פון אומעטיקן באַלקן.

☆

בין גרייט...

בין גרייט פאַר שווערערע משפּטים
און פאַר דעם בלינדסטן פּסק.
כ׳וועל בלייבן דאָ אין וויסטן שאָטן,
און וויסן אַז די קאַלטע, בלאַנקע האַק,
וואָס ס׳האָט דער חורבן דאָ געלאָזט ירושה,
שווינגט אין דער גוטער בויענדיקער האַנט.

איך וועל דאָס נייע ביישטידל ניט האַלזן, קושן,
נאָר מודה זיין:
די וועלט איז יונג. פריש לאַנד.

מיין הייליקייט ליגט אין אַ ספר׳ס ווינקל,
דאָרט ברומט מיין ליד — אַ מידע טויב.
נאָר אויף דער גאַס לויפט אום אַן אַנדער אינגל,
אַן אַנדער שיינקייט חנ׳ט צו מיר אַרויס פון שויב.

ווער האָט זיך דאָ מיט גרויסן דויער דען באַוואָרנט?
מיך האָבן נויטן, אַנגסטן,
ווי דעם זאַנג דער קאַלטער האָגל,
צעקלאַפּט — נאָר כ׳האָב מיין זון, מיין קערן קאָרן
אין גאָלדענער תמוז-וואַרימקייט דאָ אויסגעטראָגן.

בין שיין געווען, דערלעבט מיין טאָג מיין ווייסן,
מיין קלוגן אָוונט אין פאַרקלערטקייט אויפן שוועל.

☆

אַ מ אָ ל

אַמאָל דערזע איך זיך פון אַלע דורכגעיאָגטע
דער פאַריאָגטסטער, שטויביקסטער, פאַרשמאַכטסטער;
אַ טאָרבע מיט בקשות אָפּגעזאָגטע,
אַן אויסגעבעטלטער געלעגער און אַ האַרטער.

און אַ פאַרמשפּטער געגאָגלט דאָ צו בלייבן
ווען ס׳וועט דיין פּאַסטוך, דער דערלייזער קומען
און אַלעמען צו דער דערלייזונג טרייבן
דורך וויסט און פייער, דורך קדושה און דורך טומאה,

וועט ער אין מיר נאָר איינעם דאָ פאַרגעסן, —
מיך איבערלאָזן אין די חורבות צאַנקען.
דער טויט וועט מיך — דאָס לעצטע ליכט — פאַרלעשן,
אַ ציטערדיקן מידן פלאַם אַ קראַנקן.

און בייגן וועט מיין מזל זיך דער בלינדער
איבער מיר, פאַרטרויען דעם חזיון:
זע, די גרינע בערגלעך — דיינע קינדער,
גייען אויף אין מאָרגן-ליכט אין בלויען.

☆

אַ ל ט

אַזאַ מידער ווי איך,
אַזאַ אַלטער ווי איך,
זאָל נאָך געפינען עפּעס
אין דער וועלט פאַר זיך.

וואונדער שבוואונדער.
נאָר איך וואונדער זיך ניט,
וואָס איך האָב מיין וועלט
פון צעפאַלן פאַרהיט.

איך קוק דורך מיין פענסטער
ווי פון אַ תיבה אַרויס,
צו זען — אויב די וועלט
איז שוין אויסגעלייזט.

צו זען — אויב די וועלט
נאָך אירע פינסטערע טעג,
איז שוין בשלום געקומען
צום גאָלדענעם ברעג.

דערזע איך — דאָס אינגעלע
מיטן בלאַט, לויפט אָן:
אַ נייע מלחמה
אין אַלטן יאַפּאַן.

פאַרמאַך איך דאָס פענסטער,
און וואַרט נאָך אַ וואָך.
אויף מיינע שויבן לייגט זיך
אַ גראָ-זילבערנער מאָך.

דער זייגער זעגט שעהן
און דאָס זעגעכץ פאַלט —
אַ שטויביקע גרויקייט,
ביז דער טאָג ווערט אַלט.

☆

די נדבות

די נדבות פון די גוטע-לייט
האָבן מיר נישט דעם קאָפּ געבויגן.

צווישן אַלע זיך-שטויבנדיקע הייליקייטן,
וואו מיינע זיידעס ספרים דרימלען,
מיין טאַטנס ספרים חלומען,
ליגן אויכעט מיינע זיבן שיימעס.

מיינע יורשים — — —
מיינע יורשים וועלן זיי נישט דאַוונען.

איך — איך בין יאָרן-יאָרן לאַנג געווען
אַ מענטש מיט אַ פאַרריסענעם, הויכן שטערן.
נאָר, דאַנקען גאָט,
זיך נישט באַנאַרישט מיט קיין ספּאָדיק.

☆

כ׳וויס: קיינער האָט נישט קיינעם

כ׳וויס קיינער האָט נישט קיינעם אויף דער וועלט,
און אַלע זיינען דאָ פאַריאָגט פון ערגעץ.

קעגן טויט ווערט מען אַליין זיך פרעמד,
עס שטאַרט דאָס פּנים בלינד,
און ס׳ציטערט ס׳לייב, אַליין, אין קאַלטן העמד.

איך — איך האָב אין אומהיימלעכן, איינזאַמען טריט
אַריינגעשפּאַנט אין אָט-דער וועלט, דער שטאָט,
אַ אינגעל — אינם טומל פון יאַריד.

איך נישטער, זוך אַרום מיט יתומדיקע אויגן גאָט,
און יעדער גראָער פּרעמדלעכער פּאַרשוין
מיט אַ קאַפּאָטע ביז אַראָפּ אין שטויב
איז מיר אַ נביא, אויסלייזער,
אַ וועלט-שליח מיט אַ נס, אַ סוד.

מיט דורכזיכטיקע פינגער בלעטער איך
די שפּינאָזע־דפן — און מיין פּנים עפנט זיך אַ ווייל
פאַר אַלע שרעקן און כ׳בין גרייט
דורך נאַכט און מדבר גיין און גיין
און קומען צו דער לעצטער גרענעץ.

נאָר מיין דערוואַקסנקייט — בייגט זיך,
מיין אויסגעוואַקסנקייט — ברעכט זיך,
און איך בין ווידער אַ יונג אינגעל,
איך וויל האָבן אַ פּאָטער,
אַ מאַמע און אַ אידיש טיכל ביי דער טיר.
כ׳וויל זען דאָס נידעריקע הויז
אונטערן אויג פון הימל,
אין דער וועלטישער ברייט און גרויס:

יאַנקל, גיי נאָך נישט אַוועק פונדאַנען,
וואַרט נאָך אַ טאָג, אַ וואָך,
אפשר וועט דיר היימליכער ווערן?
און אפשר וועט טאַקע משיח קומען?

ווייסיך!
קיינער וועט מיך שוין צוריק נישט רופן.
איך וואַקל זיך אַרום אין שיכורן געדאַנק,
און ס׳דרייט זיך אַרום מיר די צייט
מיט לענדער, וועגן, שטעט,
און כ׳ווייס נישט וואו די וועלט פאַרשווינדלט.

די בירגער פון מיין גרויסן כוטאָר
גלויבן אזוי שטאַרק די אַלטע שבועה.
נו, וואָס זאָלן זיי טאָן?

און וואָס זע איך דען ווייטער ווי:
ביים טויער פון יעדן דור
שפּרינגט ארויף אַ שטייפער אדם איינער
אויפן הויכן פּלויט לעבן בית-עולם טויער
און קרייט אויס די גאולה.

☆

קליינע, אָרימע נשמה

קליינע, אָרימע נשמה,
כ׳טרייסט דיך נישט מיט קיין גן עדן.
וועסט דיין מידן גוף דערטראָגן
צו זיין רואיקן געלעגער.

וואו דו וועסט זיך דאָ אַהינטאָן?
כ׳ווייס נישט. כ׳ווייס נישט.
כ׳ווייס נישט וואו די ערד באַוועגט זיך,
כ׳ווייס נישט וואו די זון טוט נעסטן.

ס׳האָט מיין פּעטער דרייצן לוחות,
פירט זיין קלוגע האַנט דאָרט חשבון
מיט די יאָרן, דורות און גורלות.

כ׳פרעג דאָרט אָן אַמאָל אַ רויטן ציפער:
ווען איז שבת׳דיקער יום-טוב?
ווייסט? די ציפערן די שטאָלצע
זיינען דאָרט אויף מיר ברוגז,
שטומען זיי אין זייערע שפּיצעכדיקע שנאָבלען.

דו, נשמה מיינע, קליינע,
ווי נאָר דו וועסט פאַרטיק ווערן
מיטן פירן מיך צו סעודות און משפטים,
מיט דיין קלוג פאַרענטפערן מיין בייזער
אויפן תמ׳עוואַטן רב ר׳ תמים,
אויפן בויכעוואַטן, ברייטן גלח

און אויף די אַנדערע פּאָסטעכער מיט פּעטע אויגן, —
וועסטו איבער מיר זיך בייגן
און מיר שמייכלען אין די אויגן:
נו, עד־הנה, גוטער ברודער.
איך בין מיד,
און דו ביזט מיד.
אפשר קאָנען אַנדערע זיין שטאַרקער
בערג צו קלעטערן,
איבער שפּיציקע פעלזן שפּאַנען,
שלאַנק ווי הירשן.
וואָס איך האָב געקאָנט,
האָב איך דיר שיין־געשאָנקען.
ביזט דערפון נישט רייך געוואָרן?
ביזט דערפון נישט הויך געוואָרן?
כ'האָב אָבער געטריי געדינט דיין לעבן.

☆

א ו מ ר ו

כ'בעט דער נאַכט אַביסל שלאָף
ווי אַן אָרימע נדבה.
אַלע מיינע אברים זינקען מיד,
און די קראַנקע אומרו גריזשעט,
ווי אַ שפּעטע זומערדיקע גריל
ס'דערנערדיקע איבערבלייב אויף פעלדער.

און ביים טאָג מיט טאַץ און פּויק,
איבערן גאַס ביי מיינע פענסטער,
בעט איך גאָרנישט.
זון און וועלט —
עפּעס פרעמדע שפּילער דאָרטן
כישופן אוצר'דיק געבלענד.
מיינע פיס און מיינע הענט
האָבן זיך שוין אויסגעפּלאָנטערט
פון די רייצנדיקע רעש'ן.
כ'גרוי ביים גרענעץ.

נאָר וואָס האַלט מיך אַלץ נאָך וואַך
אין אַן אָפּגעוואָרפן ווינקל,
און אַ טראָפּן שלאָף אין אויג?
אין די אויערן מײַנע קלינגען
אַלע פּוסטקייטן פון דער וועלט,
און די אומרואיקע שטיל
וויל נאָך אַלץ דאָ נישט פאַרשטילן.

☆

איך וועל צוריק זיך צוגעוואוינען

איך וועל צוריק זיך צוגעוואוינען
צום שוועל פון מײַן משפּחה־שטאַם.
איך ווייס: נישטאָ דאָרט קיין גאונים,
און איך? — בין אויך אַ האַלבער תם.

נאָך אַלע מײַנע חקירות, דרישות
פון קליינעם אַנגסט און גרויסן צער,
מײַן שיינער פּירוש איבער פּרישות
איז חכמה פון אַ וואוילן נאַר.

וואָס איז דאָס ווינציקסטע מקיים,
וואָס ער לערנט מיט אַזאַ פּאַראַד;
קיין פּרי ווערט נישט פונם רעיון,
ער בלייבט אַ שיינער, איידעלער בלאַט.

דאָס אויג איז זאַט שוין פון די חנ'ען,
וואו ס'ווינקען זיך איבער וואָרט און מיין,
וואָס ווילן כאָטש אַ טייל פאַרשיינען
פון אַלץ וואָס לאָזט זיך נישט פאַרשטיין.

איז דען פאַראַן אַן אַנדער מיטל,
פאַר די וואָס האָבן שוין פאַרפעלט
דערזען דעם שיינעם גאָלדענעם שליטן
דאָ דורכלויפן איבער דער וועלט?

געבליבן איז נאָר אין אויער קלינגעען
דאָס גלעקל און דער פּיף פון ווינט
און דער לבנה׳ס האַלבער רינגל
ביים ברעג פון הימל-געל און גרין.

דער טונקלער שאָטן פון אַ וועלדל
אין מערב-הימל אַראָפּגעשפּאַרט.
דער טרויער פון צענטויזנט וועלטן
וואָס ליגט נאָר אין איין וואָרט: פאַרנאַכט.

☆

הלוואי

דאָס האַרץ האָט טויזנט אויגן,
דאָס האַרץ האָט טויזנט אויערן,
הלוואי, מיין אָרים אינגל,
איך זאָל דיך דאָ פאַרהיטן.

די גאַס האָט טויזנט ווינקלען,
און פון יעדן ווינקל הויערט
אַן אַנדער פרעמדער שונא,
אַן אומהיימלעך, גראָ פּנים.

און ס׳בייגט זיך שוין מיין נאַקן,
און מיינע אויגן מידן...
און גאָט? ער האָט אָפּגעטאָן דאָ
אַזאַ מין בייזן משפּט.

איך זאָג זיך אָפּ צו פירן
מיט אים דעם וויסטן חשבון.
איך זאָג זיך אָפּ צו ריידן
מיט זיינע וואוילע שליחים.

איך לעב... בין אויך פאַרלוירן
ווייס זיך נישט וואו אַהינטאָן.
פאַרשפּילן זיך מיט תּפילות?
פאַרשפּילן זיך מיט קאָרטן?

איך טו דאָס נאָר אַ רגע
און פּלוצלונג נעמען פאַלן
די ווערטער און די מלכים,
צעברעכן זיך ווי שפּילצייג.

און כ׳ווייס, איך האָב פאַרלוירן,
אויף אייביק שוין פאַרלוירן.
דאָס אייביק קללה׳דיקסטע —
בין אַלץ נאָך נישט קיין זקן,

און זעץ זיך נישט אַנידער
אין די געהאַקטע וואונדן
אין ענגסטן, שפּעטסטן ווינקל
צום שאָטן צוגעבונדן.

און בין נאָך אַ מחותּן
מיט אַלץ און מיט אַנאַנדער,
איינער פון דער חברה,
איינער פון דער באַנדע.

און שפּיל נאָך אַלץ אין לידער
און גאווה׳דיק מיט די ברעמען.
דער טיול זאָל עס נעמען.
דער טיול זאָל עס נעמען.

☆

נישט נאָר דאָס מקום...

נישט נאָר דאָס מקום, נישט נאָר דאָס אָרט
צו בייטן — איז אַ סימן מזל-ברכה.
דעם טרויער היילן — אפילו אַ קלייד
אינמיטן מיטוואָך-אינדערוואָכן.

זיך ווייזן יומטוב׳דיק דער גאַס,
דעם שכן און דעם פרעמדן דאָרטן,
און חברה שפּילער האַלטן אַ וועלט
פון משנה-זיין דאָס טעשל קאָרטן.

עס נעמט גאָר גיין אַן אַנדער גאַנג
און איך — וואָלט לאַנג געדאַרפט שוין בייטן
דעם טראָט פון פוס, דעם בליק פון אויג,
דאָס אָרט, דאָס וואָרט און לאַנד און לייטן.

קאָן זיין אַז ס'איז שוין וויט צו־שפּעט
און ס'וועט ניט העלפן — נאָר פּרואוון מוז איך.
כאָטש ווי דער אָרעם צום אַקסל,
בין צוגעוואקסן צו וועלט און נוסח,

און צום דרך פון מיינע פריינט,
צום שרעק און חשד פאַר מיינע שונאים,
צום אומענדלעכן עלנט וואָס פּאַסט
מיר, ווי עס פּאַסט די נאָז צום פּנים.

☆

זיי האָבן דיך אַוועקגעזעצט אַליין...

זיי האָבן דיך אַוועקגעזעצט אַליין
אין מדבר פון פיר אומעטיקע ווענט.
אַ באַלקן און אַ דיל פון שטיין,
און אַ דאָרן שטעקל אין די הענט.

און אויפן טיש אַ שוואַרצגעבונדן בוך
מיט בלעטער ליידיקע און סתם
וואָס ס'קאָן אַלץ צוטראַכטן דער רוח —
אויך דאָס איז טויט און סם.

די אויגן טרינקען יעדן טאָג דעם גיפט
און ווערן ליידיקער ווי דאָס פּאַפּיר;
זיי לייענען די טויטע וויסטע בריוו,
וואָס מיליאָנען מתים שרייבן דיר.

און פּלוצלונג זעסטו, ווי אַ שוואַרצער טוך
נעמט וועבן זיך פון זיך אַליין
און שפּרייט זיך אויס איבערן וויסטן בוך
און ס'פענסטערל אין וואַנט הויבט אָן פאַרגיין.
נעמט טונקלען, טונקלען
און פאַרגיין.

מיין יחוס־בריוו איז מיט אַ דינעם־דינעם כתב

מיין יחוס-בריוו איז מיט אַ דינעם-דינעם כתב
געשריבן שטיל צווישן די שורות פון מיינע לידער.
די קלייניקייטן וואָס דערמאָנען זיך אין מיר,
און קומען, ווי צו-פוס פּאַמעליכן צוגיין
פון יענער וויטער, ווייטער, טאָליקער נידער,
דערפרייען מיך, ווי נייער, יונגער זומער,
פייגעלעך, וואָס מען ריכט זיך נישט אויף זיי שוין קיינמאָל.

מיין אייגן לעבן, ווי ס׳דערציילט זיך מעשה׳דיק,
וואָלט איך געוואָלט די ווערט-האָבן, אין טאָג פון רו.
נאָכמיטאָגן ביי זוניקע בייטאָגיק וואַרימע פענסטער
דערציילן מיינע טעכטער — לשם שיינקייט אפשר,
און אפשר טאַקע זיך פון האַרץ אַרונטעררעדן.
אָ, גיב זיי גאָט, אַ גוטע, שלווה׳דיקע שעה,
זיי זאָלן זיך אין מיר דערמאָנען, ווען איך בין נאָך דאָ,
און עפענען די טיר פון מיין יחידות.
זיי קענען מיין געמיט,
און קענען היימלעך רעדן אידיש.

פאַר זיי וואָלט איך געקאָנט דערציילן מיינע פּרקים קינדהייט,
אַראָפּנעמען די האַנט פון בוך, נאָך נישט געשריבן,
נאָר אויפגעהאַלטן אין פרום-פרידלעכן בעל־פּה, פאַר זיי,
און זיי געטרייסט מיט גוטסקייט און אַ שמייכל.
טראַכט נישט איבער, מיינע טייערע און ליבע,
וואָס ניט-היינט, ניט נעכטן און ניט אייערנעכטן
איז קיינער נישט געקומען זאָגן מיר גוטנאָוונט,
און ס׳העגנגט דאָס בריווקעסטל ביים טיר פּאַרזשאַווערט,
אויפן קרומען סלופּ ביים טויערל פון גאָרטן.

איך האָב געהאַט מיין הויכן רוישנדיקן טאָג,
מיין מאַרקטאָג און מיין הייליקן יאַריד.
כ׳בין זיכער, אַז אויך איר, געליבט-געטרייע מיינע,
וועט קומען הערן וואָס עס רעדט און בעט מיין ליד.

איך ווייס עס איצט, דערפֿאַר זיינען די קאַרבן-קנייטשן
ליכטיקער און נישט אזוי שאַרף-האַרב פֿאַרקריצט
איבער מיין פּנים — און כ׳בין שטאַרק און יונג געבליבן,
און די אַלטקייט פֿון מיין שטוב און פֿון מיין לייב פֿאַרטריבן.

און ס׳איז מיר איצטער גוט צום טעם,
ווען ס׳קומט מיר עמיצער דערציילן אייערע ווערטער,
ווי איר האָט אין מסיבה ביי אַן אָוונט-סעודה,
דערמאָנט מיין נאָמען, דערציילט מיין אַ פֿאַרשייטן פּסוק,
און אויך פֿון יענעם קאַלטלעכן פֿאַרטאָג אין שטוב,
ווען כ׳בין ביז בלוי פֿאַרטאָג פֿאַרזעסן ביים קיכטיש-ברעג אין דרימל.
אַ קאַלט גלאָז טיי, אַ נישט דערעסן פּעניצל חלה,
אַ יאָרצייט גלאָז האָט פֿרום געפֿלעמלט בלוילעך
אויף דער ווייסער פֿאַליטשקע פֿון אויוון.
די שויבן פֿראָסטיקע, פֿאַרבוימערט און פֿאַרוואָקסן.
אוןביידע זענט איר, קליינע מיידלעך נאָך,
אַריינגעשפּרונגען אין מיין ניט-געשלאָפֿן בעט,
און לאַנג געסוד׳עט זיך וועגן דעם טאַטן, דעם פּאָעט,
וואָס האָט פֿאַרגעסן זיך גיין שלאָפֿן לייגן.

☆

זיך צונויפֿרעדן נאָענט און ליב

זיך צונויפֿרעדן נאָענט און ליב
מיט דערמאָנונגען ווייטע, אין לידער,
איז אזוי ווי צו קומען אין שטוב, —
טאַטע-מאַמע און שוועסטער און ברידער.

ברייט דער טיש מיט אַ טישטעך פֿאַרשפּרייט,
פֿון לייוונט פֿון שטאַרקן און גראָבן,
מיט אַ ראַנד מיט אַ דינעם און רויט,
אַזאַ טישטעך פֿאַראַן ביי דער באָבען,

און ביי איטלעכער מומע אין הויז,
און ווען נאָר מען קומט זיך אינאיינעם,

איז אַלץ די משפּחה נאָך גרויס
מיט יונג און מיט קינד און האַלב-זקנים.

געוויס איז שוין היינט מער נישט דאָס
וואָס אַמאָל, און עס מערן זיך תּמיד
די בערגלעך די קליינע מיט גראָז,
די שאָטנס די שטילע פון אומעט.

נאָר כ׳רוף אַלץ און לאָז נישט צורו,
דאָס געדעכעניש, כ׳וועק עס פון דרימל,
און ס׳דעקט זיך נאָך אָפּ וואו ניט וואו
אַ ברעג פון אַ ווייטן שטיק הימל,

אַ ברעג פון אַ דאַך, אַ שטאַכעט
פון אַ פּלויט פון אַ היימישן גערטל;
פון טרעפּ אַ צערודערטער ברעט,
טוט אַ סקריפּ, און אַ רוף, און אַ צערטל

דאָס האַרץ, און אַז ס׳גיט זיך מיר איין
אין אַ ליד עס פאַרזינגען, פאַרוויגן,
ווערט מיר היימישער דאָ נאָך צו זיין,
זיך קושן, זיך אַמפּערן און קריגן.

וואָס איז, אַז מען קריגט זיך אַמאָל?
מען קריגט און מען בעט זיך באַלד איבער.
איין ווארימער קלאַנג נאָר אין קול,
און אַלץ ווערט דאָ נענטער און ליבער.

און ס׳גייט פון דער וועלט אָפּ די פרעמד
אַזויווי דער פראָסט פון די שויבן.
ס׳האָט קיינער מיך נאָך נישט פאַרשעמט,
איך בעט אייך, איר זאָלט עס מיר גלויבן.

און אויב מיין אַ ביטערלעך וואָרט
איז דאָ געפאַלן אויף וועמען,
ווייסט איר, ווי קליין ס׳איז דאָס אָרט,
וואָס כ׳טו דאָ אינגאַנצן פאַרנעמען.

איך ווייס נישט צי דאָס ביסל חסד...

איך ווייס נישט צי דאָס ביסל חסד,
וואָס איז מיר באַוויליקט דאָ — איז גליק.
אין אַן אויפגעלייגטער, אומדערשראָקענער שעה,
קאָן איך עס גוטמוטיק דיר אָפּגעבן צוריק.

גיב עס אַ פּיקדון צו אַן אַנדער אָרימאַן,
זאָל ער זיך דורכשלאָפן דערמיט.
איך וועל שטיל אַרויסגיין אויפן מאַרק
און זיין אזוי זיך אַ געוויינלעכער איד.

אַ יאַנקל, אַ ר׳ יאַנקל, אַ ר׳ יעקב,
און זיצן אויף דער קהל-שטובישער באַנק,
און ווי מיין טאַטע, נאָר אַביסל עלטער
און בלייבן ווי ער און שווייגנדיק, מיד, קראַנק.

אַריינוואַרפן נאָך אַ חריפיש ווערטל —
פון דעם איז שווער זיך אָפּגעוואוינען, שווער.
און ליב וועט זיין מיר הערן הינטערן רוקן:
אזוי פונקט האָט אויך אויסגעזען אהרן-בער.

אַ בלייכע קילקייט וועט אַ שוועב-טאָן איבער מיין שטערן,
אַן אומעטיקער שאָטן אויף מיין ברעם.
און אין געדאַנק: כ׳האָב אויך אַמאָל געשריבן
פרומע פסוקים תהילים צום בעל-שם.

☆

ויהי ערב, ויהי בוקר, ויהי...

גיי זיבן-און-זיבעציק זאַמדיקע מייל
און ווערסט צו מיין דאָרף זיך דערפרעגן.
אין דער גאַס לעבן אָפּברוך פון שטיינערנעם באַרג —
ס׳נעמט אַ שעה, אַ מינוט און אַ רגע.

און וועמען דו ווערסט דאָרט אָפּשטעלן נאָר,
און מיין נאָמען דערמאָנען,

אונ צוגעבן בלויז: דער אינגסטער זון
פון דעם סופרס אלמנה,

איז קען מיך דאָרט איטלעכער זייער גוט,
בין באַרימט אויף זיבן געסלעך לאַנגע.
וועט מען דיר אָנווייזן די אַלטע שטוב,
וואו איך בין אין חדר געגאַנגען.

בין מעבר לים אין דער וועלט,
צעטומלטע יאָרן, וואָכן.
דער נעכטיקער טאָג פּרואווט גאַנצמאַכן,
וואָס דער היינטיקער האָט צעבראָכן.

וואָס די היינטיקע שעה פאַרלייקנט וויסט,
פּרואווט די שיינע דערמאָנונג דערהויבן.
גיב אַ קוק אין דעם פרומען אַמאָליקן בוך
און וועסט ווידער אָנהויבן גלויבן —

ס'איז אַ פענסטער אַזאַ אין אַ הויכער וואַנט,
מען זעט דאָרט די וועלט אינגאַנצן,
מיט אַמאָליקן ליכט און גאַנג,
מנהגים און פלאַנצן.

זי איז נאָר פונוויטנס געבליבן שטיין,
נישט אינערגעץ אַנטרונען.
אויב דו ביזט דאָרט אַ תושב געווען,
וועסטו אַלץ דאָרטן ווידער געפינען.

געווען דאָרט אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פרעמד
דורכגעשאַרט — אַ ווינט איבער גראָזן, —
פאַר זיי בלייבט דער הויכער טויער שטום
און אויף אייביק פאַרשלאָסן.

און איך, — צו וואָסער אַ וואַנט איך גיי צו
און טו זי מיט אַ פינגער נאָר באַרירן,
עס נעמט נאָר אַ רגע, נאָך ווייניקער,
און די וואַנט עפנט אויף איר טירל.

ווייל יעדער וואָנט דערקענט די האַנט,
און שטרעקט זיך איר וואַרעם אַנטקעגן.
גיי זיבן און זיבעציק זאַמדיקע מייל
און דו וועסט צו מיין וועלט-דאָרף זיך דערפרעגן.

☆

ג ע פ אַ נ ג ע ן

נאָכמיטאָג אויפן בעט. אַ פענסטער פול מיט זון.
דער דרימל שפילט זיך אויף די זילבערדיקע ברעמען.
ביים לעבן נאָך הויבט אָן זיך שוין דאָס אייביקע רוען
און קיינזאַך ווילט זיך דאָ נישט אָנרירן, נישט נעמען.

דערמאָן איך זיך: אַ שורה וואָגנס האָב־און גאָטס-גענאָד;
ווער איז דער האַר איןברייטן גרענעץ-טויער?
נישט איך. מיין וואָגן רודערט מיט זיין שטויביקן ראָד,
מיין ארון-וואָגן — צו דעם לאַנד פון רו און טרויער.

און איך, ווי איטלעכער, נעם גאָרנישט מיט זיך מיט,
און וויניקער ווי איטלעכער, לאָז איך דאָ איבער.
מיין וואוינאָרט דאָ? אַ פרעמדע וועלט, אַ פרעמדע שטוב,
אין טאָל פון די געבויגנסטע און גרוי'סטע שטיבער.

מ'האָט וועגן מיך אויפן קהלס-עמוד דאָ געהערט,
מ'קאָן מיך גוט; מען וועט מיך זייער גיך פאַרגעסן.
אַ טרויעריקער דאָן קיכאָט מיט אַ פאַרזשאַווערטער שווערד,
ווי אַ צוריקגעקומענער — איז זיך ביים טאַטנס שוועל פאַרזעסן.

ביים טאַטנס טיש. נאָר אַ כזית ברויט מיט זאַלץ,
און ס'איז אים מער קיין זאַך נישט אָנגעגאַנגען.
ער האָט געוואוסט דעם אומעטיקסטן טייטש פון ווערטל: „אַלץ",
און זיך אַליין אין שטייג פון ענגסטער איינזאַמקייט געפאַנגען.

היט זיך פאַר פאַרריסענע משלים

ווען קענסטו דען אין אונזער אַלטשטאָט ?
דעם שוסטער און דעם דאָרן יתום-יונג,
וואָס טרעגערט שוין פונלאַנג אין אַלטן מאַרק
אויף זיינע פרומע, שמאָלע פלייצעס.

די לייבן פון יהודה,
די לעמפּערטן פון באַגדאַד, —
זייערע וואַזשנע גרויסגעשטאַלטן
זיינען נישט פאַר אונזער סביבה,
וואו אַלץ איז נאָר אין איידעלן מיניאַטור.

און די הכנעה, ווי אַ גוטע מאַמע, גלעט
די שטוב־דעכער און די קליינע גערטנער.

אַ שורות, שירים, פסוקים מיינע.
וואו האַלט איך אין דער וועלט דען סייוויסיי ?

מיין צעבראָכענע עלטער נענטערט זיך.
ווי אַ שווערער, גראָער ווינטער
וועט דער הוילער עלנט מיך אַרומנעמען.

אָן-ווען וועל איך זיך דאָ אָנלענען,
אַז ניט אין אייך, מיינע פאַרזעסענע ברידער ?
איר, מיינע איינציקע שומרים אין מיינע פחדים-נעכט,
אין פּראָסטיק-ווייסער איינזאַמקייט פון וויסטע טעג, —
איר וועט מיך פירן ווי אַ מידן בעטלער
אויף די נעכטיקע זייטיקע וועגן,
וואו כ׳פלעג זיך טרעפן וועגן-ניט-ווען מיט גאָט.

✡

ל ו י ט ע ר ק י י ט

אַן ענגער, שמאָלער אַלקיר
מיט שאָטנדיקע ווענט מיט גראָע,
קאָן ווערן אַ מערה-הייל אַ הייליקע,
פאַר אַ נייעם רבי שמעון בן־יוחאי.

און גאָט זאָל אים נאָר שענקען שטאַרקע יאָרן,
אַ קלאָרן רעיון און אַ האַרץ אין שלום,
ווערטער אידישע געאָכפּערטע אין גלויבן,
וועט ער נאָך קאָנען אונזער דור דאָ אויסשטרעקן אַ האַנט
פון זיין געפאַלנקייט זיך אויפצוהויבן.

און בלייבן וועט אונז אפשר נאָך אַ ספר זוהר,
אַ רפואה פאַר פאַראומערטע מאמינים.
דער שטן איז זיי נאָכגעלאָפן, נאָכגעזילזולט,
נאָכגעוואָרפן חוזק, קללה, שטיינער, בלאָטע;
נאָכגעשליידערט ביינער, קנאָכן, שאָטנס פון די חורבות,
געלע פלעקן פון שיגעון — אין די מוחות,
און זיינען אַלץ געבליבן ריין און גאַנץ אין זייערע כוחות.

☆

דער אוצר

כ'האָב אויך געלערנט אַמאָל מיט קינדער
און האָב זיך פון זיי אויסגעלערנט
צו זיין אַ בעלפער און פאַרריכטן
אַ לעכעלע אין אַ לאָמטערן.

פון אַלע סדרה'ס, פון אַלע פסוקים
אַרויסגעפירט, ווי חיות טובות,
די גוטע מעשה'לעך, ווי פאַוועס,
און אַנדערע שיינע, גאָלדענע עופות.

וואו בין איך נישט מיט זיי פאַרגאַנגען,
וואו בין איך נישט מיט זיי פאַרפלויגן.
אוודאי איז די תורה אמת,
נאָך אמתער — די קינדערשע אויגן.

און אַז זיי קוקן דיר אין פנים
מיט אַזאַ תמימות און אמונה,
ביזטו דאָך זיכער, אַז דו האָסט דאָ
דעם אוצר פון דער וועלט געפונען.

און וואָס דער אוצר איז, דאָס קאָן מען
אויף קיין שום לשון ניט באַשיידן.
נאָר אַז מען האָט אים, קאָן מען אפשר
זיך פרידלעכער צוזאַמענריידן,

סיי מיטן טרויער, סיי מיטן אומעט,
נאָך אפשר בעסער ווי מיטן סידור.
און פון אַזאַ מין חסד שפּראָצן
אַרויס פון פּראָסטע ווערטער — לידער.

איך האָב געהאַט אַ סך תּלמידים
און אפשר וועט זיך פון זיי איינער
מיר אָפּשטעלן — אַ גוטער יורש,
פאַר מיין ירושה, פאַר מיין שיינער.

און אפשר נאָך באַווייזן כּח,
פון מיר נאָך גיין אַביסל ווייטער, —
און נישט ס׳וואָרט נאָר, נאָר אויך זיין לעבן,
זיין דורכגעליכטיקט, דורכגעלייטערט.

און זיין טאַקע ווי יענע אַלטע,
וואָס כ׳האָב געזען נאָך במחשבה.
און אויסגעטאָן דעם פייטנ׳ס גריוועע,
און אויך דעם מאַנטל פונם נביא.

און איז אַריינגעגאַנגען איינמאָל
אין הקדש צו קבלת-שבת,
און האָט געטראָפן שוין אין ווינקל
פאַר זיך די אָרימסטע צוויי שקראַבעס —

ירושה פונם אַלטסטן אביון —
און איז אין זיי אַריינגעטראָטן.
און איך בין אויך מיט אים געבליבן,
אונטער זיין טריט זיין שטומער שאָטן.

אַן אייניקל נעבעך...

רבינס אייניקל — אַ געלער שטריימל,
אַ זיידענער לעטניק ביז צו דר'ערד.
נאָר דאָ אויף קלאַרק סטריט האָט ער מורא
בייטאָג אַראָפּצוגיין פון זיין אַלטמאָדישער שוועל.
וואַרט ער בייטאָג אין די פיר ווענט פון שטוב,
טוט אַ קוק אין פענסטער, אזוי ווי פון אַ גרוב.
און אַז דער אָוונט וואַרפט זיין ערשטן שאָטן
פון דרויסן דורך די פענסטער אין שטוב אַריין,
פאַלט ארונטער פון דער טיר דער פחד: פאַרבאָטן,
און ער וויל שוין גיין.
נאָר — זאָל נאָך ווערן טונקלער.
ער קוקט אין די ווינקעלעך,
אויפן סטעליע, אויפן דיל,
און אומעטיקט שטיל.

און אַז עס ווערן שוין שוואַרצבלוי די שויבן,
און ער וויגט זיך אום אין געבעט ביי דער שטומער וואַנט,
נעמט ער זיך אַן אַליין ווי אַ קינד ביים האַנט
און פירט זיך אַריבער די שוועל, די טרעפּ.
אין גאַס גייען פיס, קעפּ.
קינדער פילדערן נישט מער.
די ברייטע קאַפּאָטע פון אַטלעס
און די קרויזיקע פּאות-פּאַטלעס
זעען זיך נישט אַן אזוי בולט.
גייט ער לעבן וואַנט פון זיין שטוב הער און הין
און טראַכט:
היינט איז דינסטיק,
דאַכט זיך מאָרגן איז דער מולד?
און קיין ארץ ישראל האָט ער אַוועקגעשיקט זיין בכור —
אַ אינגעלע, אינגאַנצן עלף יאָר,
ער זאָל לערענען אין דער ישיבה דירושלים.
ער האָט אים מיטגעגעבן אַ ש״ס אַ נייעם,
אַן אַלט קאַפּאָטקעלע און אַ פּאָר אַלטע תפילין.

אָט שטייט ער פֿאַר אים. דאָס פּנימל דאָס שטילע,
דאָס בלייכע — אין די הענט די דאַרע.
און ווי וועט ער אַליין זיך דאָ אזוי דורכשפּאַרן
די יאָרן?

די פּראָסטאַקעס קומען צו אים מיט גוטע כוונהס,
אַ שמחת-תורה אָנגעפּאַקט מיט מתנות:
פלעשער ביר, לעקעכן, ממתקים מכל הסאָרטן,
ביי אַ פּאָר האָבן אַרויסגעשטעקט די קאָרטן
פון אויבערקעשענע און געחוזקט, און אָפּגעלאַכט.
ער האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזט,
מיט דער האַנט אַוועקגעמאַכט:
אַ—הו—ש! און זיך אַריינגעכאַפּט אין הינטערשטן אַלקיר,
האָט ער דערזען אַ שפּינוועבס אויפן באַלקן,
אַ פינסטערע לאָך אין סטעליע-ווינקל —
וואָס דער דמיון טראָגט עס אין-זיך! האָ!
גוט וואָס אַצינד איז שוין נאַכט, טונקל,
און די זון, דער חוזק, דער קינדערגעשפּיל
איז אַוועק! גיי איך זיך דורך אַביסל אַהער, אַהין,
און שמעק די לופט פונם פרעמדן דרויסן,
און די קאַלטע לעקטרע־לאָמפּן! פּלאַי-פּלאַים!
וואָס פאַר אַ וואונדער ס׳טראַכטן אויס די גויים!
און אידן האָבן אויך מסתם אין דעם אַ שטיקל חלק.
נאָר דער שבת איז דאָ ניט הייליק,
און די וואָך איז דאָ זייער שווער.
און איך בין דורך די ימען פאַרטריבן אַהער
פון איין גלות אין אַ צווייטן גלות..
אפשר גאָר געדאַרפט דאָרט בלייבן אין פּאָליש
זיך אַרומוואַלגערן — ווי יאָסיע באָרשט,
פאַרוואָרלאָזט, פאַרהונגערט, פאַרדאָרשט.
שמאָטעס, טראַנטעס אויף די לענדן.
נאָר מ׳זעט די אַלטע שטענדערס.
דאָ איז געשטאַנען דער זיידע ר׳ אברהם,
און דאָרטן-אָ — דער זיידע ר׳ חיימל.
היינט שטייען פּראָסטערע אידן,

נאָר די ערלעכקייט גייט זיי פאַרויס
און הינטער זיי — נאָר די וואָס האַלטן אויס
דאָס גאַנצע לעבן דעם נסיון,
ווערן ביים לעצטן טאָג-פאַרגראָען
געבענטשט פון גאָט און גרויס —

איך בין פאַרטריבן און אָן אַ זכיה,
זע נישט די אינדערפריען,
נאָר די פאַרנאַכטן נעמען-צו די שרעק,
און איך גיי די לאַנג-צעצויגענע גאַסן דורך,
וואו די פרעמד דערקענט מיך נישט,
און פאַרשעמט מיך ניט, פאַרשעמט מיך ניט.

☆

דער אַלטער, גראָער רב

דער אַלטער גראָער רב, ר׳ שאול דוד,
ווי דורך אַ נס גערעטעוועט זיך פון מאַידאַנעק:
עפּעס אַ שייגעצל, אַ הרובע-הייצער, יאַנעק,
וואָס האָט צווישן אידן זיך אין מקום אויפגעכאָוועט.

ער איז ווי פאַרשעמט דער רב, אַרומגעגאַנגען אויף דער ערד,
אין צענטן איינגעקאָרטשעט פאַר גרויס צער און בושה,
פאַר אַ גוט-וואָרט צו אים, אַ שמייכל, אַ דבר-כבוד:
מען דאַרף נישט, אידן טייערע, פאַרוואָס? פאַרקערט.

שבת האָט ער מער נישט אומגעביטן די מלבושים,
דאָס שטריימל נישט אַרויפגעהויבן אויפן קאָפּ,
און נישט געוואָלט אפילו הערן אויף זיין חשבון,
אַז ער ריכט נאָך חורבן בית-הגלות אָפּ.

ביז איינמאָל — אַזוי האָט ער דאָס אַליין דערציילט אַנומלט,
איז אים אין חלום פון דער נאַכט האַרב אַנגעזאָגט געוואָרן,
ער זאָל זיך נישט צולהכעיסן אַנטקעגן שבת,
און אים נישט פּייניקן מיט וואָכעדיקע דאַרע שקראָבעס,
און נישט מבזה-זיין אים מיט קיין גאַל-צעפּליקטן לעטניק.

און זאָל ער נישט פֿאַראַבל'ען דעם ניגון פֿון די אַלטע זמירות.
וואָס איז דאָס פֿאַר אַ דרך, פֿאַר אַ פּירעכץ!
איז דאָס נקמה חס-חלילה? אין וואָס? אין וועמען?
אין אַ גאָטספּאַרכטיקן אַלטן ראש-השנה?
האָט ער אַ טענה צו כל־נדרי?
תרעומות צום ונתנה תוקף?

און ווי ער הערט אַזוי דאָס קול פֿון טענות, זייַנען תיכף
פֿאַר די אויגן זיינע אויסגעוואַקסן אַ פּאָר נייַע בעלים,
אָפּגעפּוצט לכבוד שבת, גאָרנישט ווי אין חלום.
און באַלד האָט ער פֿאַר זיך דערזען אַ פּלאַטער-געבן
אַ קאַפּאָטע כולה אַטלעס, ווי דאָס מלבוש פֿון זיין רבין,
דער ריזשינער — וואָס פּלעגט אַנטקעגן שבת-קודש
אַרויסגיין ווי אַ מלאך, ווי אַ מלך להלל און להודות
און זיך רימען פֿאַר די הימלען מיט דער פֿרייד דער גרויסער.

אַז ער האָט זיך פֿון חלום אויפֿגעכאַפּט, דער רב, ר' שואל דוד,
איז ער אַליין געווען פֿאַר זיך דער חלום פּותר.
און ווידער איז פֿאַר אים דער שבת, יומטוב און ראש-חודש
אויפֿגעגאַנגען פֿרום און ליכטיק אין זיין אַטלעס, הדרת קודש.

נאָר נישט באַשערט געווען דעם רב דער תענוג און דער חידוש.
געמאַכט פֿאַר כל ישראל צו קבלת־שבת אַזאַ קידוש,
וואָס מען האָט שוין לאַנג דאָ נישט געהערט אַזוינעם.
נישט נאָר אַלע ווערטער, אַלע פּסוקים, נאָר די אותיות אַלע,
האָבן געפֿינקלט און געלויכטן יונג אין זייערע הויכע קרוינען
פֿון כלערליי קאָלירן אין דער וועלט, כל מיני וואונדער־פֿאַרבן.
נאָר מוצאי שבת איז ער פּלוצלונג, ביי דעם שלש-סעודות איינגעפֿאַלן,
און זיך געבעטן צופֿירן צום בעט — צו שטאַרבן.

☆

אַ ז ק ן

אַ זקנ'דל איז צו זיין שוועל צוגעפֿאַלן:
איך קאָן שוין נישט מערער, גאָט.
גיב מיר עטלעכע קליינינקע טעג כאָטש פֿאַר תפֿילה
איידער דו מעקסט פֿון דער ערד אָפּ מיין טראָט.

פֿאַרמאַך מיך אין מײַנע פֿיר טונקעלע אײַלן,
כ׳זאָל זיך זען אין מײַן רואיקער שעה,
איך זאָל אויף זיך קוקן, איך זאָל זיך דערמאָנען,
אַז כ׳בין דאָ, אויף אַן אמת נאָך דאָ.

און איין האַנט זאָל געבן דער אַנדערער שלום:
שלום עליכם, וואָס מאַכט אַ ייִד?
אַז איך ווייס נישט אַליין פֿונוואַנען איך קום איצט,
און ס׳וויגט זיך די וועלט פֿאַר מײַן אויג אַרום מיד.

דאָס געל פֿון די הענט טוט ווי ביטערער שוועבל
מיר שפּאַרן אין אויג אַרײַן ביטער און האַרב.
לייג, גאָט, מילד דײַנע הענט מיר אַרויף אויפֿן אַקסל,
און מורמל מיר פֿאָטערלעך: שטאַרב.

☆

י אָ ד

פֿרעמד נישט אָפּ מײַן לײַב
פֿון דײַנע וואונדערלעכע ערדישקייטן, —
די ניסים וואָס דו רופֿסט אַרויס פֿון שטויב:
פֿרוכט און פֿלאַנץ אין אַלע פֿאַרבן, קלאַנגען, זײַדן.
גיב די לידער מײַנע זוניקע און לעבעדיקע גראַמען,
ווי דו גיסט דעם פֿײַער זינגענדיקע פֿליגל — פֿלאַמען.

גיב די ווערטער מײַנע היינט און מאָרגן, תּמיד,
שטאַרקנדיקן טרויער, היילנדיקן אומעט.
ווען אַלע טרייסטן, שיכרותן, רפֿואות,
ווערן אָפּגענאַרטער טעות.

און דורך די לידער מײַנע, ווי דורך קלאָרע שויבן,
זאָל איך קוקן רואיק: דאָרטן איז דער באַרג פֿון גלויבן,
און אויף זײַן שפּיץ זײַנען אַוועקגעגאַנגען שטאַרבן
די וואָס האָבן זיך געבראַכט — אַ גאַנצן קרבן.

הייליקע האָט מען זיי אָנגערופן.
מען האָט דאָ נישט קיין ערלעכערע נעמען.
דערפאַר לאָזט מען אַראָפּ פאַרשעמט די ברעמען,
און מען קאָן דער וועלט נישט קוקן אין די אויגן.

עלנטע לאָמטערנס, פּלויטן, מענטשן,
גייען אונטערן עול-עולם איינגעבויגן.

☆

אשרי תמימי דרך

אַלטקייט בייגט זיך פרום
צו קליינע, ליבע קינדער,
נעמט תמימותדיק די וועלט אַרום
און ווינטשט איר, בענטשט זי
מיט שטילן מורמלענדיקן
אשרי תמימי דרך.

די וועלט בלייבט אייביק יונג
און קאָן נאָך נישט די שטאַרקע חכמה —
די הייליקייט פון מעשים טובים,
זי פאַלט צו זיי אויף אירע קני,
זי בעט צו זיי מיט אַלע ערלעכע ניגונים.
זיי הויבן אָן אויסזען פאַר איר אויג
ווי געטער אויף די הויכע בערג,
תהילים׳ט זי צו זיי אַרויף
מיט בלייכן פּיין איבער די ברעמען:
מאין יבוא עזרי?

און די תנאים פון נעכטן, פון היינט,
לערנען אַלץ קינדערשע תורה:
אַז גאָט איז יושב אוהל
מיט איטלעכן דאָ ביי זיין אַלטן טיש.
ס׳איז אָנגענעם מיט אים צו פירן שיחת חולין
נישט נאָר אין דער הייליקייט פון שולן,
נאָר אפילו בחברותא ביי אַן אָוונטיקער סעודה.

דאָס האָט געזאָגט,
נישט דער נודע ביהודה
נאָר דער נחבא ביהודה.
ס'איז וואויל באַקאַנט
אַלע וואָס קומען צו מיר אַמאָל
אָפּבויגן אַביסעלע די עלנט-וואַנט,
וואָס פאַלט מיר ממש אויפן קאָפּ אַריבער.
דערפאַר מיין לייבלעכער, מיין אייגענער,
מיין ערלעכער און ליבער,

גיי מיט אַ פרומער ברכה דורך
אַלע גאַסן און אַלע שטיבער,
פאַרגעס נישט די פּראָסטפּשוטקייט —
אַז דאָ לעבן מענטשן.
די בלאָנדזשענדיקסטע גאָטסבאַשעפענישן.
זיי טראָגן גאָטס געשטאַלט אויף זיך,
זיי פיבערן מיט אַלע שבע חכמות ליכט,
זיי לייטערן זיך אין זיין גייסט
און גייען, גייען אייביק צו זיין תיקון
און קומען נישט צו אים,
און קומען נישט צו אים.

זיי האָבן אין די קליינע הענט זייערע,
אין זייערע הערצער, מוחות
אַ חלק פון זיינע כוחות,
אַ חלק פון זיין הימלישקייט
און פון זיין אייביקייט —
און שטאַרבן אַלץ,
און שטאַרבן אַלץ.

☆

ב ר ו ך   אַ ד ו ש ם

ברוך אַדושם יום יום,
לויב צו גאָט פאַר יעדן טאָג,

פאַרן ענגן ווינקל היים,
פאַרן אָפּגעטראָגענעם ראָק.

פאַרן האַרטן ביסן ברויט,
פאַרן שאָטן ביי מיין זייט, —
פאַר דער קורצער שעה פון רו, —
הערט זיך צו מיין שווייגן צו.

פאַרן שמייכל פון אַ קינד
אין אַ בלייכער, אָרימער שויב.
פאַרן דורכפלי פון אַ טויב
אינם פייכטן קילן ווינט,

ווען דער זומער גליט שוין אויס,
און זיין זוין ווערט גאָלדנרויט.
פרידן איבער איטלעך הויז,
און דער גוטער הימל בלויט.

☆

וואָס שטייט איר, אידן?

וואָס שטייט איר אידן, נאָך פאַרמעליקט?
זאָגט די גויים אַרום אייך,
אַז ס'האָט שוין אויסגעקלונגען די שעה פון גרויסן שבת.
איר מעזשבושער, איר בראַצלאַווער, איר קאָריצער אידן,

ווי אזוי נעמט עס אַ פאָלק אַ גאַנץ און פאַרגעסט זיך!
נאָר זיבן מיילן מיט אַ קליינער שיף דעם ים געשוואומען.
וואָס זענט איר, אידן, דאָ מבולבל געוואָרן?
פאַר אַן אייזערנעם מויער וואָס קריכט אינדערלופטן?
פאַר אַ שטאָלענעם פויגל וואָס רייסט זיך אין חלל?
און איך — האָב מיין ענגשאַפט נאָך ענגער פאַרצויגן
אזויווי מיט אַ שבתדיקן גאַרטל אַרום זיך.
און איבערגעזונגען פאַר מיין טרויריקן כבוד
די אַלע ניגונים וואָס שפּילן אין אייער לעבן,
און ס'איז מיר די פרעמד-ערד דאָ היימיש געוואָרן,

און האָט מיך גערופן: ר׳ יעקב, וואָס מאַכט איר?
איך מאַך מיר אַ וואַרימען נעסט אין ניו-יאָרק־שטיין.
אַ פאַרבלאָנדזשעטער איד פון אוקריינער לאַנען,
אַ פאַרוואָרפענער איד, אָבי ער געדענקט פוגוואַנען,
איז דאָ נישט פאַרוואָרפן, איז דאָרט נישט פאַרלוירן.
ס׳איז מער ווי דערמאָנונג און מער ווי זיכרון.
ס׳איז עפּעס אזוינס וואָס קומט אייביק צו-חלום
און צעקלינגט אין גינגאָלדענעם זינגען די וואָרן.

☆

ס פ ק ו ת

און דאָס איז דער מענטש אָן כלי זיין.
רוף אים שאָף, רוף אים לאָם, רוף אים תמים.
ער זיצט אויף אַ ווינטערדיקן מאַרק אַן אַלטן,
פאַרקורטשעט אין אַ וואָכעדיקן פאַלטן,
און בלעטערט פון מוח אַ זינגעגנדיקן ספר
הלכה — ווי אזוי דאָ די ווילד-וועלט צו לייטערן.
דאָס זינגען פון די פסוקים איז טרויעריק
ווייל, ווי הויבט מען אָן?
און וואו הויבט מען אָן?
אַז איין דור טוט פאַרגעסן דעם צווייטנס צוואה
און אמונה איז אויך נישט פון אייזן,
און בטחון ווערט אויך אַמאָל צעבראָכן.
און דעם שמינס סטראַטעגיק
איז בלינד-הינטערוועלטיש,
און אונזער יונגוואַרק בלענדן זיינע בראַווקייטן.
דער שטענדער פון לויטערער תורה
שטייט אין שטיבל פון עלטער.
דאָס שטיבל —
פאַרטומאַנעטע געלע פענסטערלעך.
הייסט עס, וואָס?
הייסט עס, ווי?

אַז די וועלט וועט אזוי וועלטעווען, ווילדעווען?
ביז וואַנען?
ביז אחרית הימים?
אויב נישט נאָך ווייטער.

✡

אין ניגון פון טיפסטער תמימות

די חכמה פון דער וועלט,
די אייביקסטע און טיפסטע תמימות,
קלינגט העל און יונג-דערקוויקנדיק —
אַ סדרה חומש אין די אינגלעכס מיילער.
די אײדלסטע און וואונדערלעכסטע עפּיק
פון אַנדערסען הראשון פאַר צענטויזנט יאָרן,
ווי גאָט מאַכט זיך אַ חבר און אַן עוזר —
אַן אדם פונעם ערדשטויב פון גן עדן,
ער זאָל האָבן מיט וועמען אַ וואָרט צו ריידן,
וועמען איבערגעבן זיינע נחלות און געגנאָדן,
וועמען זאָלבן פאַר אַ קעניג איבער פיש און פייגל,
וועמען לערנען גלעקל-כתב און שטעקל קלאַנג,
און קרוינען פאַר אַ האַר איבער דער וואָך
און אירע שאָף און וואונדער.

דאָס איז קינדער-מעשה, בליענדיקע מעשה-ילדות.
גרויסע לערנען עס אייביק מיט פירושים.
פרומע זינגען עס אַריין אין אַלע זייערע אברים.
דיכטער קושן עס אַריין אין זייערע חושים.
נאָר אזוי פשוט-אייביק ווי די חדר-אינגלעך
וועט קיין ווילנער און קיין קאָריצער גאון
קיינמאָל נישט באַנעמען יענע מיינען, חנ׳ען,
וואָס גיבן זיך נישט נאָך קיין פירוש רש״י.
ס׳איז פשוטו כמשמעו — און נאָר חדר-אינגלעך
קאָנען זיך דערזינגען צו דער שיינקייט
צו גלויבן איטלעך וואָרט, יעדן פינטל
אונטער איטלעך אות, — זיי זעען גאָט

אַרומגייען אין דעם ערשטן דערפל פון די אבות,
זיי פילן איבער זיך די פרישקייט פון דער זון
פון יענע נייע טעג, ווען ס׳איז דער בלאָער שוואַלב
אַריינגעפלויגן אין דער גרויסער וועלט
און נישט געוואוסט פונוואַנען.

אָ, זאָלן גרויסע דרשענען, וואָס זייער האַרץ געלוסט,
און זאָלן לומדים שפּאַלטן פּסוקים־שפּענער,
און מיט די בונטע ברילן אויף די נעזער
נישטערן אָן אות, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן
און וואַרט דאָרט אויף אַ מזלדיקן חכם,
ער זאָל עס כאַפּן ערשט אין הונדערט יאָר אַרום
און מיינען אַז ער האָט אַ שליסל
צו דער שטומקייט פון אַ גאָלדן פישל.
אזוי ווי חדר־אינגלעך האָבן געזונגען סדרות חומש
וועלן אָוועקגיין דורות אחרי דורות,
מען וועט דערמאָנען זיך אָן אות, אַ קלאַנג
פון דעם פאַרגעסענעם, פאַרזונגענעם געזאַנג,
און אָפּכאַפּן אַ ווייל דעם פרישן אָטעם.
און ווידער וועט דער וואָכעדיקער שאָטן
פאַלן ווי אַ וואָלקן אויף די ברעמען.

☆

נאָר עטלעכע זיינען...

נאָר עטלעכע זיינען דאָ לויכטן געבליבן
אונטער דער לויטערקייט פון יענעם הימל,
וואו דער בעל־שם און די אייניקלעך זיינע
זיינען אַריבער דעם עמק אוקריינע
געגאַנגען — ווי דען וואָלטן לאַנדאָ און גלאַטשטיין
זייערע גרויסע געזאַנגען געשריבן
און — איך טאַקע מיינע?

אַ מעין, אַ הייליקער קוואַל טוט נאָך שלאָגן
פון הינטער די שורות פון אונזערע שירים.

איך זעץ זיך אַרויף אויף אַ פּערד, ווי אַ וואָגן
און ווייס, אַז ער וועט מיך דערפירן
צו יענע ישובים — זיי לעבן נאָך אַלע,
די באָבישע-הייזער מיט דעכער ווי שאַלן,
פאַרהילטע ביז איבער די פענסטער-אויגן;
אַ גאַנצער דור שטיבער — צו דר׳ערד געבויגן.

און איך בייג זיך אונטער די טירן די אַלטע
און קום דאָרט אַריין און קיין לעבעדיקער שאָטן
טוט אויף דער וואַנט נישט קיין אָטעם.
און ס׳טוט מיר אַ קלינג ווי אַן עכאָ פונוויטן
דאָס אייביקע מעשהלע, וואָס עס דערציילט אונז
די באָבע, די צייט, מיטן בער און די אייניקלעך.
זוך איך אונטער די בענק און די טישן:
וואו האָט איר זיך, טייערע קינדער און זיידעס,
וואו האָט איר זיך פון מיר געטאָן-טאָן באַהאַלטן.

דער בראַצלאַווער דאָרט הינטער דער ספרים-שאַפע,
דער קאָריצער הינטער דעם אַלטן אויוון,
דאַכט זיך, איך הער ווי ער מורמלט מה-טובו,
כ׳הער זיך איין טיפער — יאָ ס׳איז זיין ניגון
און באַלד איז ער איינגעשוויגן.

☆

וועל זיך נישט בייטן

איך ענגן עיגול פון זיבן גאַסן
פירן מיר אונזער גרויס-ממשלה.
מיך טוט נישט קיין שום גאונות,
קיין גדלות און קיין גאווה׳ס
אויף אַ האָר אפילו איבערראַשן
און כ׳וועט פאַרצאַפּלט זייער אָפּט
פון אַ גוטמוטיק גראָבוואָרט
פון אַן איידעלען באַלעגאָלע.

מוסר צי נישט מוסר, שרעקט מיך נישט.
נישט די ווײַלדישע און נישט די ווערלעכישע
הויך־בוידימדיקע שײַנע פּירמע.
כ'האָב ליב די טענה פֿונם תהילים
און די שטראָפֿרייד פֿונם נביא ירמיה,
און נאָכדעם ווי ישעיה האָט זיך אויסגעשריגן,
אויך אויף די היינטצײַטיקע פּאַסקודניאַקעס,
איז מיר רואיקער אין מײַן לירישן ניגון
שטילערהייט פֿאַרמורמלען מײַן תפֿילה זכה.

מאַך פֿאַר מיר נישט קיין כּללים,
זײַ מיר נישט פּותר מײַן חלום,
על פּי תּורת הטעאָריע של זיגמונד פֿרוידן.
כ'הער אַליין קוים ווי איך בין זיך מודה
אין מײַן ליד אויף מײַן פֿאַרביסענער ירידה.
דאָס שטיקל וועלט, דאָס ביסל לשון,
דאָס קאַרגע ביסל חכמה האָב איך
געלערנט און פֿאַרהאָרעוועט דאָ,
נאָר צווישן מײַן הויזגעזינד די בני אידן,
און אַזוי וועט עס געפֿעלן מוזן גאָט און לײַטן.
כ'וויל זיך נישט און וועל זיך שוין נישט בײַטן.

☆

זע אונזער ביסל לעצטע ייִדעס

זע אונזער ביסל לעצטע ייִדעס,
אונזער ביסל אַלטער כּבֿוד.
האָבן זיך אַוועקגעשטעלט די לעצטע
הינטער אונז, מחוץ למחנה,
מיט זייער אומעטיקער עלטער.

זאָגן אונז שוין קיינמאָל נישט קיין דעה.
בלײַב אַמאָל אויפֿטשיקאַוועסט איבער,
ווען זיי גייען נישט אײַנערגעץ.
טאָגווײַז אין די דלד־אמות.

קוק זיי נאָך: ווי וואַרעם, צערטלעך,
זיי האַלטן אין דער האַנט אַ ספר.
ווי זיי גלעטן זיינע בלעטער,
ווי זיי זוכן מיט טיפע אויגן
סודות און באַשיידונגען העלע:

„אוי, ווען ניט די דאָזיקע ווערטער,
דאָזיקע בלעטער, דאָזיקע שורות,
ווי וואָלטן מיר אין דער וועלט געוואָגלט.
זיבן יאַרידן האָט די וואָך-וועלט,
האָבן מיר נאָך דאָרט וואָס צו האַנדלען?
זיבן טויערן — דעם מלכ׳ס היכל,
אין קיין איינעם לאָזט מען אונז נישט אַריינגיין”.

זע אונזער ביסל לעצטע זיידעס,
אונזר ביסל אַלטער כבוד...

☆

מ אַ מ ע ס

אַלע, אַלע מאַמעס האָבן
נישט-קיין-געשריבענע תחינות,
ביים אויפשטיין, ביים זיך-שלאָפן-לייגן.
זיי זאָגן זיי מיט זייערע שיינע, ליבע אויגן,
מיט זייערע פרומע, גוטע הענט,
און בענטשנדיקע ליפּן.

מאַמעס אָרימע — אָן קינדער
זאָגן זיי פאַר יענעמס קינדער,
וואָס האָבן נישט קיין מאַמעס.

אייביק רוט אַ שאָטנדיקער מורמל
אויף די מאַמעס בלייכע ליפּן.

פאַראַן אַ שטילער און פאַרזאָרגטער טרויער,
און מאַמעס גייען זוכן מיט אים תמיד

חתנים וואָס פאַרבלאָנדזשען פון די כלות,
און וואָגלען ערגעץ איבער ווילדע שטעט
און קרומע וועגן — און פאַרשפּעטיקן צו קומען.

די כלות זיצן אין די היימען, וואַרטן,
היטן זייער אוצר — זייער חן און שיינקייט.

איז דאָס וואַרטן זייערס ניט קיין תחינה?

☆

אָ, מאַמעס טייערע...

אָ, מאַמעס אָרימע און טאַטעס,
וואָס זוכן אוצרות פאַר די קינדער, —
זאָל זיי מיין שטילע ברכה נאָכגיין
אויף אַלע וועגן טויבע, בלינדע.

און אויב זיי וועלן נאָך נישט געפינען,
זאָל זייער האָפנונג מיד ניט ווערן.
דער אוצר זייערער ליגט מסתמא
אונטער אַ טונקעלן לאַמטערן, —

דער בייזער ווינט האָט אויסגעלאָשן
אין פענסטערל זיין ליכטיק פלעמל.
שטייט ער פאַרגליווערט אין דערפינסטער,
אין מדבר-וויסטעניש — אַ קעמל.

דער קאַראַוואַן איז אָפּגעגאַנגען,
און ער, אַ דאָרשטיקער, אַ מידער,
איז שטיינגעבליבן אינ׳ם זאַמד-ים,
אַליין — אָן זיינע קעמל-ברידער.

זיין אויג טוט נאָר אַ שוואַכן פינטל,
און וויל ניט, וועט זיך ניט פאַרלעשן.
צי קאָן דען זיין אַז אַלע, אַלע,
אפילו גאָט — זאָל אים פאַרגעסן?

יונה׳לע

דער אַלטער יונה׳לע פון בראָד,
האָט אזוי ליב געהאַט זיין שטאָט,
אַז ער פלעגט דריי מאָל אין דער וואָך
גיין איבערקוקן אַלע הייזער פון דער גאַס.

דאָ פעלט אַ שינדל אויף אַ דאַך,
דאָ קרישלט זיך אין אַ וואַנט אַ לאָך,
דאָ סקריפעט אַ טויער און מאַכט אַ רעש.

דאָ פעלט אַ פּאָדקאָווע אויף אַ שוועל,
דאָ ווערט די מזוזה פון בית־מדרש געל.

ער האָט זיך ניט געשעמט און ניט געפוילט,
און מיט אַ גוטן שמייכל אויף זיין מויל
צו איטלעך איינעם זיך געווענדט:

ברוכים הידים, געבענטשט זיינען די הענט,
וואָס פאַרריכטן אַ וואַנט, שטעלן אַריין אַ שויב,
און גלייכן אויס דעם לאַמטערן־סלופּ,
און לאָזן פון אויג דעם דאַך נישט אָפּ;
אַ דאַך פון אַ שטוב איז, להבדיל, ווי אַ קאָפּ.

דערפאַר איז די אַלטע חסידישע שטאָט
פון ר׳ יונהלע בראָדער, העיר בראָד,
געווען אזוי ציכטיק און נישט אָפּגעלאָזט.
זיך געהאַלטן חשוב, איידל און פראָסט.

און אפילו דאָס לשון פון די תושבי־בראָד,
האָט געהאַט אַזאַ מילד און ליב גענאָד.
און אַ נדבה איז געקומען מיט אַ ברכה׳דיק וואָרט.

ברוך המקום, געבענטשט איז אַזאַ אָרט.

דעם זיידנס הויז

מ׳פֿאַרבט דעם זיידנס גרויסע הויז
פונאינעווייניק און פונאויסנווייניק.
מ׳טראָגט אַלצדינג אין הויף אַרויס, —
דער הויף איז פֿאַרן מעבל ווייניק.

קינדער פון גאַס, קינדער פון אומעטום,
און גרויסע — האָבן אַרומגערינגלט
דעם ווייסן שטאַכעטן-פּלויט אַרום.
אויפֿן שפּיץ פון טויער קלעטערן אינגלעך.

דער דאַך איז האַלב שוין אָפּגעבלויט,
דער קוימען אינמיטן — אינגאַנצן רויט.
די רינווע, אַרונטער, ליכטיק-גרין.
די פֿאַרבערס — זינדל מיט זיינע זין.

זיי אַרבעטן גיך, זיי אַרבעטן גרינג.
איינער פון זיי — דער משורר פון קלויז.
פֿאַרבט דעם הויכן קאַרניז פון הויז.
ער שטייט אויפֿן לייטער און פֿאַרבט, און זינגט.

אַ שמחה, אַ זומער, אַ הימל, אַ זון.
ווי פֿריילעך עס ווערט מיר נאָך איצט דערפֿון,
ווען פּלוצלונג נעמט מיר קלינגען זיין קול
פוניענערזייט מיטוואָך בייטאָג, אַמאָל.

וואו נאָר אַ מיידל אַ שיינס פון דאָרט,
שטייט און קאָן זיך נישט רירן פון אָרט.
דער קאָשיק ציט פֿאַרן האַנט: נו, קום!
נאָר זי נעמט דעם ווייסן שטאַכעט אַרום

און דריקט זיך צו אים, און הערט, הערט:
דאָס ליד פונם בריוו אינם בלאָען קאָנווערט,
וואָס בערל זינדלס זינגט אזוי זיס,
מיטן לאַנגן באַרשט אויפֿן הויכן קאַרניז.

ס׳איז זומער און הימל און הויכער טאָג,
ס׳איז גרויסע וועלט, און דער יידע שטייט
און קוקט אויף זיין הויף און הויז און פאַרמאָג
און איז מלא נחת און מלא פרייד.

און היינט,ביים מיטאָג-עסן אין הויף,
ווען די פאַרבערס קוקן שוין ארויס דערויף,
וועט ער ווידער טרינקען מיט די חברה יי״ש
לחיים — און זען וועט די גאַנצע גאַס.

נו, זאָל זי זען די גאַס, וואָסי?
דער גאַנצער טאָג איז בלויער אינדערפרי.
און אַ זומער אַ שיינער האָט זיך געשטעלט,
זינט ס׳לעבן לעבט, זינט קאָרעץ איז וועלט,

זינט רואיקע ציגן גייען דאָ אום
מיט די קליינע בערדלעך — גוט און פרום.
און שטעלן זיך אַפּ זה לעומת זה
און שאָקלען די בערדלעך: מע ומע.

☆

דריי אינגלעך

מיר זיינען געווען אַמאָל דריי אינגלעך קליינע,
תלמוד-תורה „קלעצלעך״, און לידער געשריבן.
פון אַלע דריי חברה איז ביי מיר נאָר איינעם
דאָס ליד אין געביין מיר פאַרשטאָכן געבליבן.

די אַנדערע צוויי — ווייט-ווייט און פאַרפרעמדטע.
אַנומלט זיי באַגעגנט — צווישן ניו-יאָרק דאָ און מאָנטרע.
דער ערשטער האָט אַ לאַנגע פאַבריק פון העמדער,
דער צווייטער — צוויי קראָמען צוויי ברייטע אין „קאָנטרע״.

אזוי ווילד-דערווייטערט, קוים-קוים צו דערקענען —
ווי עמיצער וואָלט זיי דאָ אָפּגעטאָן כישוף —
אַז דאָס זיינען געווען אַמאָל קאָריצער אינגלעך,
אין פרומען ר׳ פנחסל קאָריצערס ישוב.

אַז זיי האָבן אַמאָל אין אַ סידילקאָווער סידור
געדאַווענט — און דערנאָך דער זווילער ישיבה,
געשריבן אַמאָל לשון־קודשדיק אידיש,
מיטן ניגון פון אמר ר׳ אלעזר, ר׳ עקיבא.

ווי ס׳האָט געקאָנט ווערן אזוי חרוב ומוחרב
דאָס לשון אין זייערע מיילער — אַ שאַרבן,
אַז כ׳האָב זיי געהערט, האָט געוואָלט זיך מיר וויינען,
געוואָלט זיך מיר שרייען, געוואָלט זיך מיר שטאַרבן.

נאָר כ׳האָב נישט געשריען, געזאָגט נאָר: ירוחם,
אַ שאָד, כ׳דאַרף שוין גיין, און אַז גאָט זאָל געבן
זאָלסט בעסערע, שענערע וועג־שליחים
באַגעגענען מאָרגן, אים געוואונטשן לאַנג־לעבן

און זאָלן די קראָמען אים טאָן זיך דאָ מערן
און די קונים אויך — ככוכבי השמים,
און דעם העמדער־חבר? ס׳האָבן מיך געשטיקט די טרערן,
האָב עפּעס געמורמלט, נאָר געדענק ניט עד־היום.

כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן זייער אינגליש שיין אויסזען,
זייער אידעלע תמימות, זייערע ליכטיקע שטימען
געדענק איך אזוי ווי דאָס בלויע שטיק דרויסן,
די קאָריצערביימער און דעם קאָריצער הימל.

☆

מיט יענע חדר־אינגלעך

מיט יענע וואונדערלעכע חדר־אינגלעך
האָט דער רבי אונזערער נאָך מער געהייליקט
די קליינע אותיותלעך, די הייליקע אותיותלעך...
און אינם לערן־ניגון האָט געקוועלט אַ טרויעריקייט,
און אין דער טרויעריקייט, איבער דער טרויעריקייט
האָט געשוועבט אַ שאָטן שרעקעדיקייט.
פאַר וועמען, אינגעלעך?
פאַר וועמען, טרויעריקע?
פאַר וועמען, טייערע?

פאַר אַ גוי מיט אַ הונט,
פאַר אַ גוי מיט אַ זאַק,
פאַר אַ גוי מיט אַ שווערער קוטשמע,
פאַר אַ גוי מיט אַ האַק.

אין די חומש־סדרות בליט דאָס לאַנד כנען
מיט בערג און טאָלן און מיט טייך און לאָן.
דאָרט שטייט נאָך גאַנץ און אייביק אויפן פעלדיקן אָרט
אברהם אבינו׳ס שטיל געצעלט. און ווער טוט וואוינען דאָרט?
אברהם אבינו אַליין טאַקע טוט נאָך וואוינען דאָרט
און אַלע אבות טאַקע לעבן נאָך דאָרט,
די שאָף און רינדער פּאַשען זיך אין פעלד,
און די גאַנצע וועלט איז נאָר אַ אידישע וועלט.

דערפאַר הויבן אויף די אינגעלעך די קולות הויך...
פון די סדרות גייט אויף ליכט,
פון די סדרות שפּראָצט אויף כוח,
פאַר אייך טאַקע אינגעלעך,
גוטע אידישע אינגעלעך,
ווייל איר דאַרפט שטאַרקע זיין,
ווייל איר דאַרפט גלויביק זיין
און זיך ניט שרעקן קיינמאָל —

פאַר אַ גוי מיט אַ הונט,
פאַר אַ גוי מיט אַ זאַק,
פאַר אַ גוי מיט אַ שווערער קוטשמע,
פאַר אַ גוי מיט אַ האַק.

☆

כ׳וועל דערציילן...

כ׳וועל דערציילן פונם אינגל פון דער היים אַנטלאָפן
זיבן מאָל און זיך אומגעקערט צוריק.
דריי נעכט אין אַ דערפל וואו איבערגעשלאָפן,
דריי ווייטע מייל פון דער היימישער בריק.

אויפן פערטן טאָג איז אַן אומעטיקער רעגן
געגאַנגען, געגאַנגען פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט,
און אַ בלינדער טומאַן האָט די שליאַכן און וועגן
אויף טויבע טויערן פאַרהאַקט און פאַרמאַכט.

נאָר דאָס אינגל מיטן אָרימען זעקל אויפן רוקן
איז געגאַנגען דורכן רעגן און טומאַניקן רויך,
ביז ער האָט פונדערווייטנס דערהערט דאָס צוקן
פון די ברעגן פון זיין היימישן טייך.

דער ביטערער טומאַן האָט זיך גענומען צערוקן,
און די דעכער פון שטיבער האָבן זיך אַרויסגעזען;
איז ער געשטאַנען פונווייטנס אין פאַרוואונדערטן קוקן,
ווי טויזנט בייע זאַכן קומען פאַר און געשעען.

ווי די אַלע אַלטע שטיבער וואָלטן באַנייט געוואָרן,
און די הונדערטיאָריקע בוימער פון אַרום און אַרום —
אין אַ גרין אַ ליכטיקן, אין אַ גרין אַ קלאָרן,
האָבן זיך געבויגן צו אים יונג און שיין און פרום.

און די שכנים פון די שוועלן, קינדער אין די שויבן,
ערשט פון די בעטן ארויס, נאָך נישט אָנגעטאָן,
האָבן געלאַכט צום אינגל און פון אַ דעכל אויבן
האָט אויפגעקרייט אַ פריילעכער פרינצלעכער האָן.

דריי טעג אינגאַנצן און אזויווי לאַנגע יאָרן
וואָלטן ווייט-ווייט פאַרגאַנגען, — סאַראַ נס, סאַראַ גליק.
און דאָס אינגל איז שוין קיינמאָל נישט אַוועקגעפאָרן
פונדערהיים, פון דער שוועל, פוניענערזייט בריק.

און די וועלט די גרויסע איז אַ וועלט אַ גרויסע,
און די קליינע וועלט איז אויך אַ וועלט.
און דעם אינגל דאַכט זיך, אַז זיין קליין שטיקל דרויסן
און די אויסגעריבענע שוועל פון זיין טאַטנס געצעלט —

דעם אינגל דאַכט זיך... דאָס האָט ער מיט אַ כיוון
זיך איינגעכישופט, ס'זאָל אים גרינג זיין די פרעמד.

און פֿאַרליבט איז ער קינדעריש אין ים-ברעג, אין שיפֿן,
און אַז ער זעט ווי אַ שיף־גאַנדז די פֿליגל צענעמט

און לאָזט זיך אַוועקשווימען אין די ווייטע לענדער,
שווימט ער נאָך, שוועבט ער נאָך און בלייבט אויפֿן אָרט.
און ער קומט זיך פֿאָר ווי אַ ליד, אַ לעגענדע
וואָס קאָן נישט דערגרייכן איר ליכטיקע וואָר.

☆

אויפֿן בילד...

אויפֿן בילד: אַ קליינע כלה
זיצט און שטריקט פֿון ווייסן וואָל
פֿאַרן חתן אַ ווייס שאַלעכל.
גוטער, ליכטיקער אַמאָל.

נאָך ניט שווער זיך צו דערמאָנען.
קוק זיך איין און דו וועסט זען,
אַז ס׳איז מיט מיין יונג שיין פּנים
קיין גרויס בייז נאָך ניט געשען.

און דאָס שאַלעכל דאָס קלאָרע
היט איך נאָך אין קופּערט קלאָר.
נאָך נישט אזוי ווייס געוואָרן
מיינע און נישט דיינע האָר.

אַז מיר וועלן ביידע ווערן
ווייסע טויבן צוויי — באַלד, באַלד
און אַריבער אונזער שטערן
זון און שאָטן — הערבסט און וואַלד.

וועל איך דאַן דאָס ווייסע שאַלעכל
שענקען דיר צום צווייטן מאָל,
און צום צווייטן מאָל דיין כלה
ווערן ווי אַמאָל, אַמאָל.

און די טעכטער און די איידעמס
און די אייניקלעך — אַ ראָד,

װעלן אונז אַ סעודה גרייטן
װיין און לעקאַך און געגאַד.

„באָבע-כלה, זיידע-חתן״,
(איך האָב אַזאַ ליד פאַרפאַסט)
און די גלעזער אָנגעגאָסן.
מיינסט אוודאי, ס׳איז אַ שפּאַס?

זאָג איך דיר: נאָך אַלע װאונדן
און יסורים — זיינען מיר
צו דער װעלט צוגעבונדן,
אַזוי פעסט, װי איך צו דיר,

און די גאָלדענע קייט — אַ גאַנצע,
כאָטש עס פעלט אַמאָל אַ רינג,
איז נאָך דאָ מיט װעמען טאַנצן
און אַרויסהויבן זיך גרינג

פון די שווערקייטן און זאָרגן,
און אַזוי אין װייסער קרוין
גלייך אַריינטאַנצן אין מאָרגן
צו די אייניקלעך אַהיים...

☆

איך האָב אייך אַלע ליב...

איך האָב אייך אַלע ליב,
איר זאַכן אויף דער ברייטער דעק
פון דער זיך-װיגנדיקער ערד:
די טייכן, װי די אויגן פון דער ערד,
די גוטע טאָלן רו,
די שטרענגע גבורה פון די בערג,
די מקובלים-װעלדער שפּעט-פאַרנאַכט,
װען ס׳טריפט נאָך װאו ניט װאו
אַ שטרעמל זילבער פונם טאָג פאַרטראַכט
און לעשט זיך מיט אַ מידן קול.

אין איינעם אַזאַ טאָל אַמאָל
האָב איך געהאַט אַ קליינע שטאָט,
אין דער קליינער שטאָט
די קלענסטע שטוב,
און אין דער נידעריקער שטוב
מיין קליינע מאַמע.
ווען כ׳וואָלט זי היינט געהאַט,
וואָלט איך זי אָנגענומען פאַר דער האַנט
און זי אַוועקגעזעצט דאָ לעבן זיך ביים טיש:
וואָס ווילסטו מאַמע?
וואָס האַלטסטו אומעטיק דעם קאָפּ אַראָפּ?
זאָג, און איך וועל גיין,
וואוהין דו וועסט מיר הייסן,
איבער צייטן, איבער גרענעצן
אויפקלייבן די טייערקייטן
און די הייליקע הייליקייטן
פון דעם צעוואָרפן לעבן.
דו האָסט עס אין אַ קלומיקל געטראָגן
און ביי דעם איבערוואָגלען
איבער די דערנער-גרענעצן
האָט עס זיך צעבונדן, און אַרויסגעפאַלן
זיינען אַלע דיינע וואונדערלעכע היימישקייטן,
אַלע דיינע אַטלעסן און זיידן,
דיינע פרומע שלאַנקע לייכטער,
דעם טאַטנס קידוש און הבדלה-בעכער,
וואָס דו האָסט יעדן ערב-שבת
נאָר אַ רגע פונם שאַפּקעלע אַרויסגענומען,
קוים-קוים אָנגערירט אים
און געבענטשט אים מיט די אויגן.
איך וועל לויפן איבער אַלע שבעה וועגן,
איבער אַלע ווילדע, וויסטע גרענעצן,
זיי אויפקלייבן, צונויפקלייבן
און זיי צוריק דיר געבן —
איך בין דיר זיי שולדיק.

פון מיינע הענט דאַרפסטו דאָס אויפמאַגנען.
ביי מיר אין שטוב דאַרף זיין אַן אָרט
פאַר דיינע אַלטע שטובזאַכן:
פאַרן שאָטן פון דיין נידעריקן באַלקן,
פאַרן בלויען טונקל פון דיין ווינקל לעבן פענסטער,
וואו ביזט שטיינגעבליבן מוצאי שבת,
ווען די וואָך האָט אַראָפּגענומען פון טיש די לייכטער,
אויסגעטאָן פון טיש דעם טישטעך
מיט די לאַנגע פראַנזן
און אַרויפגערוקט אַביסל העכער אויפן שטערן
דאָס פרומע טיכל,
די גרויע דאַגות־קנייטשן
מעגן זיך שוין אַרויסזען.

✡

בין ניט קיין פרומער

בין ניט קיין פרומער איד, נאָר ס׳גייט מיר נאָך
מיין טאַטנס פרומע, אומעטיקע ליבע וואָך:
מיין זון, כ׳בין גליקלעך וואָס דיר איז געבליבן
אַ ניצוץ פון מיין וועלט — ביי דיר אין ליד פאַרשריבן.

און וואָס איך האָב אַן אָרט ביי דיר געטראָפן,
זאָל זיין אפילו ווי אַן אורח — אַ געלעגער, איבערשלאָפן,
און ביי דעם ברעג פון טיש, מיט דיר און דיין איינאיינעם,
ווי אַלע אומוואָגלער, וואָס שטאַרבן נישט קיין זקנים,

און וואָס זיי האָבן נישט דערלעבט אין זייערע יאָרן,
זוכט זייער שטיל געדעכעניש אַרום דאָ אין זיכרון
פון אַ קינד, אַ יורש, צו זיין שאָטן כאָטש זיך צוצוטוליען
און נישט דאַרפן נעכטיקן ביינאַכט אין קאַלטע, פוסטע שולן.

אַ היימיש ווינקל דאָ, אַ וואָרט, אַן אות — נישט צו פאַרגעסן ווערן.
ביינאַכט, מיט שווייגנדיקע טריט אַריבער דיר זיך בויגן
און שטענדיק נאָך אָטעמען איבער דיין מידן שטערן
די בלייכע רו — אויף דיינע צוגעמאַכטע אויגן.

און זיך צוריק אַוועקשאַרן צו מיין געלעגער אינם ווינקל:
מיין מידער זון, מיין אייביק-אייביק שיין דריי-יאָריק אינגל,
ווען כ׳האָב דיין וויג פאַרלאָזט, אין דיין פאַרטאָגן דרימל,
און בין אַוועקגעגאַנגען פון דיין ערד און פון דיין הימל.

☆

קליידער נייע

זיסע האָפענונג געטרייע,
זע ס׳אַראַ מין קליידלעך נייע
מיינע טעכטער טראָגן היינט,
אַז דער בלאָער יום־טוב שיינט
בלוי אַרויס פון זייערע אויגן.
נו, בויג איין זיך גוט און וואויל
און צעקוש זיך מויל צו מויל.

ליבע האָפענונג, מיין שיינע,
דו ביזט אויך אַ דינע, קליינע,
גלייכע, אַקסל ביי אַן אַקסל,
אין מיינע פיר ווענט געוואַקסן
דו צוביידע זיי — אַ דריטע,
אַ צע׳חושטע, אַ צעבליטע.
יעדער אינדערפרי פונסניי,
האָב איך אייך מיט פרומע ליפּן
שטילערהייט פאַר זיך גערופן:
מיינע טעכטערלעך די דריי.

דו וועסט מיט זיי לעבן תּמיד.
ס׳טרעפט אַמאָל אַ שעה פון אומעט,
און די שעה ווערט אַמאָל לענגער,
ווערן די פיר ווינקלען ענגער.
ווייסטו וואָס דו האָסט צו טאָן?
טוסט זיך אין דיין זיידנס אָן,
און דיין גרינעם קאַפּישאָן,
און זיי ביידע, ווי טשיקאַווע,

די הייסט חדוה, די — אהבה,
שלאַנקע, איידעלע און שמאָלע,
הויבן אויף דיין זיידענע פאָלע —
טויבן ווייסע און אַ פּאַווע.
פלי נישט, פלי נישט גאָלדענע פּאַווע,
נאָר פּאַמעלעך, טריט ביי טריט,
גייט מיט אייך דאָס שיינע מזל,
אויף די ווייטסטע וועגן מיט.

☆

ביי דעם וויגל

ביי דעם וויגל פון איר אינגל
פלעגט זי מורמלען שטילערהייט,
אַז עס זאָל איר נאָר באַשערט זיין
אין איר נויט און אָרימקייט

מיט איר גרויסער ליבשאַפט שטאַרקן,
אַז אין ווירבל פון דער וועלט
זאָל אים מיט אַ ווילד כלי-זיין
נישט באַשערט זיין זיין אַ העלד.

און דער יאָך פון ערלעך לעבן
זאָל אים ליב זיין ווי ס'איז איר.
און נישט רייסן זיך צו גרויסקייט
פון זיין גרעניץ, פון זיין טיר.

קיינעמס אויג אויף זיך נישט רייצן,
קיינעמס קנאה, קיינעמס האַנט.
און זיין רו נישט דאַרפן זוכן
אין אַ פרעמד, ניט-אייגן לאַנד.

און דער שטילער, גוטער פרידן
זאָל נישט אָפּגיין פון זיין טראָט.
און נישט אָפּטאָן זאָל פאַר אים זיך
פונם נאָמען גאָט דער סוד.

ווי דאָס וואָרט האָט עד היום נאָך
אַזאַ גוטן, שיינעם קלאַנג,
וואו דו זאָלסט אים נישט באַגעגענען
אויף דיין וועג און אויף דיין גאַנג —

אין אַן אַלטן-אַלטן ספר,
אין דעם נייסטן לידער־בוך,
וואו איך האָב נאָך ביז אַצינדערט
נישט געפונען וואָס איך זוך.

וואָס דו זוכסט, וועסטו שוין קיינמאָל
נישט געפינען — מאַכט נישט אויס;
מאַלע וואָס אַ מענטשן דוכט זיך
איבערן גרעניץ פון זיין הויז.

☆

ט י י ע ר ח נ ה ל ע . . .

טייער חנהלע דו מיינס,
אין דיין זיידן ווייסן קלייד,
אין דיין הויכן כלה-טאָג.

דין דייך פּנים, זיס דיין מויל,
איידל, זיידן-גרינג דיין טראָט,
צוזאָג גוטער, ליבער סוד.

ווי געבענטשט און ווי געאַכפּערט
ס'איז מיין שטוב, מיין שוועל, מיין טיר,
ווייל דו האָסט געבליט אין איר.

טייער חנהלע דו מיינס.
וואונדערלעך איז גאָר די וועלט דאָ.
וואו מ'איז און וואָס מ'איז.
אַבי מ'איז, אַבי מ'איז.

נאָר נאַראָנים האָבן מורא,
ווען עס גייט אַ טאָג אַוועק.
וואו גייט דען אַ טאָג אַוועק?

ער גייט אַוועק פונדאַנען דינסטיק,
קומט ער מיטוואָך אָן צוריק,
פריש און ניי און אינדערפרי.

יעדע שפּעטע שעה פון טאָג דאָ
זאָגט מיר אומעטיקלעך-היימלעך:
יוד יוד סי, אַ גוטע נאַכט.

אַ גוטע נאַכט דיר, זונטיק פריינט.
אַ גוטע נאַכט דיר, דינסטיק לעב.

אַ גוטמאָרגן, מאָנטיק וואויל.
אַ גוטמאָרגן, גוטע וועלט.

☆

צו מיין טאָכטער

קומסט פון מיין לייב און מיינע לענדן,
נאָר פון די שיינע, יונגע אויגן דיינע
קוקט אויף מיר אַ ווייטע, ווייטע פרעמד —
כ׳גיי אָפּ פון דיר פאַרלאָרן און פאַרשעמט.

כ׳האָב ליב צו זיצן אין דיין ווינקל, ביי דיין טיש
און בלעטערן די ביכער פון דער פרעמדער שפּראַך,
וואָס האָט באַזעצט זיך ווי אַן אויסטערלישער פויגל
אונטערן באַלקן פון מיין אַלטן דאַך.

און אָפּשטעלן זיך, קוקן לאַנג אויף יענע שירים,
וואָס דו האָסט פאַרקלערט זיך אין זיי,
און זען דאָרט, אין די ווינקלען פון די פערזן
אַרויסקוקן דערשראָקן און פאַרציטערט
ווי פון באַהעלטעניש מיין אייגן אַנגסט און וויי.

און גאָר נישט טראַכטנדיק, דערטראָג איך טרויעריק
דאָס פרעמדע ספר צו די ליפּן מיינע צו,
און ס׳איז מיר אייגן ווי מיין טאַטנס מחזור,
ווייל דו געפינסט אין גרין פון זיינע צווייגן
פאַר זיך אין זיין שטיל-אומעטיקייט, רו.

און ווען דו קומסט אַריין אין טיר, לויף איך אַנטקעגן
מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס, מיט גענאָד,
און וויל דיר זאָגן, אַז דיין שפּראַך איז מיין שפּראַך,
דיין ראָבינסאָן, דיין שערוואוד ענדערסאָן — אויך מיינע,
דיין וועלט איז מיין וועלט און דיין גאָט — מיין גאָט.

☆

מ י י נ ע   ק י נ ד ע ר

מיינע קינדער טראַכטן אפילו ניט
וועגן דעם וואָס מ׳רופט ירושה.
אַז איך דערמאָן זיי דעם חוב צו די דורות,
שמייכלען זיי און כאַפּן מיך קושן:

די דורות וועלן זיין אָלרייט, טאַטע,
נאָר מען דאַרף זען אַז אונזער משפחה
זאָל זיך אַביסעלע זיכער זיך איינזעצן
אין די וואַרימע פיר ווענט פון די וואָכן.

און דאָס גוטע, טייערע שבתל,
וואָס דו זינגסט וועגן דעם אין דיינע ספרים,
ווער קומען צו אונז ווי אַן אייגענער,
מיר זיינען אַלע דיינע קינדער און אָרים.

ביזט אַ קלוגער פּאַפּוש, זאָגן זיי,
מיר דערקענען אין דיינע שמייכלענדיקע אויגן,
ווען דו רעדסט מיט די טרויעריקסטע ווערטער,
וועגן דער פּאַווע וואָס איז אַוועקגעפלויגן.

מיר פאַרשטייען, וואָדען, מיר פאַרשטייען ניט?
מיר זיינען שוין אזוי לאַנג דיינע טעכטער,
און קענען דיין נישט אויסגעשוויגענעם אומעט
און וויסן דיין נישט אויסגעשמייכלט געלעכטער.

דו מיינסט גוט: די קומענדיקע דורות —
מיר שטעלן זיך, חלילה, נישט אַנטקעגן.

מיר ווייסן דו האָסט אָנגעגרייט שיינקייט
פאַר די קליינע דורות וועגן.

נאָר מיר אַליין ווילן ליגן ביי דיין פוסטריט,
ווען דו רוסט אָפּ פאַרנאַכט אַ מידער,
און מיר שפּילן זיך אַרום מיט אַ טענה:
פאַרוואָס האָבן מיר נישט קיין אייגענע ברידער.

נעכטן האָסטו אונז ביידע געשאָנקען
אַ מתנה — די זיידנדינסטע זאָקן.
און דו האָסט זיך ווי תמיד גע׳חכמהט,
אַז די זאָקן מאַכן דיך פאַר אַ זקן,

און דערביי אַזוי וואַרימלעך געפינקלט
מיט די אויגן, מיט די ליפּן, מיטן שטערן.
נאָר די מאַמע האָט אין אומעטיקער פריידיקייט
פאַר אונז אַלע געפינטלט מיט צוויי טרערן.

זי האָט זיי פון אונז געוואָלט באַהאַלטן,
נאָר מיר האָבן זי געכאַפּט, געבראַכט צופירן
און געהערט דיינע לאַכנדיקע טענות
פון הינטער די צוגעמאַכטע טירן.

☆

מידע האַרנטע

מידע האַרנטע פון מיין אָרימען פּאַלאַץ,
מאַמע פון מיינע שיינע טעכטער,
דו זעסט דאָך, ווי די עלטער שפּאַרט זיך
אין אונזער טיר — און ס׳איז נישט קיין געלעכטער.

ווער ס׳איז עלטער אויף אַ יאָר צי צוויי
ווער — אויף אַ האָר צי צוויי גרוי-גרויער.
מיר האָבן זיך שוין אַ צייט אויף דעם געריכט
און נישטאָ וואָס צו פראַווען קיין טרויער.

כ׳זע דעם האַרבן קנייטש לעבן דעם ברעם.
דו טוסט אַליץ, אַז דו זאָלסט עס פאַרבאָרגן,

פֿאַרבאָרג אים היינט, מיט אַ שמייכל צו זיך,
וועט ער אומגעריכט ארויסקריכן מאָרגן.

כ׳ווייס: דיין האַרץ איז איבערפֿול און דאָס וואָרט
רייסט פֿון מויל זיך און ציסט פֿאַרן צוים אים.
שטעלסט ביים קאַלטן פֿענסטער זיך אַוועק,
קוקסט אַריבער צו דעם קליינינקען קוימען,

ווי ער רויכערט זיך, ווי אַ ליולקע, צום פֿאַרנאַכט
און עס ווערט דיר נאָך שווערער און טריבער.
קיינער ווייסט נישט ווי עלנט ס׳זעען אויס
אין אַזאַ שעה דאָ דער דרויסן און די שטיבער.

ס׳איז שוין שפּעט נאָך נאָוועמבער. אַ פֿינטל שניי
באַווייזט זיך פֿונדערווייטנס קעגן אָוונט.
אפשר דוכט זיך, נאָר ס׳ווערט אַלץ ווייטער די וועלט,
און עס ווילט זיך זי אַזוי נאָנט פֿונדערנאָנט.

איך קוק דיר אין די אויגן אַריין, ווייסט,
כ׳האָב נישט קיינעם חוץ דיר אויף דער ערד דאָ.
טויזנט פֿריינט האָב איך באַגעגנט אויפֿן גאַס,
טויזנט בליקן, טויזנט שמייכלענדיקע ווערטער.

נאָר פֿאַר דיר בלייבט מיין וואָרט, אָן אַ קול.
און וויפֿיל כ׳זאָל נישט זאָגן, נישט רעדן.
כ׳האָב ביי גאָט נישט אפילו אַזאַ פֿרייד
ווי ביי דיר, ביי דיין חן אויסגעבעטן.

פֿאַרוואָס האָב איך דאָ און דאָרט אין אַ וואָרט,
אין אַ ליד אַלץ פֿון אָרימקייט געטענהט.
כ׳האָב ווי אַן עושר זיך געוואָרפֿן מיט דער וועלט,
ווען מען נאָך איז זי געווען דאָ ווי מיינע.

און פֿאַר ווען האָט זי זיך געוויזן אין איר רייך,
ווי זי האָט זיך פֿאַר מיר — פֿאַר אונז ביידן?
נאָר אין חלום האָט פֿאַרבלאָנדזשעט צו אונז
דער גהינום — ווי אַ שד אין גן עדן.

עס גייען נאָך מיר...

עס גייען נאָך מיר אַלטע בילדער
און בלייבן זיך פֿאַר מיר נישט אויס.
צווייביימער שטייען ווייס צעפּרילינגט
לעבן מיין זיידנס אַלטן הויז.

און תּמוז רויטלען זיך שוין באַרן
געדיכט, צווישן דעם בלעטערוואַרג.
אַזעלכע שיינע, שלאַנקע באַרן
נישטאָ צו קויפן אויפן מאַרק.

מען טרייסלט זיי אין ברייטע עמער,
די עמער טראָגט מען אין קיך אַריין.
דעם זיידנס שטוב איז דעמלט שכור,
פון באַרן־ריחות, ווי פון וויין.

אוןווינטער, ווען די ביימער שטייען
פֿאַרווינטערט, ווייס אין שניי געדיכט,
אין גרויע טעג אפילו בלענדיקט
אַדורך די פענסטער דאָס קלאָרע ליכט.

און שבת, שבת־אויבסט — די באָבע
טיילט באַרן פון איר פֿאַרטוך אויס
די אייניקלעך, וואָס זיינען קליין נאָך, —
דאַכט זיך ביז דרייצן יאָר די גרויס.

און יעדער מוז אַ ברכה מאַכן,
די באָבע היט און שטייט דערביי,
ווער ס'כאַפּט אָפּ צו גיך די ברכה
דאַרף תּיכף אָנהויבן פונסניי.

די גרויסע אַרום גרויסן טיש דאָרט
טרינקען טיי און רעדן נאָכאַנאַנד,
געווען אַמאָל אַזאַ וועלט אַ גרויסע,
געווען אַמאָל אַזאַ וואונדערלאַנד.

און איצטער, ווי דער צוויט דער ווייסער,
אויף יענע ביימער ביי דעם הויז,

גייט אויף אין מיר, ווי צוויט, ווי בליאונג,
איר יונג געדעכעניש, רייך און גרויס.

און רייפן אויף ווי יענע באַרן,
מיט זאַפט און ווייַנען פול און זיס.
וואו נעם איך, זיידע, דיינע אייניקלעך,
פאַר זיי צעוואַרפן אויפן טיש

מיין שבת-אויבס — די לידער מיינע,
זיי זאָלן אויך ווי איך אַמאָל
אַ זיסע פרומע ברכה מאַכן
מיט זייער העל און ליכטיק קול

און איך זאָל, כלומרשט פונדערווייטנס,
זיך רואיק טרינקען מיין גלאָז טיי.
און כאַפּן ווען ניט ווען אַ בליק נאָר
און יונג זיך נחתן אין זיי.

☆

אָט אָ־די קליינע פרוי

א.

אָט אָ-די קליינע פרוי, — דו זעסט?
האָט אויסגעטראָגן אין איר לייב,
ווי אין אַ וואַרימען, גוטן נעסט,
אַ זון פאַר מיר און פאַר דער וועלט.

ווי וואונדערלעך איז דער נאָמען: ווייב.

אַ ברכה פינקלט אין דיין אויג,
ווען דו גיסט זיך נאָר דעם ערשטן בויג
מיט די ליפּן אַריבערן גלאָז מיט ווייַן.
אַ ברכה גליט ביי דיר אין אויג,
ווען דו גיסט זיך נאָר מיטן רוקן אַ בויג
איבער ליבן לייב: מיין ווייב.

ווי וואונדערלעך: גאָטס לויב, גאָטס לייב.

פרעג דאָס ליד.

אויף זיינע ליפּן איז דאָ שוין אַלץ:
דער האָניק פון דער ליבע,
פון דער חכמה — דאָס זאַלץ,
פון דער זון דאָס גאָלד,
פון דער לבנה — דער סוד —
דער אייביקער, לייבלעכער
הייליקער בונד
צווישן מענטש און גאָט.

☆

ב.

דאָסדאָזיקע ווייב
האָט אין איר איידעלן פורעם,
אינם נעסט פון איר חנ׳עוודיק לייב,
מיר אַריבערגעבראַכט פון עק-וועלט
די צוויי שיינע און ליכטיקע כלות
פאַר די צוויי שענסטע בחורים.

די שענסטע, די העכסטע בחורים
כאַפּן באַצייטנס אַ קוק פונדערווייטנס,
דורך מיינע נידריקע פענסטער
און שטרעקן די הענט — צו דער קלענסטער.
זי זעט — און זי מאַכט זיך ניט-זען,
זי שטעלט זיך אַוועק פאַרן הויז:
וואָס וועט דאָ געשען?

גנב׳עט זיך אונטער דאָ איינער
אַ בחור — מיט שטאָל אין די ביינער,
און אויגן — וואָס זאָל איך אייך זאָגן?
נאָר-וואָס האָט דאָרט אָנגעהויבן טאָגן,
און ס׳וועט זיך דאָרט שטעלן אַ וועלט,
ווי אַ גאָלדענער דעמב אויפן פעלד.

נאָר זי, טוט אזוי-זיך אַ בליקל
אויף אים, נישט מער און דאָס אַלץ.

פאַרציט זיך דאָס בליקל — אַ שטריקל
אַרום זיין גרויסאַרטיקן האַלז,
אַז זיין קאָפּ נעמט זיך וויגן.
און זי — נעמט זיך ברומען אַ ניגון,
איינעם פון מיינע ניגונים הקטנים,
נאָר אַביסעלע-ביסעלע אַנדערש
ווי איך האָב אים פאַרשטאַנען.
זי פאַרשטייט עפּעס אויך אין די זאַכן,
און מאַכט מיינס אַ וויינענדיקס לאַכן.

פאַראַן אין איר חנ׳עלעך-חנ׳ען,
וואָס באַהאַלטן זיך אויס אין די שאָטנס
פון הינטער די צווייגעלעך-ברעמען.
און זיי האָבן אַזעלכענע מיינען,
כלומרשט ווי אַזוי צו פאַרקעמען
די זיידענע האָר ביי די זייטן.
און דער ערנסט איז דאָ אַזוי גרויס,
מען קאָן מיינען: די צייטן פון יאָר
האָבן באַשלאָסן זיך בייטן
מיט זייערע ראָלן, רגילותן אַלע.
זיי שטעלן זיך אויס ביי איר פאַלע,
און הינטער די אַקסל די שמאַלע:
נו, מיידעלע, ווער שוין אַ כלה.
מיר ווילן אַ טענצל, אַ שפּרינגל
מיט דיר און דיין חתן, דיין אינגל.

☆

ש אָ ט ן - ג ע ש ט אַ ל ט ן

א.

אַמאָל דאָרטן, אין אונזער סביבה, וואו מנהגים
האַלטן דור מיט דור, ווי ברידער נאָענטע, אינאיינעם,
פלעגן פלוצלונג נעמען קעפּ און בערד זיך זילבערן,
און ליכטיק-יומטובדיק פלעגן אין גאַס זיך ווייזן
נייע, איידעלע און שטיל-בכבוד׳יקע זקנים.
אַ פרידלעך-מילדער טאָן פון וואָכעדיקן מנחה-מעריב,

וואָס איז דערווייטערטע אפילו היימלעך-וואַרימלעך מקרב.
די טעג פון עלטער זיינען טרויעריקלעך. נו? נו, מילא, נו.
זיי זיינען אָבער גרויסע טעג פון ערב־אייביקייט און הויכער רו.

ב.

פונקט ווי מען שטעלט אויף אַ הויז אויף אַ יסוד,
אזוי האָט מען אַמאָל אַ מנהג אויפגעשטעלט,
אידן מיט דער הילף פון אייביקן גאָט.
דאָ און דאָרט — אַ גוטן תיקון פאַר אַן אָרים שטיקל וועלט.
אַלע האָבן געאַרבעט און געהאָרעוועט שווער און פריילעך.
מ׳האָט געטראָגן גאָלדענע און זילבערנע און קופּערנע ציגל.
אַ מנהג איז ווי אַ בנין מיט פיר ווענט, מיט טיר און פענסטער,
און מיט אַ דאַך אַן אויפגעהויבענעם — אַ פליגל.

ג.

פונקט ווי מ׳האָט אַ מענטשן אין זיין בראשית־געבוירן
אַ נאָמען געגעבן, האָט מען דעם וואָרט געגעבן אַ ניגון.
ווי אזוי האָבן קאַפּיטלעך תהילים, סדרות, זיך גענומען וויגן?
אַ תפילה לעני, אַ פּזמון לשנה און אַ שיר לכל יום.
און אַ טאָג איז הויך געשטאַנען ווי אַ ברייט-צעצווייגטער בוים.
אַלע פּירות פון דער וועלט זיינען אויף אים געוואקסן,
אַלע פייגל פון די הימלען האָבן אין זיין גרין געזונגען.
דער זון איז פריילעך-פריי געווען צו זיצן אויף זיין אַקסל
און מיט די גילדערנע גלעקלעך אין דער שטילסטער הויך צעקלונגען.

ד.

ווען די טויערן פון טאָג פון אידישן האָבן זיך ברייט צעעפנט
האָבן פרימאָרגן-שולן אָנגעהויבן תהילימען,
האָבן בייטאָגיקע בתי-מדרשים אָנגעהויבן לערענען.
איז דער בעל-שם־טוב פונקט אין יענער העלער שעה
פון די קאַרפּאַטן־בערג אויף אַ קליין וואָגנדל אַריינגעפאָרן.
דורך די פענסטער פון די שטיבער האָט אַ דור מיט קינדער נייע
פרום אַרויסגעקוקט אויף אים און אויף זיין ברכה.
אַך, סאַראַ מין יום-טוב ס׳האָט אַרויסגעליכטיקט
דורך די פענסטער פון די נידעריקסטע, אָרימסטע וואָכן.

ה.

און ס׳האָט אַמאָל אַ גראָער, זייער שפּל׳דיקער טאָג געטראָפן,
און דער דור דער גאַנצער איז געבליבן שטיין פון גאָט פונוויטנס.
דער דור דער גאַנצער — אויפן ווילדן מאַרק פאַרנומען.
אַ דור אַ גאַנצער, ווי אַרויסגעשטעלט אין טויבן אינדערוואַכן.
כאַפּט זיך צו פון ערגעץ אַ מקובל אויף אַ מיטוואָך;
גייט אַרום איבערן מאַרקטאָג, קוקט אַריין אין פּנים אַ פּאָר אידן,
און אויף מאָרגן איז ער שוין נישטאָ, נישט ער און נישט זיין שאָטן.
הערט מען פון אַ ווינקל ערגעץ הינטערן באָד און אַלטן הקדש
אַ פונק גאָלד, אַ ציטער פון אַ נייעם ניגון פון אַ זיסן
און פאַרשטומט באַלד — האָט זיך דעם פאַרנאַכט נאָר אויסגעדאַכט?
האָט זיך דעם אויער אויסגעדוכט? דעם דמיון אויסגעוויזן?

ו.

שוין לאַנג, שוין לאַנג, ווי ס׳רופט אונז גאָט שוין נישט
צונויף אינאיינעם
אפילו אין קיין פּראָסט פרום-היימיש שולכל.
לאָזט אונז איבער צו די ליידיקע דלד אמות.
צו אַ לויה לויפט זיך נאָך צונויף אַ מנין.
נאָך אַ קדיש ענטפערן צעטוויזנט: אמן.
מ׳ענטפערט און מען לויפט צוריק זיך אויסבאַהאַלטן
הינטער קרומע טויערן, הינטער שטומע מויערן, —
שאָטנס פון דעם מאַרק דעם אַלטן.

☆

זאָג ווידער מיר...

זאָג ווידער מיר: מיר זיינען אַן אייביק פאָלק,
וועט זיך אונז אויסהיילן די וואונד, דער וויי.
און וואָס דער מינדסטער אָטעם לעבן הייסט דיר, פאָלג,
און יעדער שיין און שמייכל זאָל ווי טוי
אויף שווארצער ערד — זיך איינזאַפּן אין דיינע גלידער —
און זאָלן אונזערע אַלטע שטיבער ווידער
צעעפענען די טירן-פענסטער דאָ אָן מורא.

מיר זײַנען אײַנוואױנער פון סדום און פון עמורה,
און סדום-עמורה ווערט פֿאַרטיליקט אײביק,
און שטײט ווידער אױף צום לעבן נײַ און גלױביק.

☆

אין מלכות פון די לידער

אין מלכות פון די לידער, ברודער,
פֿאַרגין זיך, אין די שווערסטע טעג אפילו,
ווען אַלע גרױס און קלײן מקדשים
שטײען חרוב און אין רױך פֿאַרלאָשן, —
פֿאַרגין זיך די געפּרוּװטע גרױסע גבורה
זיך צוקוקן ווי גאַס און קינדער שפּילן.
נישט רײַס אָפּ דײַנע אױגן פון די גאַנצע שטיבער,
ווען אין דעם גרענעץ פון דײַן חרוב פֿאָלק
איז אַלץ צעשאַרבנט און צעגריבערט.
צי מעגן מיר דען מיט אַזעלכע גרױסע, ברײטע עמער
שטײן און שעפּן פונם ברונעם פון יסורים,
וואָס איז אונז נאָכגעבליבן פונם פֿאָלק ירושה?
צי מעגן מיר דען פון אַזאַ מין טױטער קדושה
אָנפּילן אַזױפיל בלעטער פון די נײַע ספרים?
אַזױפיל מאָל אַרױפהױבן דעם לײַלעך פונם אבל-שפּיגל
אַרײַנקוקן און אין אים זען דאָס אײגענע פּנים?
זינג בעסער אױף אַ שיר-השירים ליד צו יעדער וויגל
וואו אַ נײַ אידיש אינגעלע ליגט אײַנגעדרימלט.
טו תפילה, ווי אַן אַלטער איד, צו ערד און הימל,
צו מזרח און צו מערב און צו אַלע וועגן,
דאָס גאָלדענע ציגעלע זאָל זיך צוריקקערן פונזײַנעטוועגן,
עס זאָל זיך אױספלאַנטערן פון אַלע וויסטע וועלדער,
עס זאָל אַרױסבלאָנדזשען פון אַלע פּוסטע פעלדער,
עס זאָל אַריבערשפּרינגען אַלע חורבה-הױפנס,
און קומען צו דעם אינגעלע צולױפן,
און שטעלן זיך אונטער'ן וויגעלע און שווײַגן
מיט זײַנע דינע הערנערלעך, ווי ווײַכע צווײַגן,

מיט זיינע דאַרע פּיסעלעך די קליינע.
און דאָס אינגעלע וועט מער פון שלאָף ניט וויינען.
פאַרגין זיך אויסטראַכטן פאַר אָט-דער איידעלער חיה
אַ שורה מעשהלעך אינגאַנצן שפּאָגל-נייע,
און היפּער איבער, אויף אַ וויַל, די וויסטע היילן,
פונוואַנען אַזאַ ציגעלע קאָן אַנהויבן דערציילן,
ווי ס'האָט געוואָגלט נע ונד און עלנט,
דורך פאַרברענטע הייזער און פאַרשעמטע שוועלן,
וואו געגעכטיקט נישט געטאָגט, געוואַנדערט.
הויב די מעשה אָן מיט עפּעס אַנדערש.
טו אַ קוק אין ספר חסידים, טו אַ בלעטער:
שטייט אין וואַלד אַ שטיבל פון פאַרמאַכטע ברעטער,
גייסט אַריין אין שטיבל: **פּלאי פּלאים,**
אַזאַ הויך און אַזאַ רחבות, אַזאַ בלויקייט,
און אַ זינגען פון מלאכים אין די ווינקלען,
און די פענסטער ווי קרישטאָלן פינקלען.
כאַפּ אַ טאָן פון אָט-דעם ניגון ווי אַ טויב אַ ווייסע
און ווערסט קאָנען שוין דערציילן די גאָר ערשטע מעשה
פון אַ וועלט אַ גאַנצער, אָן איין וואונד אין האַרצן,
נאָר דער קאָפּ אירער — אַביסל באַלכסון.
אוודאי איז פאַראַן אין דעם אַ שטיקל טרויעריקער שכל,
נאָר פאַרן אינגעלע מיינט דאָס נישט מער
ווי ער זאָל קינדעריש שמייכלען.

☆

וויפיל קליין-ירושלימס זיינען חרוב?

וויפיל קליין-ירושלימס זיינען חרוב?
הונדערט? טויזנט? — אפשר מערער נאָך?
העלף מיר, גאָט, פאַרהייליקן אויף אייביק
אַ שטויב פון זייער וואונדערלעכער וואָך.

נישט ווייל ס'האָט דאָרט אליהו-גאון
געלערנט טאָג און נאַכט און נישט דערפאַר,

וואָס ס'איז דער בעש"ט אין אַלטן מאַרק, אין גרויען,
געשטאַנען ביי דעם סקריפּנדיקן שער,

און ווי אַ שומר אויף דער וואַך געהיט בזהירות
יעדער שאָרך און סקריפּע פון אַ וואָגן-ראָד,
געתהילימט שטיל, פאַר'סודעט זיך אין ספירות,
ביז ס'איז געוואָרן אָוונט מיט גאָטס גרויס גענאָד.

נאָר מער דערפאַר וואָס אידן, פראָסט און אָרעם,
האָבן זיך געשטאַרקט אַריבער שלעכטס און שרעק,
זיך אָנגעהאַלטן אין זיין האַנט און אָרעם —
ווי שווער, ווי גיך צוויי טויזנט יאָר זיינען אַוועק.

די וואָכעדיקע וואָך האָט זיך געטאָן איר קליין-מלאכה,
דער קרעמער ביי זיין וואָגשאָל און דער טרעגער אויך,
די מייסטערס פונם ליב-געשמאַקן אינדערוואָכן,
וואָס האַלטן אין דער וועלט זיך אָן דאָ מיטן גאַנצן כח,
און ווענן שטאָלצער גיין דעם אויסגעבענקטן טאָג אַנטקעגן
און קאָנען גיין ווען מען וועט דאַרפן העכער, הויך.

☆

אַ יתום

שפּיל דעם אומעטיקן אינגעלע פידל,
מאַך אים פריילעך, ווי דוד אַמאָל
האָט געשפּילט אויף זיין האַרף זיין גאָלדענער
פאַרן טרויעריקן מלך שאול.

וועט דאָס אינגעלע צום טישל צוגיין
און וועט אויפהויבן די אויגן און זען:
אויפן טיש ליגט אַ ברויט אַ ווייסער,
מילך און פּוטער — פאַר אים אַליין.

ער וועט נעמען דאָס זילבערנע לעפעלע
און שמייכלען — ווי עס גלאַנצט און שיינט!
אַזאַ טרויעריק-פריילעך אינגעלע,
און אַ גוטסקייט וואָס ליכטיקט און וויינט.

זעץ זיך צו ביי דעם טיש לעבן אינגעלע,
שנייד אָפּ ברויט, באַשמיר און עס.
און מורמל צו זיך אין די ליפּן אַריין:
זה היום, גרויסער טאָג פון נס.

אַזאַ ים, אַזאַ שטראָם אַ בלוטיקער,
אַזאַ האַק, אַזאַ שרעק, אַזאַ פּיין.
און דאָס אינגעלע איז געלאָפן, געלאָפן —
און איז גלייך אין מיין הויפּל אַריין.

דאָס הויפּל האָט דאָרע פּיר ביימלעך,
און דער טויער אויפן פּלויט הענגט קרום.
באַהאַלט זיך, באַהאַלט זיך, אינגעלע,
קום אַרויס שוין, ליב אינגעלע, קום.

און עס שאַרט זיך צעציטערט, דערשראָקן,
מיט די שאָטנדיקע טריט צו מיין שוועל.
ווען איז דאָס געשען, אַז איך לעב גאָר דאָ
אויף דעם צווייטן זייט ים פון דער וועלט?

אַ שיף, ניט אַ שיף און דאָס אינגעלע
זיצט ביים טיש דאָ און עסט און טרינקט.
און דער טאָג אין פענסטער — אַ פייגעלע
פּיקט די קערנדלעך זון און זינגט.

ער זינגט אזוי דין אַז מען הערט אים קוים
און די ווינקלען פון שטוב מורמלען מיט.
נאָר טרויעריקער ווערט מיר, פונדעסטוועגן,
וואָס אַלצדינג לאָזט זיך אויס מיט אַ ליד.

☆

צו אים...

היטסט נישט מער די שטיבער,
היטסט נישט אונזער שליאַך,
שומר פון ישראל,
שומר פון דער נאַכט.

קומט צוגיין דער גזלן
מיט זיין לאַנגער האַק,
מיט זיין געלן כלב,
מיט זיין שוואַרצן זאַק.

גייט צוריק דער גזלן
צו זיין דאָרף און היים,
צו זיין פערד און שייער,
צו זיין פעלד און בוים.

פריי און ברייט די רחבות
פון דיין וועג — ער גייט;
טרייבט פון אים די אימה —
אונזער אַנגסט און טויט.

ס׳גייט אים נאָך דער פחד,
נאָר דו לאָזט אים ניט
לייגן זיך — אַ שאָטן
אונטער זיינע טריט.

פירן אים די וועלדער —
העלדן — ביי דער זייט,
שפּרייטן זיך די פעלדער,
רו און שטילע ווייט.

קומען אים אַנטקעגן
דערפלעך דאָ און דאָרט.
פרידן, פרידן, פרידן,
פרידן אָן אַ וואָרט.

ברענגסטו אים בשלום
צו זיין שוועל גאַנצפרי.
טונקלען אים די אויגן,
מידיקן די קני.

שפּרייטסט ביי זיין צוקאָפּנס
שמעקנדיקן היי.
און זיין מעסער היטסטו
טיף אין הויפן שטרוי.

א י ד ן

כ׳וועל צונויפנעמען אַ רעדל
פון לובלינער לעצטע אידן,
פון באַרדיטשעווער עטלעכע אידן,
און פון מעזשבוזשער אַ פּאָר אידן:
שמע, ישראל, הער מיך אויס,
אוי, הער מיך אויס, שארית ישראל,
האָבן מיר נאָך אַלץ אַ משפּט,
אַ דין תורה מיטן אל ישראל?
האָט ער זיך ביז גאָר צערעכנט
און צע׳חשבונט מיט אונזער קהל?
וויפיל קומען מיר אים ארויס נאָך?
וויפיל זיינען מיר אים נאָך שולדיק?

כ׳בין נישט לעסטערן דאָ אויסן,
איך וויל פּראָסט און פּשוט וויסן
וויפיל זיינען מיר נאָך שולדיק?
אָדער אפשר אידן, ברידער,
האָט ער ביי אונז איבערגענומען
און אַרויפגעריסן דעם חשבון —
אַזאַ מאוימדיקן חשבון!
אין אַזעלכע בלוטיקע צייטן?

אידן, ברידער,
קאָנען מיר אַ חשבון מאַכן,
קאָנען מיר די גרויסע מגילה
אויפוויקלען און נעמען ציילן,
און מפשפש זיין זיינע מעשים?
ווער פון אונז וועט זיך וועלן שטעלן
פאַר זיין טרעפּל מיט אַ טענה!
זאָלן מיר גיין אין קברים קלאַפּן?
זאָלן מיר דעם באַרדיטשעווער וועקן?

ווער פון אונז וועט ביי זיך פועלן
אויפרייסן דעם אייביקן פרידן

פון די הייליקע גרויסע אידן?
אָבער גרויס איז די מגילה,
גרויס און פול מיט לויטערער קדושה.

ווען מיר מאַכן אַ נייעם ארון,
אַ נייעם שוואַרצן ארון קודש,
און אין אים, אין ווייסע תכריכים
אַריינשטעלן אונזער דאָזיקע תורה,
אַריינשטעלן אונזער נייע תורה.
וויפיל פרשיות וועט זי האָבן?
וויפיל? לאָמיר אָקאָרשט ציילן:

סדרה וואַרשע,
סדרה קיעוו,
סדרה לעמבערג,
סדרה וויען,
סדרה האַמבורג,
סדרה זוויל,
לובלין, בערלין,
און פראַג און יאַס.
יעדע חרובע שטאָט,
יעדע בלוטיקע גאַס.

מיר וועלן אויפרופן אונזער אב הרחמים,
זאָל ער מאַכן די ערשטע ברכה.
זאָל ער זיך איינהילן אין טלית,
כלו שחורה, שוואַרצער טלית,
אָן אַ פאַסיקל פון תכלת,
אָן אַ שטרייפעלע לבנה,
הייליק שוואַרץ און הייליק טרויער.

נאָכדעם וועלן קומען די ברידער
מיט די אויסגעשטאָכענע אויגן,
מיט די אָפגעהאַקטע אַקסל,
מיט די וויסט-געשענדטע לייבער, —
אַלע וועלן זיך שטעלן הערן
סדרה חושך וצלמות.

שלאָף מײַן קינד

שלאָף מײַן קינד מײַן טײַערס,
איבער טויטע װעגן,
איבער טויטע דערפער,
גײט אַ טויטער רעגן.

לײדיקע די גאַסן,
לײדיקע די שטיבער,
לײדיקע די הימלען,
פולע — נאָר די גריבער.

און דו דאַרפסט איצט װאַקסן,
אויסװאַקסן אַ גרויסער,
אין אַזאַ מין שטיבל,
אין אַזאַ מין דרויסן.

חורבות איבער חורבות,
און פאַרװאָס מיר בײדע
זײַנען גאַנץ געבליבן,
װעט שוין גאָט באַשײדן.

װי פון אַש און חורבן
שפּראָצט אַרויס אַ גרעזל,
װעט דאָ מיט דער צײַט נאָך
אויסװאַקסן אַ געסל.

אַז ס׳איז שוין סוף װינטער
און דער טאָג בלויט ליכטיק,
קוקט מען זיך אַרום נאָר
און מען נעמט פאַרריכטן

בײַ דער שװעל די טרעפלעך,
אויפן דאַך דעם שינדל,
און מען טראַכט אין דמיון
פון אַ װאָגן קינדער.

פלוצלונג נעמט זיך װײַזן
אויפן שליאַך פונװײַטן

אַ פולער וואָגן קינדער,
און פאָרויס — אַ רייטער.

אויסבאַהאַלטן ערגעץ
אין די וואַלדיקע היילן,
אָט זיי וועלן קומען
און שוין אַלץ דערציילן.

שלאָף מיין קינד, מיין טייערס,
רו זיך אויס, מיין ליבער,
ס'שלאָפן איין די קינדער
איצט אין אַלע שטיבער.

שפּעטער וועלן זיי אויפשטיין,
און דו אויך מיין שיינער,
אין אַזויפיל חורבות,
גאַנצע האָפנונג מיינע.

☆

אַ גאַנצע וואַנט

ווי פון אַ ווילדן הערבסט אַ בלוטיקן
וועלן דאָ נאָך איבערבלייבן נאָכן דור:
אַ גאָלדן בלאַט, אַ ליד,
אַ מעשה פון אַ וואונדערלעכן איד,
וואָס איז געבליבן איינער אין אַ קאַנט
פון גאַנצן פאָלקסגעזינד, פון גאַנצן פאָלקסגעבײ —
אַ טרויעריקע נאָר אַ גאַנצע וואַנט.

דער איד איז אַלטגעוועזן שוין גאַנצע אַכציק יאָר,
און ער האָט פאַרגעדענקט דאָס שיינגעוואָד
פון אייניקלעך אַ קייט — אַ ברייטע ראָד.
ער האָט אַ שפּיל פאַרטראַכט,
דאָס ראָד אין צוויי צעשפּאָלטן:
זיך האָט ער גענומען אַלע אינגלעך,
און זיין אַלטינקער — די מיידלעך אַלע:
זאָל זי מיט די צעפּלעך זיך דאָרט האַלטן.

ער דערציילט עס, און די אויגן זיינע
פאַרשווייגן קלוג די ביטערניש, דאָס וויינען.
ער האָט געננוג די גרויסע, לאַנגע נאַכט פאַר דעם.
פאַרן טאָג דאַרף יעדער אַלטער ניט מורא האָבן
אָנמעסטן אויף זיך די פריילעכע סערמענגע פון בעל־שם
און זיך אַליין בגבורה טרייסטן מיט געוואַלט.
און ווידער אויף די פלייצעס נעמען אַ שטיק מאַרק,
וואָס ליגט צעחרובט — אים צורעכט־מאַכן, פאַרריכטן,
צונויפשלאָגן מיט טשוועקעס אים, צונויפקאָוועז,
און ס׳ערשטע וואָס מ׳וועט דאָרט אויפן שוועל פון שטעל אָוועקשטעלן
איז — לעקאַך אידישן, לעקאַך קאָרענעם,
לעקאַך וואָכיק־יומטובדיקן, קיין עין־הרע׳נעם,
און טיילן קינד און קייט,
איטלעכן וואָס האָט אַ נס געוויזן
און געבליבן לעבן.
אַזאַ מין שטיקל קיום האָט אונז גאָט געגעבן
און מען טאָר דערמיט זיך ניט אַרומוואַרפן.

☆

בענקשאַפט

וואָס שייך דיין בענקשאפט — וואוהין?
דיין צפת אין דעם עמק וואָלין
איז געוואָרן אַ פנקס פון שטיינער
און זאַמדאַש און שאַרבן.
דו טרויעריקער, אײדעלער נאַר,
ווי קאָנסטו גאָר טראַכטן און וועלן
אַהינצו נאָך קומען צו שטאַרבן?

אַהין וועט שוין קיינמאָל נישט, קיינמאָל,
אונזער שטעקן־הגלות דערוואָגלען.
פאַראַן דאָרט נאָך טיפע און לעבעדיקע שרשים
פון אונזער אַלטלעבן פון דורות,
פאַרהאַקט אינם חושך פון דר׳ערד.

זייער וויטיק איז נאָך נישט פאַרלאָשן,
ווי מיינער, ווי דיינער.
דאָס פעלד און די וועלט,
און דער וואַלד פון אוקריינע
זוניקן, זאַפּטיקן, לאַכן און וויינען —
ניגונען אין אונזער לשון.

אויך דורך די דאָזיקע שורות
שניידן זיך בייזע און קראַנקע בשורות
פּאַר אונזערע אידישע ווערטער וואָס צאַנקען —
יאָרצייטליכט אין אונזערע ספרים.
פאַרפאַלן, ס׳איז אונזער טויט-עלנטער אמת,
און מיר דאַרפן אים איבער די גאַסן ניט טראָגן,
נאָר זיצן מיט אים אין די אייגענע פיר איילן:
איינער פאַרן אַנדערן רעדן, דערציילן
וואָס אונז האָט זיך הייליק געחלומט.
און דער חלום איז נאָר אויף אַ טאָג,
אויף אַ שעה דאָ מקוים געוואָרן.

מיר וועלן אויך אונזער ארון
מיט לעבעדיקע יונגע און לויטערע שמות
אַריבערפירן אַהין צו ברעגן,
וואו די זון האָט אונז ווידער באַגעגנט
און וועלן דעם ארון, ווי דיביינער פון הערצלען,
ס׳געביין פון די ווערטער באַהאַלטן
אין דער הייליקער ערד,
לעולם, אויף אייביק.

☆

איך ווייס נישט ווען...

איך ווייס נישט ווען און נישט פונוואַנען,
נאָר קומען וועט ער, דער פּאָעט,
און וועט צונויפנעמען איניינעם
די נעמען אַלע פון די שטעט,

וואו אונזער לעבן האָט געליכטיקט,
געיונגט, געזונגען און געקוועלט,
און אויסגעלייזט פון גוי און גלות
צוויי טויזנט יאָר די גראָבע וועלט,

און דאָ און דאָרט אַ פונק פאַרוואָרפן,
וואָס האָט אין טונקל אויפגעשטראַלט.
מיר אַלטע האָבן נישט דערלאָזן,
די וועלט זאָל ווערן גראָ און אַלט.

די לייד, די וואונדן און יסורים,
די איבערפאַלן אויף אונזער הויז
האָבן פאַרהיילט זיך, און דער שטורעם
איז אומגעפאַלן ביים מלבימ׳ס קלויז.

און קלייטלעך האָבן זיך געעפנט
און שולעכלעך האָבן פאַרנאַכט
געדאַוונט מנחה, געדאַוונט מעריב
און גומל געבענטשט און אַ ברכה געמאַכט

אויפן נשאר, וואָס איז גאַנץ געבליבן,
אויפן ביסל וואָס האָט נאָך געהאַט
האַפט די וועלט-שאַנד צו פאַרדעקן,
ווי דאָס אַמאָליקע פייגנבלאַט.

דאָס איז געווען פאַר דער גרויסער שרפה,
און איצט איז אַלץ שוין אַש און שטויב,
און אין די חורבה-ווינקלען וואָרקעט
דער טרויער אונזערער — אַ טויב.

ער וואָרקעט, און ער רופט פון וויסטקייט
און בעט אויף ביאת ה׳פאָעט,
זאָל קומען און פון צער אויסלייזן
די נעמען אַלע פון די שטעט
און הייליקן זיי און זיי געבן
אין נייעם סידור אַ פרידלעך אָרט.
איז וואַרשע, פראָסקוראָוו צי ווילנע,
נישט מער ווי גלאַט-אַזוי אַ וואָרט?

כ׳גראָב און גראָב

כ׳גראָב און גראָב און זוך די קוואַלן
און דערגראָב זיך צו דעם וויין,
וואָס האָט אויפגעשטראַלט שאַגאַל׳ן
רעגנבויגיק אין אויג אַריין.

וואו האָט נישט דאָס פאָלק צעוואָרפן
זיין ירושה ? זוך נאָר שטאַרק.
ס׳וועט זיך דיר אין אויג אַ וואָרף-טאָן
שאָטנדיק פון אַלטן מאַרק

אַ געשטאַלט — אַ דאַרער קלעזמער,
און די אויגן בעטן פרום:
גוטער גאָט, באַשער אַ נס מיר,
כאָטש איך ווייס נישט ווי-אַרום.

פון דער פרעמד, פון די מרחקים,
ווייזט אַ פור זיך אויפן שליאַך.
יונגע פערדלעך, ס׳בייטשל קנאַקט דאָרט,
און אַ האַלבע בויד — אַ דאַך.

און אין בויד — אַ מויד, אַ מיידל,
און אַ חתן — ביי איר זייט.
אַרום זיי — אַ גאַנצע עדה
מחותנים — אָרימעלייט.

אָרימעלייט ? פון וואו ? פונוואַנעץ ?
ס׳מאַכט עס אויס ? אַבי מ׳איז דאָ.
איז אַ קלעזמער דאָ פאַראַנען ?
נאָך אַ מין ! אין אַ גוטער שעה.

און זיין פנים הויבט אָן שטראַלן,
און פון וואָגן — איינס נאָך איינס
נעמען מחותנים פאַלן
זיידעס, מומעס — און אַ קליינס.

אַ קאַרפּוזיקל אַזאַ מין,
מיט אַ היטעלע אַ בלויס.

און שוין אויסגעזוכט די מאַמען
און אַרויף צו איר אין שויס.

חתן-כלה? חתן־כלה?
שטייען ביידע — קוק זיי אָן.
גוט זענט איר אַריינגעפאַלן,
מען וועט טאָן, וואָס מען דאַרף טאָן.

און דער קלעזמער האָט פון שיידל
זיין קליין פידעלע באַפרייט.
מיטן סמיטשיק — דין און איידל,
איידעלער פון דינסטן זייד,

אַזאַ פיר-געטון דעם סמיטשיק,
נאָר אַ ציטער, נאָר אַ ריר,
און דערקענט אים: אוי, רב איציק,
איציק מאַנגער, דאָס זענט איר?

אָט די חופה, דער מאַמעס טיכל,
דער מאַמע אידיש׳ס טיכל, יאָ,
און די כלה — ווייסע שיכלעך —
און דער שלייער — ווייס און בלאָ,

אוי האָט מען געטאַנצט, געטופעט
און ס׳האָט קיינער נישט געזען
ווי ס׳איז מיט דער שיינער חופה
אַ גרויס וואונדער דאָרט געשען —

האָט פון אָרט זיך אויפגעהויבן
און פאַרפלויגן העט, העט, העט.
ביי מיין וואָרט, איר מעגט מיר גלויבן.
וואָס, איר גלויבט נישט קיין פאָעט?

כ׳גיב מתנות דער וועלט...

כ׳גיב מתנות דער וועלט — מיינע לידער
פאַרן ברויט פון דער מאַמעשער ערד,
פאַר דער שטילער מסיבה פון ברידער —
אַלטע אידן מיט גרייז-גראָע בערד.

פאַרן זכות נאָך צו זען און דערקענען
אַ אידישן זיידן אויף מיין גאַס,
און זען נאָך דריי שבת-ליכט ברענען
און די אָרימע ווענט, געלבלעך-בלאַס.

פאַרן אייגענעם זכות דעם באַשערטן
נאָך צו טראָגן דעם אוצר ביי זיך
פון דעם וויטן פאַרחלומטן נעכטן
צום שוועל פון אַ מאָרגנדיק ליכט.

איך ווייס נישט צי כ׳וועל אים דערטראָגן,
נאָר דערווייל איז מיר טייער דער יאָך
מיט דער איינזאַמקייט זינגען און זאָגן
תהילים-אידיש אַ גאַנצענע וואָך.

ערגעץ וועט מען דערהערן, פאַרנעמען,
און אַז ניט, איז מסתם נישט באַשערט,
אַ, אידיש קינד מיינס, כ׳קוש שטיל דיינע ברעמען,
און בענטש פרום דיינע טריט אויף דער ערד.

און אויב דו וועסט מיין זכר פאַרגעסן,
און מיין לשון נישט געדענקען קיין וואָרט — — —
איך האָב פאַר דיר אַ מעשהלע געלעזן
איך, זיידע מיט אַ זילבערנער באָרד.

האָסט געהערט און געהערט און — דער דרימל
האָט די ברעמען דיר קינדערש פאַרמאַכט.
כ׳קוק ארויס דורכן פענסטער — דער הימל
ציט זיך איבער מיט גרינגען פאַרנאַכט.

שפראַך

דאָס האַרץ איז תּופס טויזנט זאַכן,
די צונג קאָן נאָר דערציילן צוויי.
די וועלט האָט טויזנט און איין שפּראַכן,
נאָר איינע האָב איך ליב פון זיי.

אַמאָל רוף איך זי פּשוט: מאַמע
און שוועסטער, כּלה, קינד און ווייב.
איר וואָרט האָט טויזנט און איין טעמ׳עז,
דעם טעם פון וויין, דעם טעם פון לייב,

דעם טעם פון אַלע גאָטס-געגנאָדן,
וואָס ליגט אין ברויט, אין ליכט פון אויג,
די שיינקייט מיט איר ליכט און שאָטן,
דער חן פון יעדן נויג און בויג

פון רעמבראַנדטס פּינזל, מנוחינס בויגן
איבערן פידל און ס׳ווערט פאַרנאַכט,
מיד-הערבסטיק גאָלד פון זון אויף סטויגן
און פעלד און וועלט און וועג — פאַרטראַכט.

און נאָענט איז אַלץ, די וייט, דער הימל
און קלאַנג ווערט בילד און בילדער — קלאַנג,
איין פינגער-ריר נאָר אויפן גימל,
און פונם גימל ווערט געזאַנג.

☆

אָ, קוק זיך גאָט אַרום...

אָ קוק זיך גאָט אַרום אַביסל מער
איבער דיין יונגן שבט אידישע פּאָעטן.
נישט אזוי די לעכער אין די אַלטע שיך,
די קנייטשן אין די לומפּיקע קאַשקעטן,

נישט אזוי דער עלנט, אָט-דער כּלב רע,
וואָס גייט זיי נאָך ווי אַ פאַרשטעלטער שטן;

האָט שוין באַלד אָפּגעגריזשעט אונטער זייער טראָט
דעם לעצטן שיין פון זייער לעבן — זייר שאָטן.

נאָר זייער ליד — דאָס איינציקע וואָס איז
ביז איצט זיי נאָך געטריי געבליבן דינען, —
היט אָפּ, עס זאָל פון בושה און פון אַנגסט
און פון גרויס איינזאַם — גיט אַראָפּ פון זינען.

אָ, שיק אַרויס איבער זיין וויסטן וועג
אַ מלאך מיט אַ שמייכלענדיקער בשורה,
אַז ער האָט ערגעץ אין אַ ווייט, ווייט לאַנד
געהערט די קינדער זינגען זיין אַ שיינע שורה

פון יענעם גליק, וואָס יעדן דיכטערס ליד
קאָן קיינמאָל אויף דער ערד דאָ נישט פאַרלירן,
און לעבט אין הויז פון פאָלק אונטער איין דאַך
מיטן שיר-התהלים, מיטן שיר־השירים.

און אייביק רוט דאָרטן די היימשאַפט פון דער וועלט,
די זון די אייביקע — אין אירע שויבן.
און ס'וואָרקען אײדל הינטער איר געזימס
ווי קינדער דורכן חלום — ווייסע טויבן.

☆

תורת־אידיש

אַן עדה קינדער פון דער גאַס
קומט תמיד צו מיר לערנען תורת-אידיש.
איך הייס: נישט עפענען די ביכלעך.
איך וויל אויף זיי פונוויטנס קוקן.
איך וויל זיי לייענען ווי אַן אָפן בוך.
איך וויל זיי קענען און דערקענען.
איך רעד צו זיי אַן ווערטער:

קליינע, טייערע אידישע זין און טעכטער,
איך וויל אייך לערנען.

איך וויל אייך קאָנען לייענען,
איך וויל אייך קאָנען שרייבן און באַשרייבן;
כ׳וויל ווערן אייערער אַ גרעסערער,
אייער אַן עלטערער ברודער.
ווי אזוי זאָלן מיר דאָס מאַכן?

כ׳וועל לייענען פאַר אייך אַ שלום-עליכמ׳דיקס
און זען, צי קאָנט איר אמת-אידיש לאַכן.
אַז מען לאַכט נאָר מיט דער גרויסער אידישער פרייד
פון שלום-עליכמס אַן אייביק-יונגער מעשה,
דאַרף מען נישט קיין בעסערע באַוויזן
אַז איר וועט נאָך קאָנען לערנען
חומש מיט רש״י באידיש
און אפילו גמרא באידיש
און ליטעראַטורע אוודאי באידיש.

איך זע, איר נעמט שוין לאַכן-שמייכלען
איידער כ׳פיר אייך נאָך ארויס
שלום עליכמס מאָטל פייסיס.
איז הויבן מיר היינט אָן צו לערנען
די ערשטע שיינע סדרה אידיש-לאַכן
מיט אייערע ליכטיקע פנימער,
מיט אייערע וואוילע, זינגגענדיקע אויגן
וועלן מיר אַריינלערנען העט-העט אין שלום עליכמען
און איינער אינם צווייטן צוהאַלטן זיך — פון גרויס לאַכן.

☆

אָ, וויפיל דו זאָלסט דאָ נישט צאָלן

אָ, וויפיל דו זאָלסט דאָ נישט צאָלן,
בלייבט אַלץ נאָך דיין חוב נישט דערצאָלט.
לויב גאָט, וואָס דו האָסט וואָס צו צאָלן
פאַר מעש און פאַר קופּער — מיט גאָלד.

און לויב, וואָס מען קומט ביי דיר מאָנען, —
ניט איטלעכן איז דאָ באַשערט

דערפילן די טיף פונם הימל,
די אומרו און רו פון דער ערד,

און מאַכן אַ ברכה לשיינקייט.
און נישט נאָר צום זעטיקן טעם
פון דער פרוכט פון דעם עץ החיים,
מיט אַ קערנדל טויטלעכן סם.

זע, אַ וועלט קוקט דיר שטיל אין די אויגן,
און אַ בוים וויגט דעם קאָפּ אין געבעט.
אַ שפּעטערער דור וועט דערציילן
וואָס דו האָסט צו מענטשן גערעדט.

אַ שפּעטערער דור וועט געדענקען
דיין גאַנג אין אַ הינטערגאַס דאָ,
דיין פרידלעך געמיט האָט געצונדן
דאָרט אייביק אַ גאָלדענע שעה.

די גאָלדענע שעה צינדט זיך אָן דאָרט
יעדן טאָג, ווען די זון גייט אויס,
אַ צווייג פון אַ בוים פלאַמט אויף ליכטיק
אויף אַ דאַך פון אַ נידעריק הויז.

☆

דער שלום קומט

דער שלום קומט אָן אין אונזער לאַנד,
גיי אים ארויס אַנטקעגן מיט אַ ברודערשער האַנט.
ער איז מיד און קומט פון בלוטיקן פעלד;
ער איז דאַר און דין און נישט קיין העלד.
ער איז אפשר הונגעריק — אַ שטיקל ברויט
וועט אים דערוואַרימען ווי יונגע פרייד.
און ווען דו ברענגסט אים אין שטוב אַריין,
שטעל נישט אויפן טיש קיין פלעשל וויין,
קלאָר ברונעם-וואַסער גוט גענוג
און שיין — דער אַלטער ערדערנער קרוג

און דאָס גראָע טעפּל, פון וועלכן עס טרינקט
דער אָרעמער פעטער, דער בעטלער וואָס הינקט
און קומט איינמאָל אַ יאָר צוגיין פון ווייט,
גראָד אין ערשטן הערבסטגאָלד, ווען אויפן פּלויט
פּליט אָן די קראָ און רופט, און שרייט
און מען ווייסט נישט וואָס זי זאָגט אָן,
נאָר מ׳טראַכט אויף דער רגע — דער שוואַרצער האָן,
וואָס קראַקעט טרויער אין דער וועלט אַריין,
קוקורוזע שטעקנס בלייבן אומעטיק שטיין,
דאַרע בוימער צווייגן גיבן אַ קרעכץ,
און די בלאָקייט פון הימל ווערט שאַרפער, טיף,
אַזש עס בלענדט פון איר שטאָליק קיל אַרויס
אַ דין־דין זילבערנע ציטעריקע שריפט,
וואָס בלענדט דאָס אויג און צעשוועבט אין לופט
ווי אַ קוים דערשפּירטער ווייטער דופט.

דער שלום קומט, און דער דרויסן איז שוין קאַלט.
נעם מיט מיט זיך אַ וואַרימע שאַל
אים איינצודעקן — די פריע קעלט,
דער געלער אָוונט פון הערבסטיקן פעלד
און דער ווינט הויערט קראַנק אין טרוקענעם שטרוי.
נישט לאָז זיך פאַרפירן פון דער לויטערער בלוי,
וואָס פינקלט פונם ליכטיקן טאָג.

☆

על גרעקאָ

אין חלום פון דער נאַכט האָט זיך
צום אײדעלן על גרעקאָ
דער הייליקער פראַנציז באַוויזן
און האָט אים מיט אַ פּאָטערלעכער האַנט
דערלאַנגט זיין דאַרן סוקעוואַטן שטעקן,
וואָס ער האָט אויסגעשפּאַנט מיט אים
די וויסטע, ענגסטע געסלעך פון יסורים.
מיין זון, פון אָט דעם אָרימען שטיק האָלץ

וועסטו אַ פּענזל מאַכן פאַר דיין הייליקער מלאכה,
אין אָט דעם ערדערנעם שטיק שאַרבן,
וואָס כ'האָב געפונען אין אַן אַלטער חורבה
זאָלסטו פּאַרמישן דיינע פאַרבן,
און זאָל דיר זיין לחסד און לברכה.
על גרעקאָ האָט זיך פאַר אים פאַרנויגט
און האָט אסיסיס דאַרע האַנט אַ קוש געטאָן.
גאַנצפרי מיטן ערשטן בלוי פון טאָג
האָט זיך דער מייסטער אויפגעהויבן פון געלעגער
און אַריינגעקומען אין די טויערן פון לעבן,
ווי איינער פון די שווערע משא-טרעגער
פון גאָטס יאָך אויף זיינע אַקסל,
אויף וואָס זיין אויג האָט נאָר אַ קוק געגעבן
זיינען אויף דעם פליגל אויסגעוואָקסן.

☆

ר ע מ ב ר אַ נ ד ט

און רעמבראַנדט איז געזעסן איינמאָל
בערוב היום, פאַרן שוועל פון זיין וועלט
און דערהערט, ווי שטיל און שטילער
ס'האָט דער טאָג זיך אָפּגעשטעלט,

ווי אַ וואָגן מיט פיר רעדער — און די ערד
האָט ממש אָטעמען אויפגעהערט.
און קיינער איז נישט לעבן אים געווען,
און אַלץ וואָס ער האָט פאַר זיך געזען —

דאָס שטיקל אַלטע גאַס, די שטיבער — גרוי,
כאָטש די דעכער זיינען געווען באַבלעכט,
האָבן זיי אים אויסגעזען, ווי דעכער שטרוי.
ער האָט שוין שלעכט געהערט און געזען שלעכט.

און זיינע ברעמען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט
איבער די אויגן, ווי נאַכטיקער פראָסט.
און פּלוצלונג אויפגעליכטיקט ווי קרישטאָל,
און ער איז ווידער אַריינגעגאַנגען ווי אַמאָל

אין דער אָפענער ברייטער טיר פון דער וועלט,
און די וועלט איז געווען זיין הויז, זיין געצעלט.
האָט גאָט זיך באַוויזן צו אים אין געשטאַלט
פון זיין טאַטן, וואָס איז שוין געווען זייער אַלט.

מיטן יאָך פון יאָרן טויזנטער אויף זיך,
און נאָך אין זיינע הילצערנע, אַמאָליקע שיך.

און אין געשטאַלט פון דער מיל, פאַרנאַכט,
וואָס איז נאָך טיפער, טרויריקער אין זיך פאַרטראַכט,
ווי אַ בוים אַליין אין פעלד, ווען דער טאָג פאַרגייט,
ווי אַ מידער פויער, וואָס האָט אַ שטיק פעלד פאַרזייט.

און אין געשטאַלט פון סאסקיא, דער זיסער טויב,
און אין געשטאַלט פון עמוסן, זיין זון.
ער ווייסט, אַז ס'איז פון זיי שוין ערד און שטויב;
ערד און שטויב איז שטילקייט, פרידן, רו.

און ער איז דורכגעגאַן די ערד, זיין ערד
פון ברעג צו ברעג און האָט געהערט
איר טרויעריק און ליכטיק קול און האָט געזען
די וואונדער וואָס אים איז באַשערט געווען צו זען
און די יסורים און די בושה און דער צער —
ער וואָלט געווען אַ רשע און אַ נאַר
זיך קלאָגן אויפן חלק אַנגסט און נויט,
וואָס קומט דאָ יעדן, ווי זיין חלק ברויט
און קיינער טאָר עס נישט אַראָפנעמען פון דיר
און אונטערוואַרפן ביי אַ צווייטנס טיר.

☆

מאַני לייב

מאַני לייב אין דעם שמאָלן ארון,
איצטער גלויב איך, אַז דער טויט טוט אַרבן
אַלע פאַרבן, אַלע וואונדער, אַלע יאָרן
און מיר פאַרנייגן די קעפּ און שטאַרבן.

אַלע טואונגען׳ אַלע מעשים, אַלע לידער —
בינטלעך גראָז ביי די פעלדיקע ראָנדן.
האַרבער גורל פון אַלע אונזערע ברידער —
אַנדזשעלאָ, רעמבראַנדט און בעטהאָווען,

ווער מיט פען, ווער מיט פענזל, ווער מיט האַמער,
ווער מיט נאַקעטער ליבשאַפט אין פנים:
דער מעזשבושער, דער לובלינער, דער אַמסטערדאַמער —
מען קאָן זיי צווישן טויזנטער דערקענען.

און אַט קומסטו צו דעם בערגל פון פרידן,
און די גראָ-ערד נעמט דיך אויף באהבה.
ס׳בלייבט דיין ליד, צווישן אַלע אונזערע לידער —
דער גאָלדנסטער פעדער פון דער פאַווע.

☆

די אַלע לידער זיינען מיינע טריט

די אַלע לידער זיינען מיינע טריט
מען זאָל דערקענען, אַז איך בין דאָ איינמאָל
דורך דער ערד,
פאַרביי דער קליינער וועלט,
ווי פאַר אַ דאָרף פאַרבייגעגאַנגען.

ניט קיין שליח פון מיין דור,
און נישט קיין אָנזאָגער פון בשורות,
נאָר אַ פייטן — צו אַלדי גוטע יאָר,
וואָס האָט געקאָוועט און געמייסטערט שורות
מיט אַזאַ גלאַנץ פון גאָלד אַ מידן,
און אויף אַ נוסח-אידיש
פון געבענטשטע גוטע אידן,
וואָס האָבן יאָ מיט זיך פאַרמאָגט
אַ גרויס שטיק פאָלק,
און וואָס זיי האָבן געזאָגט
איז געווען געזאָגט,
און וואָס זיי האָבן געטאָן

האָט נישט געדאַרפט קיין פּאָן
צו אויפצופלאַטערן איבער דער וועלט.

זיי זיינען געווען אין אַן אייגענער וועלט
מיט יונג און קינד און זקנים,
און נישט קיין איינגעבעטענער, ווי איך
אויפן בוידים,
אָדער אין אַ קעלער
פון אַ תושב איינעם,
אַזאַ איינעם.

☆

ווי פרומע טאַטעס...

ווי פרומע טאַטעס פלעגן בעטן
אויף טל און גשם,
אזוי בעט איך
אויף תמימות
און אויף דערלייטערונג
צו אמת און צו חכמה,
וואָס איז געבענטשטער גלויבן.

אַ נאַר רעדט צו די הימלען,
און אונז איז געגעבן געוואָרן
דאָס פּראָסטע, אָרימע וואָרט
צונויפצוזינגען זיך
מיט אַלע זאַכן,
וואָס וואַקסן פון דער ערד
ווי מיר אַליין.

אויך פון אונזער ליד
דאַרף שמעקן בלאַט און צווייט,
און האָניק פון דער בין,
און וויין פון פרוכט,
און מער נאָך מער —
דער וואָכיקער געשמאַקער טעם

פון ברויט,
דאָס ברויט פון אַלע טאָג,
וואָס איז דער פרישער אָטעם
פון אונזער געבורט
און פון אונזער אייביקייט.

☆

צו . . .

ס'איז וואויל צו לעבן קליין מיט זיך,
מיט אַנדערע — זיך אויך ניט רוישן.
די יאָרן בלייבן אָפּ אויף גיך
און ווי אַן אָסיענדיקער דרויסן
ווערסטו אַליין. דו קוקסט זיך אָן:
וואו זיינען אַלע שאַלעמויזן
וואָס האָבן דיר געפּאַסט צום סטאָן,
אַז דו זאָלסט קאָנען זיך אַרויסזען
פון דער חברותא — אויבנאָן?
דו שפּילסט שוין מער דאָ נישט דעם האָן,
וואָס האָט דאָ אויסגעקרייט אַ בשורה —
אַ גינגאָלדענע יונגע שורה,
אין ליד פון אונזער דיכטונג דאָ.
נאָר סיוויסיי, דיר פּאַסט די גראָ,
דיר פּאַסט די זילבערדיקע קלאָר,
דיר פּאַסן דיינע שנייאיקע האָר,
דיר פּאַסן דיינע פופציק יאָר.
און מער נאָך פּאַסט דיר די איידעלע מיד
אין גאַנג, אין ריטם פון דיין ליד.

☆

ליבע, קליינע חיות טובות

ליבע, קליינע חיות טובות:
ציג און שאָף און מילדער לאַם,
טרעטן שטיל אין אונזערע לידער,
מלא חן און מלא טעם.

ניט אַזוי זיך סתם לשיינקייט,
נאָר דערפֿאַר, ווייל מיר און זיי
זיינען היימיש פֿון דער היים נאָך,
לעבן זיך ווי אַנדערע צוויי.

וואו מיר זאָלן שוין נישט קומען,
אין עק־וועלט, פֿאַרוואָרפֿן, ווייט,
אונטער גאָר אַן אַנדער הימל,
פֿון אַן אַנדער בלאָ און זייד —

וועלן מיר אָן־זיי געדענקען
אין אַן איידעלער, שטילער שעה,
אין די קאַמערלעך פֿון די לידער,
איז פֿאַר זיי אַן אָרט נאָך דאָ.

שטערט עס דעם דעם הויכן עמפּייר,
שטייט דעם האדסאָן דען נישט אָן,
אַז אַ ציגעלע פֿון קאָריץ
קומט צו אונדז צוגאַסט דאָ אָן?

ס׳איז נישט אמת, אַז אין לידער
איז דער ברוקלין־בריק אַ סנאָב.
ער ווערט איידעלער און שענער,
אונטערן פֿידלדיקן טראָפּ

פֿון אַ לירישן וואָרט אַ ציטריקס,
און דאָס ציגעלע פֿון דאָרט
שטייט אַנטקעגן אים פֿאַרוואונדערט,
שאָקלט די פֿראַנצויזישע באָרד.

און די פּאַווע, אונדזער פּאַווע,
וועט נישט בטל ווערן אויך
פֿאַר בראָדווייער בונטן שלייער־
פֿאַרב און פֿייער אינדערהויך.

אין אַ ליד אַן ערלעכס קאָן מען
אויפֿזינגען אַזאַ כּישוף־בריק,

פלאָטערדיק פון היינט צום נעכטן
און פון נעכטן — אַהער צוריק.

קאָץ מיינע פון ווייטן קאַריץ,
כ׳מאַך דיך פאַר אַ „סיטיזען״.
איך וועל זען, צי ס׳וועט חלילה,
אונזער ליד דאָ בייז געשען.

זונטיק וועל איך מיט דיר שפּאַנען
צו ב. ריווקינען אַהיים,
און איך מאַך דיך פאַר אַ בירגער
נאָך בסוד און האַלב-געהיים...

אַז מ׳וועט זיך דערוויסן שפּעט
וועט מען זיך נישט חידושן מיין,
זישא לאנדוי, עליו השלום,
וואָלט דאָס זייער וואוילפאַרשטיין.

☆

מיין ליד האָב איך דערווייל אָפּגעלידלט

מיין ליד האָב איך דערווייל אָפּגעלידלט,
מיין אבלדיק בוך מיט די גראָע טאָוולען,
דער וועלט דערלאַנגט אין האַנט און איצטער
וועל איך דעם פאָלק אַ פּראָסטער ברודער ווערן.

אַליין זיך זאַלבן דער מי דער גוטער,
דער שטומער פּראַצע נאָך גאָרן חורבן,
צו פירן זאַמד און שטיין און טרייסטונג
אין די הוילע, נאַקעטע טויט-ישובים.

און טאָג נאָך טאָג וועל איך נישט אָפּגיין
פון די היימלעך-אומהיימלעכע גאַסן,
וואו דאָס שוסטער-ליד און דער סטאָליער-ניגון
פאַרהיימלעכן די וועלט מיט שיינקייט.

און נאָר אַמאָל אין אַ שפּעטער נאַכט-שעה,
ווען דאָס געמיט וועט וועלן וואַכן

ביים טיש, ביים לאָמפּ, ביים וואַנטיקן שאָטן,
און די וואַנט וועט וועלן מיט אותיותריידן,

איז נאָך דאָ אַ סך זיך אַראָפּצוריידן
פון האַרצן — די פּראָסטע שורות פּראָזע
וועלן אפשר שלעפן באַרג-אַרויף די מעשיות,
די ווייטע וואונדער פונם נעכטן.

און ליד, דו ליד, מיין ליד דו ברודעריש,
וואָס ביזטו מיר געוועזן דען דעמלט?
אַ בעכער ווין פון הייליקער שיכרות,
אַ גיפטיקע טרייסט, אַ קראַנקע ליבשאַפט.

כ׳האָב זיך אין דיר אזוי פאַרלאָרן,
אזוי פאַרלאָרן — און זיך געפונען.
אין מיינע וויסטע פיר ווענט פון עלנט —
געשפּיגלט ווי אין אַ גאָלדענעם ברונעם.

וואָס כ׳האָב געזען דאָרט דעמלט, פּרעגסטו.
דו ווייסט דען ניט? אַש-מידע אויגן.
און דורכן פענסטער — ניו-יאָרקער זונטיק,
טויט-וויסט אין שטיינעריקן שווייגן.

דאָרט ווייט האָט זיך אַ דאָרן-זעגל
פון אַ שיף ביים האַפן אין הימל געשטאָכן.
אַ מעווע — אין אַ שאַרפן האַלבקרייז
צום האָריזאָנט זיך אַראָפּגעבראָכן.

אַוועקגעכאַפּט דאָס אויג פון פענסטער
און איבער דיר זיך, ליד, געבויגן.
אַ זונפאַרגאַנג איז אויפגעגאַנגען
אין מערב פון מיינע מידע אויגן.

☆

דיין קליינער אוצר...

דיין קליינער אוצר,
דאָס לאַנג געזוכטע וואָרט,

קומט שעמעוודיק און קינדעריש,
קומט קלוג און בעטלעריש
און קעניגלעך — דיר אַנטקעגן.

וואו ביזטו, וואָרט, געוועזן?
אין לאַנד פון גאָלדענעם רעגן,

אין לאַנד פון זילבערנעם טאָג
און אין דעם לאַנד פון שטילסטע בוימער
און פרומסטע בערגלעך רו.

איך קום פון אַלטן אינזל,
וואו לעצטע זקנים לערנען
דעם גאַנג פון די אינגסטע שטערן.
איך קום פון געבויגנסטן שטיבל

וואו קיינער לעבט נישט מער,
נאָר אויפן וואַנטיקן טאָוול
גרינט דער נאָמען פון הייליקסטן לערער
ר׳ עקיבא — שוין אָן תלמידים.

☆

און זאָגן דאַרף מען...

און זאָגן דאַרף מען אַזוי־צו־זאָגן,
אַז יעדער איד פון בויז און בוז,
זאָל איינמאָל אין זיין לעבן כאָטשבי
באַרירן כעלעם מיט זיין פוס.

אַרויסרייסן זיך איינמאָל כאָשטבי,
איין איינציק מאָל אין אַ לעבן לאַנג,
און קומען אין קליין־כעלעם זיצן
אין קלויז דאָרט אויף דער ברייטער באַנק,

און הערן תורה פון דעם דיין,
און הערן חכמה פון דעם רב,

און זייער גוטן געשמאַקן מוסר
פאַר יעדער לייד, פאַר יעדער שטראָף.

די הייסע ווערטער זייערע היילן
און שטילן די צעריי‏צטקייט איין.
ווער עס טוט אַ טרונק פון כעלעמער וואַסער
וויל קיינמאָל נישט דעם שטאַרקסטן וויין.

ווער עס פאַרזוכט פון כעלעמער פשטות
ווייכט פון דער קלוגשאַפט וואָס פאַרפירט
אין נישט-געשטויגענע וויסטע הויכן
און אין פאַרבלענדטן פאַלשן ליכט.

ווי גוט וואָלט געווען דעם פאָלק ישראל
פון גאָר דער ערד און אומעטום
צונויפצוזאַמלען זיך אין כעלעם
און בלייבן דאָרטן גוט און פרום.

ווי גוט וואָלט זיין דעם כולו עולם.
וואָס? די וועלט איז ניט פאַרשפאַרט,
און כעלעם האָט אַרום זיך פעלדער,
קאָן זיך צעוואַקסן איבער נאַכט —

נאָר נישט פאַררייסן זיך צום הימל —
צום הימל פליט די תפילה נאָר
צו אויסבעטן אַביסל מזל
פאַר זיך און פאַרן גאַנצן דור.

צו אויסהיטן די וועלט פון שנאה,
פון קנאה און פון אַנדערע שלעק,
וואָס נאַרן אָפּ מיט ווילדע אוצרות
אין לעכערדיקע אַלטע זעק. —

געטראָגן און געטראָגן דעם אוצר
און קוים דערשלעפּט זיך צו דער היים;
דעם זאַק אויף דר׳ערד אַראָפּגעלאָזן,
אַביסל שטויב, אַביסל ליים.

ט ו י ט

פריער שטאַרבט דער מענטש,
לעבט נאָך אים אַ קליינער אָנדענק
אינם פלעמל פון אַ ליכט,
אינם פינקל פון אַ בליק
און אין אַ זעלטן וואָרט
וואָס טונקלט אומעטיק.

נאָכדעם שטאַרבט דער אָנדענק,
בלייבט שוין גאָרנישט נישט,
מ׳איז שוין קיינעמס נישט,
מ׳איז אינערגעץ נישט.
וואָס איז דיין נאָמען אָן דיר?
אָן אַ הויז אַ טיר,
ווי אומעטיק ס׳איז מיר.

און אויך דער נאָמען שטאַרבט,
אפילו אויפן שטיין לעשט ער זיך און דאַרבט.
רעגן טראָפּ נאָך טראָפּ,
און רגעס טראָפּ נאָך טראָפּ,
מעקן, מעקן אים אָפּ.
קיינער דאַרף אים נישט,
שטיין אין מדבר וויסט,
און וויל בלייבן וויסט.

☆

א י ו ב

איוב האָט פון אומגעקערטן גליק
גענומען נאָר די קלענסטע גאָב —
דאָס ווייב — שוין זילבערן-גראָ איר קאָפּ;
די זין און טעכטער, שטיל, אין צער געפּרואווט,
אומעטיק אין גייסט און וואַקלדיק אין גוף.
און איוב איז געווען אַן אָרימאַן אָן טענה, פרום.

פאַרמאָגט נאָר אַ קליין עדר׳ל מיט שאָף.
געגומען וואָס דער טאָג דער וואָכעדיקער גיט,
און ביי דער נאַכט נאָר אַ נדבה — אַ שעה שלאָף.
נאָך אַזאַ שטראָף פון גאָט און שאָטן,
גייט מען שוין נישט מיט קיין אויפגעהויבענעם אַקסל מער
אין די שערי-מלך פון דער ברייטער וועלט אַרום.

מיר, וואָס קאָנען מיטן אמת רעדן אויג אויף אויג,
אָן איבעריקער ריטערלעכקייט און פאַרנויג,
און שרעקן זיך נישט פאַר דער אומרו וואָס פאַרנעמט
די שעה פון רו און שלאָף און קאַלט, תכריכימ׳דיק דאָס העמד
איבערן לייב — מיר לייענען די שפּעטע דף׳ן קלאָר און פּראָסט
ווי איטלעכער וואָס גאָט האָט איינמאָל שוין פאַרלאָזט,
און ווען ער האָט זיך צו אים אומגעקערט צוריק,
האָט איוב נישט געדאַרפט שוין מער דאָס בלוטגעפרואווטע גליק,
און איז געבליבן מיטן קאָפּ געבויגן צו דער ערד.
גאָט האָט געשוויגן און איוב האָט זיין שוויגן אויסגעהערט.

✡

כתונת פסים

צו דער קליינער, שיינער האָפנונג
האָב איך צוגענייגט מיין אויער:
שוועסטער, זאָג מיר אויס אַביסל,
נאָר אַביסל, נישט אינגאַנצן,
וואָס דו טראָגסט הינטער דיין טונקלען פאַרטעך
פאַר מיין יונגער שעה פון מאָרגן?

— ראשית טראָג איך פאַר דיין טרויער
אַזאַ העמדעלע אַ זיידנס, — אַ כתונת פסים,
און אַ מעשה פון היילנדיקער חכמה
פאַר דיין שרעק און דיינע זאָרגן.
כ׳ווייס פאַר זיי אַזאַ רפואה,
אַז זיי וועלן זיך ווי די קעצלעך

בײַ דײַן זוים אַנידערלײגן,
צומאַכן די שמאָלע אויגן
און אין דרימל װי אין הימל
פֿרידלעך, מידלעך רוען.

מערער װילסטו דאָך נישט האָבן,
װעט דײַן װילן װערן מקוים.

מערער האָט זיך דיר אפֿילו נישט געחלומט,
גײ זשע מ׳יר געזונט לשלום,
אויף דײַן פֿרײען װעג דעם שמאָלן,
הולכים, הולכים כל הנחלים
אל — הים.

☆

מײַן טרויעריקער ספֿר

אין שמאַטעס גײ איך,
איך, דער יומטובֿ׳דיקער.

בײַ אַלע טישן האָב איך דאָ אַװעקגעלײגט
מײַן טרויעריקן ספֿר.
און איך אַלײן גײ צו אַהין,
װען עס שטילן אײַן די סעודהס,
און עפֿן אויף זײַן טירל.

כ׳קוק זיך אײַן מיט שאַרפֿע אויגן:
אפֿשר װעל איך דאָרט דערזען
אַ הויִך פֿון אַ צװײטנס אָטעם,
אַ טריט פֿון עמיצנס פֿינגער.
קײנער איז דאָרט נישט געװען נאָך,
קײנער האָט זײַן שאָטן ניט געװיגט נאָך
איבער די פֿאַרשטילטע שורות.

און מײַנע לידער טוען זיך אַ כאַפּ
פֿון זײער גרינגן דרימל,

שטרעקן זיך צו מיר, ווי צו אַ פֿאָטער:
„וואָס לאָזטו אונז אַליין דאָ איבער
אין די גראַטעס פֿון די טאָוולען?
וואָס קומסטו אזוי זעלטן, זעלטן,
אויסרעדן מיט אונז אַ וואָרט אַ וואַרימס
אין דיינע איינזאַמע שעהן?

וואָס מאַכט דיין אומעטיקער פֿאַרטאָג,
און דיין פֿאַרנאַכט דיין מידער?
ווי זעט איצט אויס דיין סדומישע שטאָט?
לאָזט זי דיך זיך אויסבאַהאַלטן נאָך
הינטער איר שטיינערדיקער פֿאָלע?

☆

אַ קנעכט צו תּפֿילה און צו לידער

אַ קנעכט צו תּפֿילה און צו לידער —
אָ גאָט, באַפֿריי מיך פֿון זייער לאַסט,
אין אָט דער טרויעריקער נידער,
וואו אַלע קומען מיר צוגאַסט.

און נישט אויף לאַנג — איינער צום צווייטן,
דער טאָג רעשט אָפּ, די שעה דערנענט
דאָס גרייטן זיך אַרויסבאַגלייטן
אַן אייגענעם פֿון די פֿיר ווענט.

אין יענער שעה ווערן אַלע אייגן,
און וואָס ס׳איז פֿרעמד, פֿאַלט אָפּ, פֿאַרשווינדט.
מיר שטייען אומעטיק, געבויגן
ווי גראָזן אונטערן קאַלטן ווינט.

אָ, לייג מיר דיין גוטע האַנט אַנידער
אויף מיינע אַקסל, און זאָג מיר קלאָר,
אַז דו פֿאַרגיסט מיר די זינד פֿון לידער,
וואָס כ׳האָב פֿאַרשפּילט אין זיי די יאָר.

אַמאָל און כ׳זע זיי ווי די קאָרטן
צעוואָרפן איבער מיין נאַכטיקן טיש,
און דאָרט איבער די גאַסן, דאָרטן,
איז אַלץ געבליבן שלעכט און מיאוס.

פאַרטרייב מיך פון דיין לידער-גאָרטן,
רייס אויס פון מויל דאָס קלוגע וואָרט,
וואָס האָט זיין זילבער, זיין געקלאָרטן,
געטריפט גע׳חלבט איבער מיין באָרד.

און רייס אַראָפּ פון מיר די טאָגע
די נאַרישע און די נאַרישע קרוין,
און וואו דו ווילסט, פאַרטרייב, פאַריאָג מיך,
נישט וואָרט אויף מאָרגן, שפּעטער, — שוין!

נישקשה, כ׳וועל נישט פאַרפאַלן ווערן,
און זאָל די גראָ פון אַלע טעג
זיך לייגן אויף מיין וואָזשנעם שטערן,
ווי דער שטויב אונטער אַ וואָכיקער זעג.

וואָס זעגט אַ קלאָץ, אַ ברעט אַ ברייטע,
פאַר אַ שייער, כאַטע, צי אַ שטאַל.
די הויפנס זאַמד ווערן שוין פאַרשנייט דאָ,
סוף תשרי און עס ווערט שוין קאַלט,

און בוימער שטייען פינסטער-גראָע,
פאַרשטומט, אין זיך אַריינגעטאָן.
און דער שטילער אומעט האָט הנאה
פונם ווייטן, קאַלטן קריי פון האָן.

✡

ב י ז א ַ ה ע ר

ביז אַהער און אַביסל ווייטער
איז ער מיט מיר געגאַנגען, דער פאָטער גאָט.
ווי הימל ווערט נאָכן רעגן לויטער,
האָט ער געלייטערט אין ליד מיין וואָרט.

לעצטע לידער

הינטער מיר אַ בינטל טעג פון ניסיון,
הכנעה, געהאָרביקט שוין באַרג אַראָפּ.
אַ גראָער אָונט מיט אַ שאַל אַ גראָער.
דעקט מיר צו מיין אינגלשן, מידן קאָפּ.

איך וועל נאָך אפשר אין וועג באַגעגענען
אַ דערפל אַ לעצטס, זיך שטעלן אַ ווייל.
מיט נאָך אַ פּאָר שכנים אויף דער ערד זיך געזעגענען,
אַ דינער שמייכל אויף ברעם און מויל.

און וועל אַהינקומען, אַליין נישט אַנען,
וואו ס'האָט מיין געביין זיך אָפּגעשטעלט.
אָן אַ וואָרט: וואוהין? אָן אַ וואָרט: פונוואַנען?
זיך רוען לייגן ביי דער צווייטער זייט וועלט.

לעצטע לידער

אַהײם... אַהײם...

פאַריאָג מיך נישט, פאַרטרייב מיך נישט צו ווייט
פון שוועל פון מיינע אָרימע און אייגענע.
אַז איך זאָל קאָנען אויפהויבן מיין בליק נאָך ווען עס איז
און זען דעם וועג וואָס פירט דורך וויסט און שטויב
צום שטעג פון זייער שטוב, צום ברעג פון זייער טיש,
ווי אין עמק קאָרעץ דאָרט, וואו ס׳גייט די ערשטע זון אויף
אויפן יונגן הימל פון דער גרויסער וועלט.

און כ׳קום צו מיינע אייגענע — שוין דאָ אויף דער-וועלט ים,
די ברוקלין-שטאָט, וואו ס׳וואוינט מיין יונג-געוואָרענער שטאַם.
איך עס ביי זייער סעודה-טיש — מיין אייגן ברויט,
איך רעד אין זייער פריידיק הויזגעזינד — מיין אייגן וואָרט,
אין זייער וועלט בין איך מסתם אַן אָרימאַן פון גאָר אַן אַנדער וועלט,
זאָל זיין אַן אָרימאַן פון גאָר אַן אַנדער וועלט,
אַבי מ׳קען מיך אין דעמדאָזיקן הויז.

זיי טראַכטן וועגן מיר מסתמא: אַז אַ מענטש גייט אויפן לייטער הויך
און לאָזט די ברידער אינדערנידער הינטער זיך,
מעג זיין ווי בעטלעריש זיין קלייד, ווי קלאָגעדיק זיינע שיך,
מעג זיין זיין עלנטער געדאַנק אויף טויזנט ספקות קראַנק.
וואָס מאַכט עס אויס? אַבי אַ קרוב האָט ערגעץ אַ שוועל, אַ הויז,
און אין זיין הויז — אַ ווינקל, אַ געלעגער און אַ בעט.
מעג זיין ווי אָוונטיק, פאַרנאַכטיק, שפעט,
וועסטו זיך איילן וועג-אַראָפּ צו יענעם אָרט
ווי צו דעם טאַטן מיט דער גראָער באָרד, —
אַ—ה—יי—ם! אַ—ה—יי—ם!

☆

איך

דער טאָג איז גרויס — אַ פעלד, אַ וועלט.
און איך — אַ קלייניקער, אַ טרויעריקער,
פול מיט פחד און מיט נאַכט.
מסתמא, טראַכט איך, האָט מיין טאַטע

אויך דאָ ניט געשעפּט מיט פולע הענט,
וואָס די מינדסטע שעה האָט צו זיין שוועל אַנטקעגנגעבראַכט.
איך בין ווי ער. בין ער. אָן גליק.
און מיט דערוואַרטונג אויף אַ בייזן סוף.
בין ער — אָן אַ מאָרגנדיקן טאָג,
וואוהין אַלע קוקן אַרויף,
און האָפן אויף אַביסל שכר
פאַר גוטסטאָן עמיצן אַמאָל,
פאַר אָפּטרעטן צוריק פאַר עמיצן
אויף אַ סטעזשקע ענג און שמאָל.

איך בין נישט ריין פון זינד,
נאָר פאַר יעדן צער וואָס קומט,
און פרעסט מיך ווי אַ שוואַרצער פייער בלינד,
בלייב איך קינדערש און פאַרוואונדערט שטיין
און קאָן נישט פאַרשטיין —
נעם איך טראַכטן, בלעטערן,
זוך און זוך אין מיינע שורה׳ס —
פון יעדן טאָג אַ וואָרט פון ווידוי
וואָס כ׳האָב פאַרזען, פאַרהערט, —
שטייט ביי יעדן ליכטיקן אַריינגאַנג
אַ שומר
מיט אַ בלאַנקער שווערד.

שאַר איך זיך, שאַר־כ־זיך
מיט פחד און מיט נאַכט איבער מיין ערד.

דער טאָג איז אין זון און אַלע וועגן זיינען אָפן.
נאָר אין מיין בלוט ליגט אַזאַ פוילע עלנטקייט פאַרשלאָפן.
און מיינע אויגן זשמורען זיך אין אַזאַ מידער נעץ,
ווי אַלטע איינגעקאַרטשעטע קעץ.

☆

אַ הערבסטליד וועגן אַ זשוק מיט עפּאָליעטן...

...דיין צוזאָג און דיין יומטוב און דיין מאָרגן-ליכט
וועסטו שוין אָפּגעבן צו מיינע נאָכגעבליבענע.
מיין וואַסער-טרונק, מיין בלויען הימל-פונק, מיין ביסן ברויט,
פאַרביטער און פאַר׳סם, פאַרוואָלקן און פאַרגרוי.

נאָר פאַר די קינדער מיינע רייף די וויינען,
פאַר זיי קלאָר אויס די פענסטער פון די שטיבער.
די אינדערפריען ווי די ברייטע טאָגיקע טייכן שיינען,
ווען דער יונגער זומער גייט די בריק אַריבער,
און זעצט זיך וועבן צוויט אויף אונזערע בוימערצווייגן.
און שפּעטער, שפּעטער,
ווערן אַלע זייערע שויבן אָנגעזעצט מיט קינדער.
דער ווינטער האָט די שטיבער-נעסטן אויסגעוואַרימט.
איך איינער, מיט מיין פריער עלטער געאָרעמט,
גיי נאָך מיטן וויכן גראָען שאַל אַרומגעהילט;
בין קראַנק פון פריער, צו-פריער מידקייט.
זיי מילד מיט מיין געהאָרביקט לייב, אָ גאָט, זיי גוט
צום טרויעריקן מורמל פון מיין זיך-לעשנדיק בלוט.

איך חלום שוין אפילו נישט דעם טרויעריקן נעכטן-חלום,
די וואָר דערלאַנגט מיר איר דינע דאַרע האַנט,
איר ציטערדיקן, וואַרימען זון-גלעט איבער דער וואַנט,
און — קיין זכרונות וויל איך שוין ניט.
דאָס שטיקל אָרט ביים טאָג-שויב איז מיר די והותר.
אַמאָל, אַמאָל, — נעמט וועבן מיר מיין דמיון, —
האָב איך דערזען אונטערן טרעפּ פון שטוב, אָ רויטן זשוק, אַ קייסער,
האָט אים דער זומער אָנגעטאָן גאָלד-רויטע עפּאָליעטן,
געפּאַרבט די פליגל גריך, די וואָנצעס מיט אַ געל אָ פעטן — — —
נאָר די חדשים זומער, וויסט איר דאָך, קאָלעגן,
נעמען בליאַקעווען, און דער סעפּטעמבער שטורצט מיט בלוט,
איז איינמאָל, אין אַן אינדערפרי, אין דער קילער לופט
דער זשוק אַרויסגעקראָכן דורך אַ דאַרן שפּאַלט,
פאַרלאָשן, שווער און אימה׳דיק אַלט,

די פוילע נאַסקייט האָט געמשאַ׳ט אויף זיין רוקן,
די פליגל אָפּגעקראָכן — און אַן אבל׳דיק אַראָפּגעלאָזטע נאָז,
און כ׳האָב באַגלייט דעם שלאַבעריקן, קריכנדיקן מלך
צו זיין באַהעלטעניש אונטערן נאַסן קאַלטן גראָז.
ער איז געקראָכן שטאַרבן, אַ פאַרשעמטער און אַ שטומער.

☆

דו אַלט און מיד קלוג לעבן

דו אַלט און מיד קלוג לעבן,
דו זאַלבסט מיט דיין האַנט דיין וואַרימער
מיין קאָפּ — צו דער ערד געבויגן.
באַשטעקסט מיין קרוין מיט פעדערן,
מיט ביטער-ריטער און מיט דאַרע דערנער.
פירסט מיך איבער די דרכי-עלנט,
וויסטע שטיבער מיט טויטע שוועלן,
און דו רופסט מיך נאָך אַלץ געבענטשטער.
דו ברענגסט מיך צו אַ הויף, צו אַ טויער,
און ווייזט מיר אויף אַן אָרט לעבן פאַרקאַן:
דאָ וועט דיין געביין טאָן רוען.
דאָ וועט קיין בוים נישט וואַקסן,
קיין אורח מיט אַ וואָגל-שטעקן
וועט נישט אָנלענען זיין מידן אָרעם
אויף דעם געבויגענעם מצבה-אַקסל.
און דו רופסט מיך נאָך אַלץ: געבענטשטער.

☆

עס רוקן אָפּ זיך קאַלט פון מיינע אויגן

עס רוקן אָפּ זיך קאַלט פון מיינע אויגן
די וואונדער פון דער וועלט.
דיזעלבע גרויסע זון ווי אַלע טאָג,
דיזעלבע מענטשן, קינדער.
די צייט איז אייביק יונג
און שפּילט איר גרין-געזאַנג אויף בוים און לאָן.

דערזעלבער גוטער תמים, דער אָרימאַן,
וואָס קומט צו מיר מיט טענות צו דער וועלט
און גייט אַפּ שמייכלדיק און מילד,
אַ וואָרט מיינס האָט אים איינגעשטילט.
איז דאַכט זיך נאָך אַביסל גוט דאָ אויף דער ערד.
נאָר איך בין עפּעס אויף אַן אמת שוין נישט הי.
ווי שפּינוועבדיק מיין אינדערפרי,
ווי אַשיק גראָ און מיד דאָ מיין פּאַרנאַכט.
מיין טאָג — אַ ליידיק הויז,
איך דריי זיך אומהיימלעך אין אים אַרום.
וואָס בין איך דאָ, נאָכאַלעמען?
אַ צופעליק-געראַטעוועטער איד.
מיט וויניק קרובהשאַפט צו וועמען ס׳איז.
אין שעה פון גרויס-פאַראומערטקייט,
שטיי איך ווי אויף די קני פאַר די געקומענע פון מיין געביין;
פאַרוואָס פאַרלאָזט איר מיך נאָך ניט?
איר האָט אַן אָפן פּנים דאָך פאַר גאָט און לייט.
דער ברייטער וועג צו אַלע חסדים פון דער ערד
איז אָפן דאָ פאַר אייך,
אזוי־אַ דאַכט זיך מיר.
פאַר מיר האָט אַלץ שוין אָפּגעשריגן,
אָפּגעטומלט, אָפּגעשפּילט.
דאָס איינציקע וואָס איז נאָך אַלץ ניט איינגעשטילט,
איז נאָר אַ נאַרישלעכער ווייטיק אין געדאַנק,
און דאָס האַרץ גיט נאָך דעם מינדסטן קלאַנג,
וואָס די מחשבה קרענקלט זיך.
ווייטער טוט שוין גאָרנישט באַנג.

איינעמס לעבן לעשט זיך ווי אַ גרויסע רויטע זון,
אַן אַנדערנס ווי אַ מנורה אין גאָטס הייליק הויז,
אַ דריטנס ווי אַן איינגעפאַלן חורבה-הויז —
די האַלעוועשקעס רויכערן נאָך צו אַ טאָג צי צוויי.
ס׳אַ גראָע צייט, די הימלען קאַלטער בליי.
היינט-מאָרגן וועט זיך וויזן אין דער לופט
אַ גאַסט — אַן אומעטיקער שניי.

זיי גרייט אויף דער שעה דער בייזער

ניין, נישט תמיד, מיין זון יעקב יצחק,
קאָן אַ דיכטער פון זיך מאַכן לידער.
פאַראַן אַ כוח וואָס וואַרפט דיך אַנידער
אין אַזעלכענע בראַנדן אוןליידן,
אַז דו קאָנסט נישט אַ פּאַסיקל לייב
פון דיין לעבן פאַר אַ שורה אָפּשניידן,
און די פּיין גריזשעט שטום דיין געביין.
דו ביזט לעבן, ביזט בלוט און ביזט טרויער,
נאָר פינסטער און בלינד ווי אַ שטיין.

ווען דער דאָזיקער פּיין נעמט אַרונטער
פון דיין ליפּ און דיין אויג די קייט,
קומט דאָס וואָרט אינם דימענט פון וואונדער
אין דער גוטסקייט, געשמאַקקייט, ווי ברויט.
און הימל און ערד ווערן חבר,
און דו מיט זיך אויך — אויף ווי לאַנג ?
ביז דער ביטערער גיפטיקער זשאַווער
פון יאוש, פאַרענגט און פאַרוויקלט
דיין לעבן אזוי ווי אַ שלאַנג.

נאָר זיין גרייט אויף דער שעה דער בייזער,
וואָס פאַרהאַקט הינטער זיך שוין די טיר.
נישט דאָס וואָרט, נישט קיין אַנדער דערלייזער
דערלאָזט עס נישט צוגיין צו דיר —
חוץ די אייביקע פּסוקים פון ווידוי,
נישט געענדערט קיין וואָרט און קיין אות.
פאַר די לעצטע מלבושים פון לייוונט
רייסט מען פראָסטע פון דער ווייסער פּאָלע,
מען מעסט נישט, מען נעמט נישט קיין מאָס.

און אייביק איז דער אל מלא רחמים,
און דער נוסח — ווער ווייסט ווער עס האָט
אים ביי וועמען געהערט און גענומען.
מסתמא ביי יענעם געיאָגטן,

וואָס ליגט אויף די טרעפּ אויף די האַרטע
וואָס פירן — אַרונטער-צו גאָט.
ער וואַרט און דערוואַרט זיך נישט קיינמאָל,
ער האָפט און דערהאָפט נישט די שעה,
און מורמלט צו זיך אין די ליפּן
נישט וואָרט און נישט אות — שברי נוסח
ווי די שערבלעך אין ליד מיינעם דאָ.

☆

דאָס לאָגל פון מיין וואָרט

האָלטסט יעדער פּרי אין איר שאָל,
און זאָפט ווערט פונם שיינעם צוויט.
טריפסט אָן דיין זון און ווייַן און האָניק
אין לאָגל פון מיין וואָרט און ליד.

די לידער לייטערן און שטאַרקן,
און נעמען פון מיין קאָפּ אַראָפּ
די קרוין פון דערנער און זיי מעקן
דעם קרומען צלם-צייכן אָפּ

פון מיינע שוועלן, און די מורא
טרעט פון מיין ווינקל וועלט ארויס.
דעם נאַר וואָס ליידט אין מיר פון שפלות,
פאַרזיכער איך, אַז ער איז גרויס,

און אַז זיין חכמה שפּאַרט שוין אָנעט
אַוואו די וועלט האָט נאַר אַ ברעג.
און ס׳שטייען דאָרט פאַר אים און וואַרטן
די אייביקסטע, ד יונגסטע טעג.

זאָל היינט און מאָרגן נאָר איבערלויפן,
עס וועט נישט נעמען זייער לאַנג.
געוויס נישט לענגער ווי פון ברונעם
ביז צו דעם שפּיץ פון ברונעם-שטאַנג.

דער ניגון

איך ווייס נישט פונוואַנען און פון ווי ווייט
דער ניגון איז צו מיין ענג לעבן געקומען
און האָט מיך געבענטשט און באַפרייט
און אויך מיך געפאַנגען גענומען.

האָט אַ שטויס געטאָן ווי מיטן פוס
די וועלט פון אַצינד און פאַרשליידערט,
און איך לעב אין אַן אַנדער מין זכות
און טראָג נאָר ניו־יאָרקישע קליידער.

כ׳קוק מיט בענקשאַפט אַ דורכגייער נאָך
מיט אַ טונקעלער, לאַנגער קאַפּאָטע;
כ׳רייס אַ רגע זיך אויס פון מיין וואָך,
הער דעם שאָרך פון אַ זיידענעם שאָטן.

ס׳ווילט זיך נאָכטרעטן שטיל, טריט ביי טריט,
און מיט אים אין זיין טיר־שוועל אַריינגיין,
איך גלויב טיף, אַז אויך דאָרט ווערט פאַרהיט
פאַר מיר אויך אַ פּאָר הימלעכע קלאַנגען

פון אַ וואָרט וואָס איך זוך דאָ אַרום
און וועל עס נישט קיינמאָל געפינען.
בלויז נאָכגיין אַ וועלט וואָס איז פרום,
איר שאָרך און איר שאָטן נאָר דינען.

☆

אַ גוטער סוף

יאָ, יעדע זאַך האָט אַ גוטן סוף,
ווייל דער סוף אַליין איז גוט.
מיין שטילער פּרינץ אין ווייסן קלייד,
אין שנייאיק־ווייסן הוט.

דיין קליין געזיכט האָט איינגערוט,
און מיר ווערט רואיק דערפון.

אזוי ווערט שטיל אויף אַ ווייטן פעלד,
ווען עס פאַרגייט די זון.

ס'ווערט קיל, אודאי ווערט עס קיל,
עס ציטערט גראָז און שטרוי.
ס'איז אין האַרבסט, און ביטער איז
יעדער קאַלטער טראָפּן טוי.

נאָר עס רוט איין אי גראָז, אי בלאַט,
אזוי רוט שטיל און מילד
דיין מידער גוף, ווי אַ גאַנצע וועלט
וואָלט מיט אים איינגעשטילט,

און דיר פאַרטרויט אַ גוטן סוד,
און האָסט אַ לעצטן מאָל
געשאָקלט רואיק מיטן קאָפּ,
ווען דו האָסט געהערט איר קול.

☆

כ׳בין גרייט

דו האַלטסט אין דיין האַנט מיין גורל.
וואָס וועסטו מיר, אָרימער גאָט פון דער ערד,
אויף מאָרגן באַפעלן?
אויף וואָגל? אויף שוועלן?
איך בין גרייט,
און איך ווייס —
איך בין דיין אינגל,
דיין איינציקער,
דער, וואָס דו האָסט אים נאָך ליב.
און כ׳בין גרייט.

פ אַ ר ה אַ ל ט . . .

פאַרהאַלט מיין רודף׳ער אינמיטן בלינדן שוואונג,
לעש אָפּ די בראַנד פון זיין פאַרשיוון צונג.
אינמיטן נאַכט האָט ער צעוואָיעט און צעבילט זיך שטאַרק
און מיט אים אַלע נאַכט-הינט פונם אַלטן מאַרק.
איך האָב זיי קיינמאָל גאָרנישט אָנגעזען דאָ פאַר מיין אויג.
אזוי איז שוין דער דרך דאָ פון הונט און צויג.
אזוי ליגט איטלעכער דאָ איינגעגליווערט ביי זיין ביין,
רוט אָפּ די זשעדנע ציין אַ רגע און היט נאָר זיך אַליין.
נאָר ווי ער הערט פון ווייט ערגעץ אַ הינטיש קול,
צעבילט ער זיך, בילט-מיט מיט אַלע כלבים פונם טאָל.
און איבערן הימל-שליאַך שפּאַנט די לבנה קלאָר און וואַך
און שפּרייט איר רו און זילבער איבער בוים און דאַך.
די וועלט שלאָפט שטיל און גאַנץ מיט זיך און אַלץ איז אויף אַן אָרט.
הער ווי זילבעריק־דין דער שטערן-וואָגן איבערן הימל פאָרט.

ל ו י ב ן - ל י י ב ן

קריגט זיך אַלץ מיט מיר דער גלויבן,
און איך בעט זיך מיט אים איבער.
נאָך דער שווערער, בייזער אימה
ווערט דער טאָג נאָך ליבער, ליבער.

ס׳האַלט נישט אָן צו-לאַנג, — דער יאוש
קריכט דורך ווענט און דורך שפּאַרונעס.
זעצט זיך צו לעבן דיר דיין שאָטן
און ער רעדט מיט דיר רחמנות:

האָב איך דיך דען נישט געוואָרנט:
גיי נישט מער די שוועל אַריבער?
קאָן איך דען פאַר דיר פאַרלויפן
אַלע שטרויכלען, אַלע גריבער?

ס׳איז נישטאָ שוין וועמען זען דאָרט,
קיינער וויל זיך נישט דערמאָנען.
זייער געבן איז — נדבה,
נישט קיין חוב — ווי דו טוסט מאָנען.

אַלע האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן
זייערע שולדיקייטן, חובות,
און פאַרגרייט זיך גאָלדענע לויבן
אויף די מירמלנע מצבות.

ווער וועט וואָגן מיט אַ פינגער
אויף אַ טעות דאָרטן ווייזן?
ביי די זייטן שטייען לייבן, —
גרייט אויף שטיקער דיך צעררייסן.

☆

קליין־הילף

כ׳וויל קאַרגע הילף ביי דיר,
בין שוין סייווי געבויגן.
אין קאַלטן עלנט ליגט מיין טיר,
מיין ליפּ — אין קילן שווייגן.
כ׳בלעטער נאָר מיט מיינע אויגן
שטיל־שטיל ווי דער שאָרך פון דינסטן זייד
די שורות פון מיין גינגאָלדענער צייט,
ווען ס׳האָט אַ יונגער גלויבן אויפגעהויבן
מיין דערשלאָגן וואָרט פון נידער.
נאָר היינט איז נישט געבליבן וואו זיך ווענדן,
חוץ אין שאָטנדיקן היימווינקל פון לידער.
פאַר די וואָס גיבן זיך אַוועק דעם טומלדיקן מזל
איז דאָ אַ קלויסטער און אַ קלויז
אין דער שבת־זונטיקדיקער גאַס ארויס.
איך רוף מיין זונטיק־שעה פון מיטן מיטוואָך, מאָנטיק,
און גיי דעם טומל דורך ווי אַ גרינגער ווינט ביי דר׳ערד.
פאַרוואָסזשע איז מיין לייב פאַרצערט?

וואָלקן-אומעט אויף מיין שטערן?
אזוי האָב איך געוואָלט, אזוי האָב איך באַוווערט
מיין טרויעריק ביסל דלות׳דיק באַשערט.
פון דיר וויל איך נאָר קליינע, קאַרגע הילף
אין רגע׳ס וואָס באַשווערן מיך זיך ווערן,
ווען עס לאָזן זיך די הענט מיינע אַראָפּ,
און פון די לעצטע שוועלן רופט די סאַמע לעצטע,
די סאַמע לעצטע בלינדע שוועל.

☆

סוף־כל־סוף

איך חלום: סוף כל סוף וועט טרעפן
און ס׳וועט דער מאָרגנדיקער עול
שטיין לאַנג און וואַרטן אויף מיינע טרעפּלעך
און האַוקען, בילן אַן אַ קול.

און איך — דעם קאָפּ צום וואַנט פאַרנורעט,
איך הער נישט מער, איך שלאָף און רו.
דער רשע שרייט ערגעץ און וואָרנט,
איך הער, נאָר כ׳ווייס סיי ווי נישט וואו.

איך הער און — הער־שוין־אויף צו הערן,
און — הויך האָט זיך אַוועקגעשטעלט
אַ ווייסער שטיין איבער מיין שטערן, —
די בלינדע גרענעץ פון מיין וועלט.

☆

קיל און ווייס

און כ׳וועל זיך אויסקערעווען מיטן פּנים צו דער וואַנט
אַ רואיקער — וואָס איך בין סוף־כל־סוף געבליבן וואָס איך בין.
אפילו אין מיין קלאַפּן אין דער וואַנט מיט בייזער קעגן גאָט
אויפן ענגן שיידוועג פון דער תקופה,
וואו מיר האָבן זיך צעווערטלטביידע

און איטלעכער — אויף אַן אַנדער שטעג כלומרשט.
איך — מיט גאָר דער קאַריצער וועלט און חורבן
און אַלע מײַנע גליד-און חושים.
און ער — נאָך מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ,
מיט דער גדלות־מינע אויפן הויכן שטערן,
ווען ער האָט אויסגעשייגעצט איובן ער זאָל ניט שרייען
און נישט טענהן צו די וויסטע הענט און פּיס.
איך וועל צופרידנזיין וואָס איך גיי־אָפּ פונדאַנען
אַ קריגערישער, אויפגערעגטער איד,
וואָס איז דאָ דורכגעגאַנגען האַלב אַ פרעמדער,
אין די נאַאיווע טעג געפירט חשבונות מיטן גורל,
אַ כליפּ-געטאָן אויף טיפע קריוודעס,
שפּעטער — טרויריק-קלוג פאַרשוויגן.
האָב אומעטום אַ שטעג צוריק צו גאָט געפונען,
פון הינטער וועגט און וויסטן עלנט זיין קול געהערט,
און תרעומות פון זיינע קנעכט מיט די טאַטעדיקע בערד
אויף אומזין — וואו ער האָט זיי אויסגעשטעלט.
און כ׳בין געוואָרן דער ווייטסטער, זייטיקסטער אויף דער
ברייטער וועלט.
און אין דער לעצטער שעה, ביי דער קאַלטער וואַנט,
מיין לעבן גייט פאַמעלעך, טריט ביי טריט, אַוועק פון מיר,
און ווייס און קאַלט בלייבט ליגן מיין קליינע האַנט.

✡

וועלט

אַ, אייביק-יונגע שיינהייט, וועלט,
איך הויב דיך דאַכט זיך אָן פאַרשפּילן.
רופסט מיך מער שוין נישט מיט פינקלענדיקע נעמען,
קלינגסט נישט מער מיט זילבערן-גאָלדענע שליסלען
אין אויער מיר — צו דיינע אוצרות.
דו דאַרפסט מיך מער נישט האָבן.

און איך קום אַלץ נענטער צו דיינע צוגעמאַכטע טיר־און-טויער,
נישט קיין פאַרליבטער אפשר מער, נישט קיין פאַרגלויבטער.

פאַרעקשנט נאָר און שטאָלץ — נישט צולאָזן די מידע שעה,
ניט שלום-מאַכן מיטן גראָען דערוויש — מיטן לאַנגווייל —
דערציילן זיך די אַלט-אַראַבישע אגדות,
ווען די עלטער גמזו׳ט.

כ׳קאָן אויסקומען שוין אויך אָן תהילים באַלד.
צו וואָס זיך צוזינגען ווי אַ וויסטער נאַר
צום גאַנג-אַראָפּ פון לעצטע טעג און וועגן,
צום ברעג פון צאַנקענדיקע גרעניצן,
צום דומם פון דער צייט, וואו אַלץ בלייבט שטאַרן טויט,
ווי די קאַלטע ווייסלען אין אַ בלינדנס אויג.

☆

אפשר?

אפשר הערלעכער גאָר: נישט פאַרזינגען די גראָ.
נעם אַרונטער פון וואַכיקן טיש די מנורה.
וואָס ס׳איז דאָ, דאָס איז דאָ, וואָס נישטאָ — איז נישטאָ.
און בלייבן מיט זיך? האָסט פאַר זיך אַליין מורא?

דיר ברענגען אַ קלעזמער מיט אַ זילבער-קלאַרנעט?
צי אפשר דעם פידל פון דוד המלך?
דו שרעקסט זיך פאַר אָוונט, פאַר ערב, פאַר שפּעט.
דו מיינסט אויף אָן אמת, אַז אונז פאַסט נאָך אַ שבת?
אַז אונז פאַסט נאָך אַ יומטוב? אַ שענערער הולך?

דיר חלומט זיך אַלץ נאָך אַ שבת מיט רו,
מיר האָבן אים לאַנג שוין אין וועג אָנגעוואָרן.
דער נביא פון גאַס — דער פּאָעט, זאָגט אונז צו —
מיר וועלן אים אפשר געפינען, באַגעגענען וואו,
איך ווייס בעסער פון אים, אַז ניט איך און ניט דו
וועלן אַהין נישט דערגיין, ניט דערפאָרן.
מיר טאָרן אַהין נישט דערגיין, נישט דערפאָרן.

ווי אַזוי?

ווי אזוי זאָל איך אָפּריכטן איצט מיין געבעט
און וואָס קאָן איך באַגערן פון דיר?
זאָלסט נעמען אַ האַק אין דיין גערעכטער האַנט,
און פירן נקמה און משפט פאַר מיר, פאַר מיין קינד,
פאַר מיין אויסגערויבט הויז, פאַרן ליידיקן טאָג
וואָס קוקט מיט אַן אָפענער זון אין מיין שויב,
און איז בלינד, און איז בלינד, און איז בלינד.

און וואָס קאָנסטו טאָן? ווידער עפענען קריג?
און אויפמאָנען, מאָנען אַ קאָפּ פאַר אַ קאָפּ?
אַן אויג פאַר אַן אויג? אַ צאָן פאַר אַ צאָן?
אַ קינד פאַר אַ קינד? אַ גרייז פאַר אַ גרייז?
און רופן די עדות — ווער איז דען נאָך דאָ?
וועסט רופן פון זייערע לעכער די מייז,
פון דעם פינסטערן וואַלדווילד די קראָ.
זיי האָבן געקוקט און זיי האָבן געזען,
און — האָסטו דען אַליין נישט געזען?

☆

געבוג

לאָז מיין לעבן אָפּ פון אומרו,
מאַך אים ליב זיין שטוב, זיין שעה.
אַלע גרויסקייטן און וואונדער,
שוין קיין שפור פון זיי נישטאָ.

די געבענטשטע בעלי־מזל
האָבן אויסגעכאַפּט שוין אַלץ.
ווידער מוז זיין ליב און טייער
ס׳קאַרגע קרישל ברויט מיט זאַלץ.

נו, פאַרגין זיי, די געבענטשטע,
האָבן עס די ווערט מסתם.
שוין מסתמא אַלט, צעברעכלעך
אונזער אָפּשטאַם, אונזער שטאַם.

ס׳טועז ווי אונז טויזנט זאַכן
און צו קלאָגן זיך — פֿאַר וועם?
און אויף וואָס? אויף די השגות,
אין אַ שטילערן פֿאַרנעם?

צו וואָס זיך אַליין פֿאַרשעמען?
ס׳איז נישט גוט און ס׳איז נישט קלוג.
דו געדענקסט דעם זיידן שלום,
מיט זיין פרום־שמייכל: גענוג.

וואָס די ליבע באָבע פערל
האָט אים נאָר דערלאַנגט צום טיש,
האָט ער נאָר אַ קוק געגעבן
און געקוויקט זיך: גוט און זיס.

ס׳קלענסטע און דער קאַרגסטער ביסן
האָט אים באַלד געזעטיקט, זאָט:
פערל טייערע, צופיל צופיל,
גיסט מיר צופיל נאָך די שמד.

איז גאָר וואויל זיך צו דערמאָנען
אָט דעם חסד און דעם חן.
ווי די אמת־גרויסע שיינקייט
האַלט זיך פונדערוויטנס, קליין.

דאָס אַליין איז אַ דערשטאַרקונג
אין די טעג פון אונזער צייט,
ווען דער נאָענטסטער אפילו,
האַלט זיך פרעמד און האַלט זיך ווייט.

גיט נאָר קרום דעם קאָפּ אַ שאָקל,
הויבט נישט אויף אויף אונז זיין בליק,
און אַרום די גאַסן, שטיבער,
קוקן פרעמד און אומעטיק.

אַ איד

די חברים מײַנע — שוין אַלע זײַנען זײ
אויף עראָפּלאַנען הויך-הויך געפלויגן.
האָבן דורכגעמאָסטן אין אײן אָטעם
דעם בלאָען ברייטן הימלבויגן.

אין מאָנטרעאָל געגעסן פרישטיק,
און אין ניו-יאָרק פאַרטרונקען קאַווע.
אוודאי איז דאָס שיין און גרויסאַרטיק,
און אפשר וואונדערלעך און טשיקאווע.

נאָר איך בין גרייט אָט-די הנאה
נאָך אַלץ פאַרפעלן און אין טעג פון רעגנס
ביים פענסטער זיצן און נאָכקלערן
פון אַלטע קרעטשמעס אונטערוועגס.

און פון אַ פולער בויד מיט חסידים,
וואָס זײַנען שפּעט אַהין פאַרפאָרן.
אַ פראָסטער מיטוואָך, אַ פּראָסטע קרעטשמע, —
אַ פּאַלאַץ איז פון איר געוואָרן.

און וואָס ביי יענעם טיש ביים לאַנגן
אָט זיך אַנטפּלעקט דער קליינער עדה,
איז ווי מען וואָלט אַ נאַכט אַ גאַנצע
געווען אין פּרוזדור פון גן־עדן.

די תורה׳ס, די אגדות אַלע
איז שפּעטער שווער געווען געדענקען.
נאָר ס׳איז געבליבן אויפן דנאָ פון האַרצן
אַ גרויס און הייליק-אייביק בענקען.

עס שטרעקן זיך די הענט קיין מזרח,
עס שטרעקן זיך די הענט קיין מערב.
דו ביזט אין אייביקן אונטערוועגס
און ס׳האַרץ — דאָס האַרץ איז אין מיקאַרעוו.

געוויס איז אַלץ שוין דאָרט פאַרלאָרן,
קיין זכר-לחורבן — אויך ניטאָ־שוין.

דאָס איינציקע בלאַט פון נאָכן מבול
איז נאָר אַ בלעטל אידיש לשון.

איז מאי קא משמע לן, דאָס בלעטל —
וואָס לאָזט דאָס בלעטל מיך צו הערן?
אינמיטן וועג איז אַ בוים געשטאַנען,
אינמיטן זועג האָט געפינקלט אַ שטערן.

דער בוים שטייט אַלץ נאָך אויפן אָרט דאָרט,
דער שטערן הענגט נאָך אויף זיין צווייגל
און פינקלט פרעמד איבער די וועגן,
און פרעמד — דער בוים שטייט איינגעבויגן.

אַ בוים אַ אידישער — געבליבן
צו אָפּריכטן דאָרט אייביקן גלות
און בענקען נאָכן אידן וואָס וואָגלט,
שוין אַ תחום־שבת ווייט פון גלות.

☆

נ י ש ט ק ל אָ ג ז י ך

אַז מיך האָט אַ קליינע שטאָט געבאָרן
איז דאָס מיין יחוס און מיין שטאָלץ;
איך זע אַ גאַנצקייט — אַז דער ארון
פון לעצטער רו איז פשוט האָלץ;

און פשוט האָלץ אויך די מצבה
איבערן אייביקן בערגל ערד;
און האָלץ דאָס הויז, וואו מיין מה־טובו
האָט פרום דער באַלקן צוגעהערט.

אָ לעבן נידריק מיינס, ניט טענה,
נישט קלאָג זיך, ס'איז דיר גוט געגוג
און לויט דעם זכות, די כוחות דיינע,
ביזטו שוין, דאַכט זיך, צופיל קלוג,

און גיסט זיך צו גיך שוין אַן עצה
אין אַן עת צרה, און דו זעסט

זי זאָל נישט טרייסלען, נישט צערייצן
די וועגטלעך פון דיין דאַרן נעסט.

און ווינטער טראָגסטו וואַרימע בגדים,
און זומער זוכסטו זיך שוין אויס
אַ שוץ פון היץ, אַ שטילן שאָטן,
און ווי עס איז נאָך וואַקסן אויס

די לידער דיינע אויך געראָטן —
צו שלימות איז נישטאָ קיין ברעג,
דורך זייערע שורות, ווי דורך לאָדן,
דערשטראַלן צו דיר יענע טעג,

וואָס האָבן כלומרשט יונג געשמייכלט
איינמאָל אַ יובל. נאָר ס'זעט אויס,
אַז ס'איז פאַראַן אַן איידעלער שכל
אין אַלץ, אין אַלץ צייט־איין, צייט-אויס,

און דאָס וואָס גייט אַוועק אין אומעט
קומט דיר צו חלום פון זייער ווייט
און צינדט אין לידער אַ נר תמיד.
וואָס ווילסטו נאָך? אין אַזאַ צייט,

ביי אַזאַ וועלט — איז די והותר
און אפשר נאָך צופיל פאַר דיר.
איז הער מיך אויס, ווי איך בין גוזר:
דיין שאָטן און דיין שוועל און טיר

זיינען געגנוג פאַר דיינעט וועגן
און קלאָג זיך ניט, און זיין זאָל שטיל.
און הער אויף וואַרטן, און הער אויף פרעגן
דעם הערבסטיקן רעגן: וואָס איז דער ציל?

☆

היט אָפּ אין מיר...

היט אָפּ אין מיר ס'געזאַנג
וואָס האָט זיך אין מיין לייב אַריינגעזונגען,

וועלן אינדערפרי זיינען אין פרישן טוי
געשטאַנען קוואַלנדיק און בלוי די שויבן.
און איך וועל היינט אפילו גלויבן,
נאָכדעם ווי דו האָסט צעבראָכן
אַלע וואונדערלעכע, גינגאָלדענע כלים:
דעם שלאַנקן בעכער פון בטחון,
דעם פילקאָלירנדיקן קרוג פון האָפנונג.
שווער אַוועקצוזעצן זיך שוין ווי אַמאָל
אין ראָד פון נאָענטע און זיך דערציילן
מיט דער פולער, זינגענדיקער תמימות
אַ קאַפּיטל חומש, אַ פּאָר פסוקים עמוס
און אַריבערגיין צו דער נעימות
פונם בראַצלאַווערס אַן אייביק ווערטל
און אַ משל צום געזאַנג פון די לויים,
וועגן תפילת טל און וועגן שווער-ענויים
און דעם אימהדיקן וויסטן וואַך-זיין
און יסורי-נפש ביטערע בלילות
און די טרייסט וואָס ליגט אין ספר איוב.
און וועגן זיך אַליין, ווי ער איז תמיד
במחשבה נאָר אין דער מסיבה פון עניים,
אַליין אַ בעטלער און זיין עדה — בעטלער.
מתקן זיין די וועלט? ווער האָט דען אַזאַ כוח?
ווער האָט דען אַזאַ זכות? ס'איז דאָ גענוג
מתקן זיין אַ דאַרן וואָכעדיקן מיטוואָך,
און רואיק מיט אַ ריינעם דמיון
און מיט ריינע טריט אַרויפטרעטן צום בעט
און רואיק קאָנען צוטוליען די ברעמען
מיט געבעט פאַר גאָט דאָ אויפן שמאָלן וועגל
צווישן טויט און לעבן.

✡

מיינע לידער

איך זאָג אַזוי צו מיינע לידער:
איר זענט געווען מיר ברידער

און טאַטע־מאַמע, און היים און אייגן.
אַן אַנלען פאַר מיין מיד־מיד לייב,
און רו איבער די ברעמען פון מיינע אויגן,
און שומרים אינם חלל פון מיין שרעק,
ווען כ׳האָב זיך אומגעקוקט אַרום זיך
און דאָרט קיינעם נישט געזען, קיין שאָטן,
און שיער נישט אָנגעוואָרן זיך אין שאָדן
פון אַ פאַרשפּילטער, אָנגעוואָרענער וועלט.
האָט אין מיר, קרובים טובים מיינע,
אַ וויי-געטאָן, ווי אַ פרישער ווינט
אין פּנים און געמורמלט: אינגל,
ווי לאַנג וועסטו נאָך זיין אַ אינגל?
איז דיר דען נישט גענוג די ריינקייט פונם הימל,
די ברייטקייט און די רחבות פונם עלנט?
וואָס דאַרפסטו און ווער דאַרף דען צו דיר קומען,
ווי פּאַסט עס דיר זיך שרעקן ווי דער קוידענאָווער רייזען?
דיין איידעלער און פרידלעכער בן עיר,
ר׳ פּנחס קאַריצער, האָט גאָר אַן אַנדער בליק,
אַן אַנדער מין געמיט געהאַט צו אָט די זאַכן,
און דאָס אַליין זיין איז געווען ביי אים אַזאַ דורכזיכטיקס,
וואָס לייטערט און וואָס שטאַרקט און שפּילט
ניגונים פון גאָר אַן אַנדער חדווה.

☆

באַהיט מיין ליד

באַהיט מיין ליד פון פּוסטן אָנשטעל,
אַז פון מיין איטלעך אות און וואָרט,
זאָל זיך אַרויסשטילן די פּשטות
אַז כ׳קום אַרויס פון אַן אָרעם אָרט.

און ס׳ליגט אין טאָל ערגעץ מיין יחוס
און גאוהט זיך נישט באַרג-אַרויף.
מיר האָבן געוואוינט אין אַ זאַמדיק הויפל,
נישט אין קיין ברייטן, גרינעם הויף.

און דער שינדל־דאַך פון אונזער כאַטע
איז געווען שוין אָפּגעבליאַקעט און געל;
און אויסגעטראָטן, און אָפּגעריבן
די שוועל, די פּאָדקאָוועביים שוועל.

קיין גאַסט אין חשובער הלבשה
האָט קיינמאָל נישט אַריינגעשמעקט
אין אונזער שטוב, און דער טיש דער שווערער
איז שבת נאָר געווען פאַרדעקט

מיט אַ האַרטן לייוונטענעם טישטוך,
און פראַנזן שווערע, ווי די שטריק.
נאָר די איידלקייט אַליין, די פרומקייט,
איז געווען די עלנטע, די ציג.

פלעגט אויף די הינטערפיס זיך שטעלן
אַריינקוקן אין פענסטער אַריין,
אַ מעקע טאָן, צי מעג זי אפשר
אין שטוב אַ ווייל אַריינצוגיין.

און אַז מ׳האָט איר נישט געענטפערט,
האָט זי צוריק זיך ביי דער וואַנט
אַוועקגעלייגט און אונטערן בערדל
איר פּאָדערפּיסל, ווי אַ האַנט

פון אַ פילאָזאָף אין טיפן טראַכטן.
און איך האָב זיך פאַרקוקט אויף איר.
צו וואָס זיך שעמען? — דעם ערשטן איינפלוס
האָט זי געוויס געהאַט אויף מיר.

געבענטשט זאָל זיין איר שטילער זכר,
ווער ווייס וואו ס׳איז איר שיין געביין
אַהינגעקומען — און אין איר אָנדענק
דערמאָן נאָר אפשר איך אַליין.

כ׳וועל אָנצינדן נאָך איר אַ יאָרצייט,
זיך זעצן פאַרן דינעם פלאַם
פון קליינעם ליכט און ערלעך טראַכטן
פון מיינע עבר טעג, מיין שטאַם.

די תמימות פון אַ ווייטן לעבן
וואָס האָט ביז איצט מיך אָפּגעהיט,
אַז טיף אין מיר זאָל עס נאָך זינגען
און איך זאָל לעבן אין מיין ליד.

און זייטיק דאָ אזוי פאַרבייגיין
דעם טומל און דעם גרויס-יאַריד,
וואָס כ׳וואָלט פאַר אים נישט געגעבן אפילו
קיין אות, קיין שורה פון מיין ליד.

☆

ל י כ ט י ק

נישט נאָר פאַר גאָט שטיי איך קליין,
נאָר פאַר יעדן בוים אויפן פעלד,
און פאַרן שטילן נידריקן שטיין,
ביי אַ קבר אַוועקגעשטעלט —

אַ שטיין וואו ס׳איז געבליבן שטיין
אַ מענטשלעכער נאָמען שטום.
און ווער מער שוין אינערגעץ נישט גיין,
אין דעם ווייטן אַרום און אַרום.

נאָר קוקן אזוי זיך פאַר זיך,
די אויגן פאַרגלייזט און קאַלט,
אויפן טאָג מיט זיין הימל און ליכט,
אויף דער ערד מיט די שטיקלעך וואַלד.

און אַרום און דאָרט ווייט אין טאָל
די פאַרגעסענע שטאָט פון זיין שטאַם.
און ביים זייט, אין זיין גרינלעכן שטאָל
ציט אַ וואַסער, — אַן אָדער צום ים.

אַמאָל, אין דער שפּעט פונם טאָג
גייט אַ לענגלעכע שיף דאָרט פאַרביי.
און פוניענערזייט וויגט זיך אַ גלאָק
פון אַ באַן און אַ פייפיק געשריי.

פונוואַנען די באַן? די שיף?
ווער ווייס? די וועלט איז אזוי גרויס.
און דאָס בלויליכט פון טאָג צעטריפט
ביי די פענסטער פון איטלעך קליין הויז.

☆

זיי האָבן אַלץ געשפּירט...

לאָז מיך הייליקן, גאָט, אין יסורים,
אין שווייגנדיק טראַכטן, מיין פען.
אַז מיין האַנט וועט שוין מיד ווערן שטאַרק
און מיין דמיון וועט צאַנקען,
זאָל איך זי קאָנען אַוועקלייגן פרום
לעבן דער סופרישער פען פון מיין טאַטן,
וואָס איז אָפּגעהיט, ערלעך געווען,
און אָפּגעלעבט שטיל אירע עטלעכע יאָר —
די עטלעכע יאָר פון איר אַרבעט
אויף זיין אַלטן ירושה׳דיקן טיש.
די זון דורך דער אָרימער שויב
האָט געוואַרימט די ווענט פון דער שטוב —
מיין טאַטנס פאַראיינזאַמטע שטוב;
אַמאָל פלעגט בייטאָג נאָר אַריינקומען דער רב
מיטן טאַטן פאַרבייטן אַ וואָרט.
ווי שטיל זיי האָבןביידע געשמועסט —
זיי האָבן ביידע שוין אַלצדינג געוואוסט
וואָס די וועלט דאַרף נאָך אויסשטיין פון זיך.
זייער שטים איז פאַרדאגהט געווען —
אַזאַ איידעלן טרויער ווי אויף זייערע הענט
קאָן מען שוין מער נישט זען.

פון קיין זאַך איז מיר נישט היימיש אזוי
ווי פון זייער געשטאַלט. — עס געשעט
אַמאָל פלוצלונג אַ זומער בייטאָג און כ׳דערזע
ווי זיי זיצן ביים טיש דאָ פאַר מיר.

אויך איך בין שוין אַן עלטערער איד
און איך זיץ דאָביים זייט
און איך הער זיך נאָר איינעט צו זייערע רייד —
דער ערנסט פון אַן אַלט-אַלטער וועלט
האָט אויף זייערע שטערנס גערוט,
האָבן געחקירהט וועגן דעם ענין וועלט,
און די קעפּ האָבן זיך באַ׳צערט געוויגט.
ווער ווייס וואָס זיי האָבן זיך געריכט?
ווער ווייס וואָס זיי האָבן געזען?
יעדער ערלעכער איד פון יענעם דור
האָט געאָנט, וואָס ס׳וועט שפּעטער געשען,
ווייל נישט צוליב חורבן בית המקדש אַליין
גייט אַדור אזוי חרוב אַרום.
און דעם אָפּגרונט פון גלות הוועלט
האָבן זיי דערזען אין זיין גאָרער טיף,
און זיי האָבן אונז געוואָרנט: געדענקט,
נישט אַריבערגיין צו ווייט דעם גבול
פונם הויף לעבן דער גראָער שול.

נישט פאַר גויאישע הענט אַליין
האָבן זיי אונז פאַרהיטן געוואָלט;
גויאיש ליכט, גויאישע שיינקייט, גויאיש גאָלד,
גויאישע רחבות פון הימל און ערד.
עפּעס האָבן זיי אַנדערש געדאַכט,
ווען זיי האָבן ביינאַכט דאָס טירל פאַרמאַכט
און זיך שלאָפנגעלייגט מיט געבעט,
און איינער וואָס איז אויפגעוועקן שפּעט
איז אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן פון דער נאַכט
און ווי דער פאָטער אברהם אַמאָל
דעם גאַנג פון די שטערן באַטראַכט,
און געהערט דורך דער שטילקייט גאָטס קול,
און די איינשווערונג אויף אייביקע טעג —
די הענגנדיקע שטערן האָבן געהערט
גאָטס אָטעם אויף דער נאַכטיקער ערד.

חלום

בעטלער מורמלען אַרויס מיין נאָמען,
די שפּלסטע פון די אָרעמעלייט,
וואָס גאָט האָט אַלץ ביי זיי צוגענומען
און האַלט פון זיי זיך פרעמד און ווייט.

ווי אַ גבור אין אַ זיידענער קאַפּאָטע
וואָס דרימלט בייטאָג אין זיין זאַטער רו.
די אָרימסטע זוכן אַ צייכן, אַ שאָטן
פון מיין אַ וואָרט דאָ ערגעץ-וואו.

און איך בין לאַנג שוין נישט קיין היגער,
מיין בינטל ביינער רוט שוין אין שטויב.
איך, דער טרויעריקסטער פון אַלע קריגער
וואָס בין דאָ געפאַלן מיט אַ חרוב לייב

און אַן אויסגעליידיקטער נשמה,
אָן גלויבן — נאָר דאָס פאַרקלעמטע געמיט
האָט נישט אויפגעהערט צו מורמלען, ברומען:
פאַרלאָז מיך ניט, פאַרלאָז מיך ניט.

כ'האָב נישט געזען זיין שטאַרקן פליגל,
וואָס שפּרייט זיך שיצנדיק אין נויט.
האָב נישט געזען דאָס זילבערנע קריגל
מיטן סם פון רו אין דער שעה פון טויט.

האָב נישט געהערט דאָס וואָרט בטחון,
זיין ליכטיקן קלאַנג וואָס קלינגט פון ווייט
מיט טרייסט פאַר דעם וואָס ליגט צעבראָכן
און שטרעקט די הענט אין יעדער זייט.

נאָר קינדערש בין איך פאַר אים געלעגן
אַוועקגעוואָרפן אין דער הוילער וועלט,
און אַלע אָפענע ברייטע וועגן —
אין טויטן שאָטן בלינד, פאַרשטעלט.

איך האָב געוואוסט: ער וועט נישט קומען,
און וואַרגן וועט זיך מיט זיך מיין קול.

נאָר ס'האָט נישט אויפגעהערט צו ברומען
מיין האַרץ, אין דעם פאַרלוירענעם טאָל.

מסתמא זיך נאָר אַליין צו הערן
אין שוואַרצסטן עלנט מיט מיין געביין,
און שפּירן אויף מיין באַק די טרערן,
מיט טרערן איז מען נישט אַליין.

די וועלט — פאַרפאַלן און גאָט — געשטאָרבן,
נאָר כ'וואָלגער זיך נאָך דאָ אַרום —
אַ לעצטער שיין פון פאַרנאַכטיקע פאַרבן,
וואָס לעשן זיך פאַריאושט־פרום.

☆

ס׳איז מיר גענוג...

ס'איז מיר גענוג, אַז בלויז מיין שכן
וואָס זעט מיך אין מיין נאַקעטער וואָך
זאָל אין מיין אָרעם ערלעך מלבוש,
זאָל מיך געדענקען איצט און דערנאָך,

ווען כ'וועל זיך קיינמאָל שוין נישט ווייזן
אין פענסטער און ביים שוועל פון טיר,
וועט ער זיך פלוצלונג אין מיר דערמאָנען
און שטיל אַריינגיין אין הויז, צו דיר,

און וועט דיין איינזאַמקייט פאַרטרייבן
מיט רייד, מיט ווערטער, אַ געדאַנק,
און וועט דערביי מיין נאָמען דערמאָנען
מיט גוטסקייט, כבוד און מיט דאַנק.

צי איז דען וויכטיק, אַז אָט דער חבר
האָט ווען עס איז מיין אַ ליד געלייענט?
צי כ'בין ביי עמיצן דאָ דערהויבן?
ביי אים האָב איך געפונען חן.

אין יענע שעהן, ווען שכן צו שכן
ווערט ברודער און דאָס פשוטע וואָרט

איז ווי דאָס ברויט ביים אָוונט מאָלצייט
און ווי דאָס וואַסער אין דער קוואָרט,

וואָס מ׳פלעגט אַמאָל מיט פרומען חסד
זיך וואַשן און זיך זעצן צום טיש,
און נישט נאָר ס׳תהילים, איטלעך ווינקל
האָט געמורמלט-געשוויגן: אשרי האיש.

וואָס איז כבוד וואָס לויפט אַרומעט
איבער פרעמדע גרענעצן פון דער ערד?
דער נאָמען לויפט אויס מיט אים אַ האַלבע וועלט,
און וואויל איז, ווען ס׳איז אים באַשערט

זיך אומקערן צוריק צו זיין אָנהויב,
ווען קיינער האָט אים נישט געקענט,
און ביי דעם שוועל פון אַן אַלטן קרוב
זיך וואַשן פונם וועג די הענט.

זיך אָפּרוען ביים שוועל און וואַרטן
ביז ס׳קומט די שעה פון אָוונטמאָל.
ווי רואיק, פרידלעך ער דערהערט דאַן
דעם אָפּקלאַנג פון זיין אייגן קול,

און אַז ער נעמט דעם ערשטן ביסן
פון ברויט און טראָגט צו די ליפּן צו,
דערשפּירט ער ערשט ווי אַלע פיר ווינקלען
קוקן אויף אים מיט פריד און רו.

און ס׳איז אים טרויעריק און היימלעך
און ס׳טוט אים באַנג און ס׳איז אים גוט
און ס׳ערשטע מאָל נאָך וויפיל יאָרן,
פון דער גאַנצער וועלט — זיך אָפּגערוט.

☆

מיין מאַמעס אַנדענק

גוט איז מיר
וואָס איך האָב נאָך אַ פרומען שטראַל

פון דיין געלייטערט שווערן לעבן
דאָ דורכגעטראָגן — אין אַ פאַרצערטן שמייכל,
אין אַ העלן לויב פון עפּעס שיינס
ביז צו דער שטיל-באַרוטער שורה פון אַ ליד.
דו ביזט מיר נאָכגעגאַנגען מיינע אומרואיקע טריט,
און כ׳בין אזוי אַ גרויס שטיק לעבן דורכגעגאַנגען,
אַ גרויס שטיק וועלט — אין אַזאַ ישובל אַ קליינס,
וואו קלויסטערס קלינגען-אָן אַ יומטוב פונדערהויך
און טרייסטן אַלע טעג פון וואָך,
וואָס קומען אזוי גרוי,
און שטאַרבן אזוי בלייך.

☆

אין סדום

אין סדום איז געווען און פאַראַנען
אַ מירמלנער, ליכטיקער בנין,
מיט הונדערט און אַכצן חדרים.
אַ הויז — אַ בית־צדקה.
נאָר נישט קיין צדיקים.
אַ הקדש אַ הויכער, אַ נייער
מיט לויטערע, געשליפענע פענסטער,
מיט אָפענע טויערן גרויסע.
ביים אַריינגאַנג, פונפאַרנט אין הויף,
אויף אַ שטיין-פעדעסטאַל הויך, דערהויבן,
אַ מעכטיקער שטיינערנער משה
מיט שטיינערנע, הערלעכע לוחות,
פאַרשטיינערטע, הייליקע לוחות.
און ס׳קומען אַהין די פאַרוואָגלטע אורחים
פון די אייגענע און פרעמד־ווייטע גאַסן,
און נעכטיקן איבער אין די אייזערנע בעטלעך פון צדקה.
און פורים אַמאָל טיילט מען וואַרימע זאָקן,
און פסח אַמאָל טיילט מען ליינענע העמדער.
עס קומען אַהין די נצרכים, נרדפים,
נאָר נישט קיין צדיקים.

אין סדום האָט שוין איינער אַ ווייס-גראָער זקן
געזאָגט אין אַ שעה פון גרויס חדווה:
כלנו חכמים, כלנו נבונים,
כלנו נביאים, כלנו גאונים,
נאָר — נישט קיין צדיקים.

☆

וואויל איז אונז . . .

וואויל איז דעם וואָס האָט נאָך כוח
און ווייסט דעם וועג און די שעה די רעכטע
זיך לאָזן גיין צום זיידן: נעכטן
נאָך שבת-אויבסט,
נאָך אַ יומטוב-שמחה,
נאָך אַ מעשה-אורה
פון בעל שם-טוב הקדוש.
און איינוועגס טאַקע זיך אויך דערוועגן
און שטיל, אָן טענה און מענה פרעגן:
ווען קומט ער שוין טאַקע,
אויב נישט משיח,
איז זיין ערב-שליח, —
אליהו הנביא?

און וואויל איז אונז אידישע ערלעכע פּאָעטן,
וואָס מיר האָבן געהאַט ביז אַצינדער די זכיה
צו קומען אין צייט, כאָטש אַביסעלע שפּעטלעך,
אַביסעלע שפּעטלעך און דאָך איינדערפרי,
און מיר האָבן געשעפּט פון די לויטערע קוואַלן
פון אידיש של מטה און אידיש של מעלה
און לידער געשליפן ווי קלאָרע קרישטאָלן
פון השכמת הבוקר עד חצי הלילה.
און ווי ס'איז נישט טרויעריק אונזער מערכה,
איז ראוי לברכה אונזער קליינע משפחה.
איז נאָכאַמאָל, נאָכאַמאָל, טייערע ברידער,
לחיים, פאַר אונזערע ערלעכע לידער!
ס'איז אמת, עס דרייט זיך דאָ צווישן אונז אומעט

אַ געבויגן געשטאַלט — אונזער ברודער אומעט,
און האַלט אויך אַ גלעזל אין זיין האַנט אין דער לינקער,
וויל צוגיין צום טיש און ער וויל מיט אונז טרינקען,
נאָר ער שעמט זיך און וואַקלט און גייט אָפּ אין ווינקל...
נו, וואָס איז דאָס שעמען זיך? זיי נישט קיין אינגל,
דו ברודער, דו אומעט, קום נענטער, נענטער
און הויב אויף דיין כוס איבער אונזערע אַקסלען,
און הויב אויף דיין טאָסט איבער אונזערע קעפּ,
דערצייל ווי מיר זיינען ביי דיין פּאָלע געוואַקסן,
פון דיין טונקעלן תהום אונזער שיינקייט געשעפּט,
אין דיין אייביקן זכות ביז אַצינדער דערלעבט...

☆

גאָט, באַטוי מיין טרוקענעם גומען

גאָט, באַטוי מיין טרוקענעם גומען,
כ׳זע נאָך דורכשיינען אַ שטיקל זינען
אינם שמייכל צו דעם דרויסן —
דאָרטן זינגט דיין וועלט דיין גרויסע.
וועל איך איינער דען פאַרפאַלן ווערן
אין דיין וואַקסנדיקן, בליענדיקן אוצר?
אָט-די גוטע, ערלעכע תפילה
איז אַליין אַ זילבערנער שליסל
און ער עפנט די פאַרשמאַכטקייט
און די וויסטקייט פונם גומען.
און די גוטסקייט פון דער טאָג-שעה
לייגט זיך ביים בעט אַנידער
אויף דער ווייסער העלפט פון קישן
און זי דרימלט:
דרימל, דרימל,
הייל מיך, דרימל.
און די זון דורכן שויב, אַנטקעגן
מורמלט ליכטיק: וועסט געהיילט זיין.
וועסט געהיילט זיין.

דאָס געדענקען שענקט מתנות

דאָס געדענקען שענקט מתנות,
ברענגט זיי פון דער ווייט צו טראָגן.
קומט אַן אַלטער, ליבער שבת
נאָר צוליב גוט-שבת זאָגן.

ווייטער גאָרנישט. וואָסזשע ווילסטו?
ער זאָל זיך שטעלן קידוש-מאַכן?
זמירות זינגען? — גאָסן רוען,
מאַרקן דרימלען, ס'שלאָפן שליאַכן.

און במנוחה טאַנצן אום דאָרט
שוועלבלעך אויף די פּוסטע שטעלן.
אין די פענצטער זשמורען קעץ זיך,
הינט ביי מידע קלייטן-שוועלן.

פרעמדע הינט פון איבערן ניישטאָט
קומען זיי אַהער פון דאָרטן.
ס'איז זיי דאָ מסתמא בעסער,
ווי אין הינטשטיבל ביים גאָרטן.

ווער קאָן קלערן, ווער קאָן שאַצן
וואָס אַ הינטישע נשמה
קלערט אין רו פון שבת-קודש
וועגן הייליקייט און טומאה?

נאָר איך זע זיי איצט אין דמיון
און באַקום זיי ליב פון ווייטן —
זייער שטילקייט, זייער דרימל
ביי דער שוועל פון יענע צייטן.

ביי דעם האָריזאָנט פון הימל
ליגן זייערע סילועטן.
כ'וועל נאָך אָנשרייבן אַ תפילה
און פאַר זייער זכר בעטן.

מ י ט א ו נ ז

גאָט איז אין די הימלען,
און אַלע גרויסע שטערן.
מיט אונז דאָ אויף דער ערד
די טרויערן, די קלאָרע טרערן.
די קליינע פריידן,
די וואוילע גליקן.
די ברייטע טייכן,
די שמאָלע בריקן.
די דערפעלעך די שטילע.
נישט נאָר צו גאָט פונאויבן
נאָר גלאַט אזוי זיך אין דער וועלט אַריין
איז גוט צו שיקן בענטשונגען און תפילה.
זאָלן פאַלן אַלע לידער-שורות
איבער בוימער-צווייגן,
איבער פעלד און רחבות שווייגן.
איבער דעכעלעך פון שטיבער,
איבער שאָטנדיקע גריבער,
וואו אַ גרעזעלע נעמט גרינען.
אפשר וועלן דאָרט אַ זומער
נאָך פאַרבלאָנדזשען אַ פּאָר בינען,
אַ פּאָר יונגע חבר'טעס בינען
און אַ טראָפּן וויין געפינען.

☆

כ'האָב געקאָנט שוין...

כ'האָב געקאָנט שוין זיבן מאָל זיך לאָזן
מיט אַ וואָגן, מיט אַ באַן און מיט אַ שיף,
אויף דער גרויסער וועלט און איך בין אָפּגעקומען
מיט אַ גרוס אַ וייטן, מיט אַ קליינעם בריוו.

וועלט, האָב איך געשריבן, איך בין נאָך פאַרנומען
הינטער מיינע ווענט דאָ און האָב נאָך ניט קיין צייט

זיך געזעגענען, זיך צעקושן מיט דער נאָענט
און זיך לאָזן אין די אָרעמס צו דער ווייט.

איז איין שיף אַוועקגעגאַנגען נאָך דער צווייטער,
און איך בין נאָך אינם הויף פון האַפן דאָ,
דורכשפּאַצירט זיך און געקוקט אויף שיפן־קוימענס,
אויפן ברייטן וואַסער, רויכיק, שווער און גראָ,

און אויף מענטשן, אָנגעקומענע מעבר־וועלטן,
און אויך אָנגעטראָפן דאָ און דאָרט אַמאָל
פּנימער מיט חן מיט פרעמדן אין די אויגן,
און אַ דינעם אָפּקלאַנג פון אַ נאָענט קול.

און אזוי אפשר אַ גרוס אַ ליבן אָפּגענומען
און פאַרטראַכט זיך: אפשר, כ׳ווייס אַליין ניט ווען,
וועל איך אין אַן אָוונט אויף אַ שיף אַרויפגיין
און זיך לאָזן פאָרן, לאַנד און לייט צו זען.

און זיך לאָזן זוכן אויף די אַלטע וועגן
אַ נאָך בלייכן צייכן פון אַ שטעג, וואָס פירט
צו דעם ברעג פון הימל, וואָס מיין אויג האָט וואַרעם
ס׳ערשטע מאָל זיין בלויקייט מיטן אויג באַטראַכט.

☆

מיין וואָך

גייט אַוועק מיט גראָער וואָך
וואָך און חודש, טעג און יאָרן.
כ׳ווייס אַליין שוין באַלד נישט וואָס
פון מיין לעבן איז געוואָרן.

זיכער איז, איך בין אַ קנעכט
און די קליינע, פרייע רגע
דורך דער זונטיקדיקער שויב
זשומט און זונ׳ט אויף מיין געלעגער.

מידער קאָפּ מיינער רוט אָפּ
אויפן קישן ווייס און ציכטיק.

הייל מיין לייב מיר, פרייע שעה,
וועלט פון דרויסן פריש און ליכטיק.

לעצטע מידקייט בלייכט זיך, לעשט
אויף די שפּיץ פון מיינע פינגער.
נאָר די שווערקייט פון געמיט
ווערט נישט לייכטער, ווערט נישט גרינגער.

און די ברעם האַלט אַלץ זיך אויף,
און דאָס אויג וויל אַלץ זיין אָפן.
שוועסטער רו, זיץ לעבן מיר,
האַלט מיין האַנט ביז כ'ווער אַנטשלאָפן.

☆

איך בין כמעט אַן פריינט געבליבן

איך בין כמעט אַן פריינט געבליבן,
זיי זיינען אַלע געוואָרן רייך.
און איך האָב זיך אין דער וועלט פאַרשריבן
אויפן הימל, דרויסן, שליאַך און טייך.

און אויפן ווינט — און צו וועמען קומען
צוגאַסט אַמאָל איז שוין באַלד נישטאָ.
אפילו די ברוקלינער אַלטע מומע
גייט שוין אויך נישט אַנטקעגן מיט אַ ברוך הבא.

איך מעג זיך אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך זאמען,
קום איך צוגיין, טוט זי נאָר אַ בליק
אויף מיר, דעם פּלימעניק וואָס מאַכט די גראַמען,
און זי טראָגט מיר אַנטקעגן דאָס פלעשל „קיק".

און האָט שוין מער נישט וואָס צו פרעגן,
און קיין בריוו פון יענער זייט — ווייסט איר דאָך.
אַמאָל פלעגט זי האַלטן פונמיינעטוועגן
רויט אונטערגעשטראָכן אַ לשון-קודש וואָרט.

און זי פלעגט זיך מיט מיר פאַר אירע קונים
אויספיינען — נאָר וואָס איז פאַראַן?

עפּעס האָט זי געוואוסט, כ׳בין פון יענע פאַרשווינען,
און מיך פאַרגעשטעלט: אַ וויסנשאַפטסמאַן.

זאָל זיין אזוי, ס׳איז שוין סייווי פאַרפאַלן,
די מערכה ענדערן — קאָן קיינער ניט.
עס הענגען שוין ראַדיאָס אין אַלע שטאַלן,
און איך בין פון אַלע וואונדוירים מיד.

כ׳וואָלט וועלן אַ זומער בייטאָג פאַרבלאָנדזשען
אין יענער גאַס, אין דער אַלטער וועלט,
צום קבר פון גרויסן צדיק באַנטשע,
צום אוהל וואָס פרץ האָט אים געשטעלט.

און ביי דער דרויסנוואַנט, אין גראָזן
ליגן, פאַרגעסן פון וועלט און גאָט,
אַז כ׳בין שוין געוועזן און האָב שוין פאַרלאָזן
דעם גרעסטן עלנט און די גרעסטע שטאָט.

און דעם זאַק פון חכמה אויסגעשאָטן
אין וויסטן וועג אויף וויסט און ווינט.
און הינטער מיר — ווי אַ הונט, מיין שאָטן
גייט נאָך נאָך מיינע פוסטריט בלינד.

איין זאַך נאָר בין איך זיך נישט מוחל.
כ׳האָב ביי אַ וואַנט, אין אַ שפּיגלגלאָז
דערזען זיך מיט אַ פּריצישן שמייכל
און עפּעס אַ פאַראָדלערטער נאָז.

ווי ס׳קומט צו מיר אַזאַ מין פּאָזע?
כ׳האָב אַזש פון אָרט געטאָן אַ שפּרונג,
און זיך מיט חוזק אָפּגעגאָסן
און זיך אָנגערופן: גראָבער יונג.

דאָס איז נאָר געווען אַזאַ מין רגע,
אַ שפּיצל פונם שטן וואָס טוט מיר אָפּ
אַזעלכע ווילדקייטן און נגע׳ס.
אַ פינצטער יאָר דאָרט אויף זיין קאָפּ!

אַ מענטש צעבּיטערט אין זיין נויט

אַ מענטש צעביטערט אין זיין נויט
קאָן בעטן ביי גאָט נאָר אַ קרישל ברויט,
איז זיין תּפילה אײדל און הייליק אזוי,
ווי דער טוי אויפן ברעג פון מאָרגן-בלוי.

אָ, גיב מיר, האַר פון דער גרויסער וועלט,
ווייניקער אַ קערנדל וואָס מיר פעלט,
עס זאָל נאָך בלייבן אָפן די טיר
אויף אַ דינער שפּאַרע, פון מיר צו דיר.

און היט מיך אָפּ פון צו זיסער זעט,
סיי ווי אַן אָרימאַן, סיי ווי אַ פּאָעט.
און לערן מיך אייביק לויט דיין ערלעכן גוסט
ווי איך וואָלט נאָך גאָרנישט, גאָרנישט געוואוסט.

ווייל דאָס וואָס איך ווייס — ווי ווייס איך עס?
אַ רייב און אַ שייער דאָס פּראָסטע מעשׂ,
אַ רגע און אַ שעה און דער גלאַנץ פאַרגייט,
אַ גראָער שאָטן דעם שימער פאַרוויט.

איך וויל נישט דערגרייכן צו דיין הויכן פּוס,
און מער ווי אויסדוכט פון עפּעס אַ זכות
ווייז מיר נישט, האַר, און פּרוּאוו מיך ניט,
מיין טאַטע איז ראוי געווען, איך — ניט.

מיר, אַז אַ חבר פון קאַפע ראָיאַל
וועט זאָגן: ביזט אַ דיכטער, יוד יוד סיגאַל,
און דערצו נאָך געדענקען אַ שורה, אַ וואָרט
פון אַ ליד מיינס — בין איך אויפן ריכטיקן אָרט.

ווייל שווערע צווייפלען באַהערשן מיך, האַר,
צי בין איך נישט דער סאַמע עלנטסטער נאַר,
אויף דער דאָזיקער גרויסער, ניט-אייביקער ערד,
וואו איטלעכן איז דאָ זיין אייביקייט באַשערט?

און איך, וואָס איך האַלט זיך אָן אין מיין וואָרט,
ווי דער פּאַרתהילימטער מרדכעלע אין זיין
זילבערנער באָרד,
ציטער פאַרן גרילץ פון אַ פאַרריסענעם קאָפּ
און אַ פאַרריסן קול, און איך טראָג זיך אָפּ,

און זיץ וואו אויף אַ טרעפּל פון אַ הינטערטיר
און ציטער פאַר דיר, און צי זיך צו דיר.

☆

דער אָוונט קומט נאָך ווי אַמאָל

דער אָוונט קומט נאָך ווי אַמאָל
אין זיין מילדן שאָטנבלוי.
די שטילקייט טראָגט אָן אָרים קלייד,
אַן אומעטיק קלייד, און גרוי.

פאַר יונגע איז דער גרויסער טאָג
נישט גרויס גענוג, איך ווייס.
נאָר איך מיט דיר — מיר גייען שוין
פון די הויכע טעג ארויס.

אַ נידעריקע שטוב אין וועג
מיט אַלטע דאַך־און־ווענט
דערפרייט אונז און מיר האַלטן זיך
נאָך פעסטער ביי די הענט.

געדענקסט, אין די גאָר יונגע טעג
האָבן מיר זיך אזוי נאָענט
האַנט אין האַנט אַרומגעפירט
אַנטקעגן ליכטיקן האָריזאָנט.

איצט גייט דער אָוונט אַנטקעגן אונז
און מיר דאָ — האַנט אין האַנט.
מיר גייען שוין צום גרעניץ־וועג,
צום ברעג פון דעמדאָזיקן לאַנד.

און איטלעך שטיבל דאָ און דאָרט
אויפֿן לעצטן וועג צעשטעלט —
אַ צייכן נאָך אַ צייכן — פּאַרציט,
פֿאַרגייט פֿון דער וואָרער וועלט.

מיר קוקן שוין אַריבער אַהין
אויפֿן צווייטן זייט, דו זעסט,
דאָ שטייט אַן איינזאַמער, שטילער בוים,
אויפֿן בוים — אַ ליידיקער נעסט.

אַמאָל, אַמאָל איז דער דאָזיקער בוים
געשטאַנען ווי איצט אין גרין,
נאָר פֿונם נעסט האָט אַ פֿויגל זיך
אַרויפֿגעהויבן אין פֿליען.

און שטיל איז דעמלט דאָ אויך געווען,
אַזוי שטיל ווי אַצינד, געוויס,
נאָר אַ זוניקע וואַרימקייט האָט געשפּילט
גינגאָלדן און האָניק-זיס.

און איצטער שפּרייט זיך אַ געלע שאַל
איבער וועג און פֿעלד און וועלט.
און איטלעך שטיבל דאָ און דאָרט —
אַ לעצט פֿאַרלאָזן געצעלט.

☆

קליין, קליין...

קליין, קליין בין איך אין דיין הויז געוואַקסן
און בין נישט דערוואַקסן מיין גרויס.
זעסט מיך תמיד מיט קינדערשע אַקסל,
אַ דינערביים טויער פֿונם הויז.

דו אַליין, נאָך אַ קינדערשער, בלייכער,
דיין טרויער פֿאַרשאָטנט מיין ברעם.
דיין בליק שאַרף-פֿאַרבליצט אין די הויכן,
נאָר דיין איינגעלשער קאָפּ שווערט פֿאַרשעמט.

דו טראָגסט פון מיין לעבן אַ זכר,
איך פון דיינעם — טראָג אויך, טראָג אויך.
דיינע טעג ווערן מידער און בלייכער,
מיינע טעג האָבן לאַנג שוין פאַרבלייכט.

אויף די ווענט דיינע בילדלעך, קליינע,
קוקסט און ס׳ברעכט זיך דיין מויל אין געבעט.
דיינע צוקנדיקע אַקסל וויינען,
און דאָס אויג דיינס סאַמעטיק גלעט.

פאַרגלעט אַלע צאָרנס און דאָרנס,
און אין פענסטער — בלויע בלום פון פאַרנאַכט,
צינד, צעצינד אַזאַ וועג אַזאַ קלאָרן,
ניי און שטיל און ערשט אויסגעטראַכט.

און מען קאָן מיט אים גיין און אַוועקגיין,
און קומען וואו מען דאַרף און מען וויל.
נאָר אַ קוק צו דער וועלט: זיי געזעגנט,
און די וועלט ענטפערט פרום, ענטפערט שטיל.

☆

דער פויגל פליט אַוועק

דער פויגל פליט אַוועק פונדאַנען.
נו פלי זיך, פויגל, פלי.
די נעסטן און די שטאַרקע ביימער
בלייבן מיט אונז דאָ הי.

די גראָזן האָבן געלייגט זיך שלאָפן.
נו, שלאָפט געזונטערהייט,
אַ ווייסער שניי וועט אייך איינדעקן
אויף גאָרער פעלדער-ברייט.

די טייכן וועלן זיך אָפּשטעלן
און ווערן גרינער אייז.
כ׳וועל אָנשרייבן אַ בריוו דער וועלט
מיט ווינט אויף זילבערנער ווייס.

און שרייבן וועל איך דאָרט אזוי:
גוט און שיין איז די וועלט,
און יעדער בוים האָט זיין ריכטיק אָרט,
וואו גאָט האָט אים אַוועקגעשטעלט.

און יעדער חודש פונם יאָר,
און פון דער וואָך די טעג.
געבענטשט זאָל זיין דאָ איטלעך דאָרף,
וואָס האָט צו אַ צווייטן אַ וועג.

און יעדער דראָנג און ברונעם-שטאַנג,
וואָס הענגט מיט אַן עמער אויף זיך.
און יעדער פענסטער אין אַ הויז,
וואָס זעט די וועלט און מיך.

☆

פ ר י ל י נ ג

שיינער פרילינג, ביזט אַ פויגל,
פליסט אַריין צו אונז ביינאַכט,
שטעלסט זיך אויף אַ טרוקן צווייגל
און דער דאַרער צווייג ווערט צאַרט.

אינדערפרי, אין ערשטן זונליכט,
ווייזט זיך שוין אַ סימן גרין.
פריש און בליענדיק דאָס זונליכט,
און ווי הימל, ציטריק, דין.

טוט אַ ווייטער קלונג אין פענסטער.
ווער און וואָס? עס איז דער ווינט.
ערשט-געבוירן ווינטל, הינטל,
נאָך פאַרמאַכט דאָס אויג, האַלב-בלינד.

נאָר פון פייגל — נישט קיין סימן.
זיך פאַרשפעטיקט מנהסתם,
און זיי מעסטן מיט די פליגל
פליענדיק — דעם גרויסן ים.

אומגעריכט ווּעסטו דערהערן
איבערמאָרגן — אויף דיין דאַך
ערשטע קלאַנגען, ערשטע טענער
פון בעטהאָווען און פון באַך.

☆

זומערדיק פייגעלע

זומערדיק פייגעלע איבער מיין דאַך,
ס׳קענען דיך אַלע און ווייסן,
אַז דיין געזאַנג און געקלאַנג און דיין שפּראַך
האָסטו געלערנט פון רבין — דעם דרויסן.

האָסט עס געלערנט פון זיין וואַרימען ווינט
איבער די לופטן און וועגן.
האָסט געלערנט פון גאַס און פון קינד
פון זון און פון וואָלקן, פון פריילעכן רעגן.

האָסט עס געלערנט פון בלאַט און פון קוויט
פון ריחות געשמאַקע און זיסע,
וואָס ס׳האָט דער זומער דער גוטער פאַרזייט
דערפרייען די טייערע וועלט און באַגריסן.

אַלץ האָט צונויפגעשפּילט אין דיין געזאַנג —
דערפאַר אַזאַ ליבשאַפט דערינען.
אַלץ איז פאַראַן אין דיין ליד, אין דיין קלאַנג,
תמוז׳דיק גאָלד פאַר די פלייסיקע בינען.

ווי ס׳נעמען ווערן די קעמערלעך שווער
מיט האָניק — דער וועלט אַ מתנה.
אַזש עס דערשמעקט עס אין וואַלד דאָרט דער בער
און סע נעמט אים שוין רייצן און בייסן די ניאַניע.

א י ך

אויפן ברייטן, גרויסן זומער-וועג
שפּאַן איך מיט מײַן שטומען שאָטן.
בין נישט פונם וויטמאַנישן דיכטער-שטאַם,
נאָר איך האָב אויך דאָ ליב דעם פרייען זומער וועג.
נאָר — גיין אַליין אין רו פון דער ליכטיקער איינזאַם,
הערן די קלוגע הימלען אַרונטערמורמלען
צו די איינדרימלענדיקע פעלדער און וועגן.

גרויסער, גרויסער טרויער,
איך האָב דיך נאָך נישט בייגעקומען.
נאָר שטאַרקן האָב איך זיך געשטאַרקט איבער דיין גבורה.
איצט זיינען מיר צוויי לייבלעכע גוטע ברידער.
די אומענדלעכע גרויס פון דער וועלט
איז אונזער נחלה — פון מזרח ביז מערב,
צפון ביז דרום — אַלע האָריזאָנטן
האָט אונזער אויג אַרומגענומען און איינגעשוויגן.

אינגלוויז האָבן געטריפט מיינע ליפן
מיט ברכות און מיט לויבן צו גאָטס וואונדער.
דו האָסט קלוג מיטן קאָפּ מיר צוגעשאָקלט:
וועסט נישט אייביק זינגען אַזאַ פרומער.
איצטער זיינען מיר זיך דאָ אַנטקעגנגעקומען,
זיך די הענט גענומען מיט ברודערשן דערקענען,
זיך אַ שבועה-געגעבן אויף אייביק-אייביקער אחווה.

נאָך פאַראַן אַ קלאַנגל פרומקייט אין מיין רעדן צו דיר.
איז דאָס נאָר פּאָעטישע געוואוינהייט?
איך האָב מיט גאָט און וועלט און מענטשן
אויף אַן אָפענעם אופן זיך צונויפגערעדט
און זיך פאַרשטאַנען אויף אונזער אַלעמענס אָרימקייט,
אויף אונזער הערלעכער פשוטקייט.

זיי וועלן מיך וויגן...

זיי וועלן מיך וויגן די גוטע לידער
אין מײַן פריער עלטער, אין מײַן גראָער שעה.
כ'וועל רופן די נעמען פון מײַנע צוויי ברידער,
דער איז דאָרטן, יענער — דאָ.

דערווײַל בין איך אַליין געבליבן
אויף דער גרויסער וועלט — אַ מידער מאַן.
אין לעצטן ווינקל זיך פאַרקליבן,
קיין אויסוועג ניט, קיין טיר אין וואַנט.

נאָר מיט געדענקענישן פאַרקריך איך
די ליידיקע שעהן, ווי די ווייסע ווענט.
וואָס וואַך איך, היט איך און באַשיץ איך?
דאָס אַש פון אַלץ וואָס איז שוין פאַרברענט.

אַן אוצר ליכט, אַ שפע שיינקייט, —
האָב אין זייער גאָלד געפליגלט, געשפּילט.
מײַן שאָטן זיצט לעבן מיר אין אַליינקייט —
אַ געטרייער הונט, וואָס האָט אָפּגעדינט

און טוליעט זיך צו מײַן קני פאַרלאָרן:
נישטאָ שוין, האַר, מער וואוהין צו גיין.
הינטער בערג פאַרטויבט שוין דער גילדענער האָרן,
דעם אָקטאָבערס ליריק איבערן קילן פּלוין.

☆

אַ ט י ר

פאַר דער רואיקער, פרידלעכער רגע
פון היינט און פון מאָרגן און תמיד,
טראָג איך טרייסט — מײַנע פשוטע לידער
פאַר די קינדער פון אייביקן אומעט.

אין זון און אין בלוי און אין רעגן
איז זיי תמיד די לייד נאָכגעגאַנגען

אינם עלנטן קרייז פונם גורל —
אינם אייגענעם כישוף געפֿאַנגען.

דער כישוף האָט טויזנט־איין נעמען,
און טויזנט־איין טעמען און פֿאַרבן.
דער שענסטער פֿון זיי איז די ליבע,
דער טרויעריקסטער — איז דאָס שטאַרבן.

נאָר גיין גייען זיי אייביק צוזאַמען,
אַזויווי אַ מענטש מיט זיין שאָטן.
און כאָטש אַזוי אַנדערש, איז איינער
אין אַנדערן, ווי אַ ברודער געראָטן.

נעמט מיך פֿאַר אַ משל, למשל:
אין מיין שעה אין מיין ענגער און מידער,
בלייבט שטיין מיר מיין שאָטן אַנטקעגן:
לייען פֿאַר מיר, יעד יוד אַ פֿאַר לידער.

איך לייען, און כ׳זע אַז ער הערט מיך,
און גוט און געבענטשט איז די רגע.
און כ׳זוך נישט קיין ענטפֿער אויף קיינזאַך,
און האָב נישט אויף וואָס זיך דערפֿרעגן.

און קלאָר איז מיר חתימה און זיגל,
אויף אַלץ וואָס איך האָב זיך געריכט דאָ.
צו עפֿענען אַ טיר אין דער טונקל
און מאַכן אַ קליין ביסל ליכטיק.

☆

פֿאַראַן נאָך וואָס זיך צו דערמאָנען

פֿאַראַן נאָך וואָס זיך צו דערמאָנען,
נאָר וואוהין זיך צוריקקערן — ניט.
יעדע זאַך ווערט אַ הייליקער נאָמען,
פֿאַרקריצט אויפֿן ברעטל פֿון ליד.

איך האָב זיך אַ שבועה געשוואָרן
און אַן אייביקן נדר געטאָן:

צו ווייט פון מיין שוועל ניט פאַרפאָרן
און דער קריי פון אַלטהיימישן האָן

זאָל אין ווייטקייט פון וועלט וואו פאַרטויבן,
און דערפאַר קוק איך איבער דער וועלט
דורך מיין מאַמעס געלייטערטע שויבן —
איר היים און איר הייליק געצעלט.

איז דערפאַר מיר ניו-יאָרק עיר־הבירה
אויך נישט מער ווי אַ סטרונע פון שטאָל,
אַריבער מיין זילבערנער לירע,
מיט אַ טראָפּן מער גבורה אין קול.

און איך בלייב וואָס איך בין — י. י. סיגאַל,
נישט מיך אַרט וואָס די צייט שרייט און רעדט
און קרימט זיך אַנטקעגן מיין שפּיגל
און גרימט מיר גרימאַסע: פּאָעט!

פּאָעט! — ענטפערט אָפּ מיר מיין עכאָ,
און ס׳ווינקט מיר אַנטקעגן דער שיין,
פון מיין זיידנס אַלטגאָלדענעם בעכער
נאָך פול מיטן אייביקן וויין.

☆

וואוהין

איך וועל דאָ סוף כל סוף אַריינפירן
מיין איינגעהאָרביקט, דורכגעפייניקט לעבן
אין שמאָל טויער פון אַ ספרל אַן אָרימס.
אַהינטער מיר וועלן דאָ איבערבלייבן
אַ המון געזאַנגען — אין מיין גאַנג אַראָפּ די וועגן.
אַ צייט בין איך געווען אַ דאָן קיכאָט אַ דאַרער,
מיט פעדערן אין קאַפּעליוש און פליגל־שפּאָרן אין די שטיוול.
אַ צייט — אַ נזיר הינטער טויזנט חרובע ישובים,
אַן עולה רגל צו די קברים פון די מלכי חסידות.
כ׳בין יונג געווען און ליב געהאַט זיך שטעלן

אונטערן גרויסן שאָטן פון די הויכע בעלי־גלות,
די שומרים אויף די הינטערוועגן פון גאולה.
נאָר פּלוצלונג, נאָך די גזירות תש״ג,
איז מיר טויט־פינסטער אומעטיק געוואָרן.
פון אַלץ, פון אַלץ איז מיר טויט־אומעטיק געוואָרן,
און כ׳האָב זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּנים צו דעם גראָען דרום,
דאָרט האָט געוויסטעוועט מיין טרויעריק דאָרף —
דאָרט איז, צווישן די זיבן גאַנצגעבליבענע שטיבער,
געבליבן אויך דאָס שטיבל פון מיין טאַטן.
דאָס איז געווען דער פּרוזדור צו מיין וועלט,
דורך אים האָב איך אַריינגעפירט מיין אָפּגעוואָגלט לעבן
אין טונקלען שער פון אַ קליין ספרל,
פונדאַנען כאַפּט מען נאָר פון צייט צו צייט
אַ קוק, ווי דורך אַ שמאָלן פענסטער אין דער ווייט
פון דער פּאַר—גאַנ—גענ—הייט.
און גיין — וואוהין ?
וואוהין ?

☆

מיין לעבן נידערט...

ווי קליין, ווי וואָכעדיק מיין לעבן נידערט.
די שעה איז וואָכעדיק — צעצויגענער גראָער לאַנגווייל.
נישטאָ מיט וואָס דערמונטערן דעם מח,
מיט וואָס דאָס האַרץ דערהויבן,
און דאָס אומעטיקע אויג דערפרייען.

כ׳בין גרייט צו בלייבן זיצן אויפן מיטן טויטן וועג,
וואָס האָט אַמאָל געפירט צו מזרח, מערב, דרום,
און אומעטום — אַ טויער צו אַ ניי שטיק וועלט;
יעדע גרויסע שטאָט — אַ פּרוזדור צו אַ הויך שליחות.
דאָס האָבן יונגע יאָרן נאָר אַזאַ געזאַנג געזונגען.
דער שטן איז ווי אַ שאָטן נאָכגעגאַנגען
ביים זייט פון אַלע וועגן.

ער האָט פון פריער שוין געהאַלטן אין זיין האַנט
דאָס ספר פון מיין וועלט — די אַלע זיבן פרקים.
און איך בין נאָכגעגאַנגען נאָך זיין מורמלענדיקן טעקסט.
קיין טראַט נישט אַנדערש ווי עס איז פאַרשריבן.
און מיטאַמאָל האָט פון מיין ברעם זיך אָפּגעטאָן
דאָס מילדע, גוטע זונליכט און די וואַרימקייט.
ס'ערשטע מאָל האָב איך צו זיך געזאָגט:
דאָ אויף דעם אָרט און אין אָט־דער שעה
בין איך שטאָק־אַלט־געוואָרן.

דאָס שכלדיקע וואָרט, דער שמייכל וואָס פאַרגיט
די ערגסטע עוולה און איז מוחל ס'ווילדסטע בייז
פון גאָט און גוטע לייט און אויך פון פריינד,
האָט זיך אינגאַנצן נישט געוואָלט אַראָפּלעשן פון מיר.
כ'האָב נישט געשריגן פון פאַרקלעמטן פיין.
אויף וועמען האָב איך דען געהאַט צו זיין אין־כעס?
וואו האָבן מיך דען רוגזן געבראַכט?
און פאַטאָס פון אַ נביא — ס'פּאַסט מיר נישט,
ווי ס'קליידט מיר נישט דער אַלטמאָדישער דיכטערישער זשעסט.
איך שער זיך ביי דעם פראָסטן שערער פון דער ווינע־גאַס.
ער ווייסט, אַז כ'בין אַ שרייבער, אַ פּאָעט
און האָט געפּרוּווט מיר אויפמאַכן אַן אַנדערן קאָפּ,
האָב איך אים פאַרן האַנט געכאַפּט:
מען דאַרף שוין ניט. שוין לאַנג ארויס פון סטיל.
אַוועקגייענדיק האָב אים פאַרטרויט אין אויער שטיל:
אַז מען וועט דאַרפן, וועל איך שוין לאָזן וויסן.
און יאַרן ווי ער וואַרט און קוקט אַרויס
און קוקט מיר פאַרשנדיק אין אויג, ווי כ'קום אַריין
און כ'שאָקל מיטן קאָפּ אויף נאָך־נישט.

און נאָך ערגעץ דאָ אין אַ נאָענטנס אַ שטוב
ווי נאָר איך זעץ זיך ביי ברעג טיש אַוועק,
און די גינגאָלדענע גלאָז טיי טוט שאַרף אַ גלי אין אויג,
גייט אויף אַ רגע אָפּ די גראָקייט פון געזיכט

לעצטע לידער

און אַלטע ווערטלעך, חכמה וואָס די אַנגסט שפּילט אויף
און ס׳גוטע מומעלע לאַכט אויף אַ קול פון גליק,
וואָס ס׳האָט זיך נאָך פאַרוואַלגערט דאָ אין אונזער הויזגעזינד
אַ מענטש וואָס איז ווי יענע זיידעס קלוג,
די זיידעס דאָרט פון יענער זייט פון ים
און איך דערמאָן דאָרט איר אין זיי.
און איך דערמאָן דאָס איר אין זיי.

☆

סדום

און נאָכדעם ווי מען האָט דאָ אונזער פאָלקסגעזינד
פאַרברענט אויף אַש, פאַרוויסט אויף ווינט,
האָבן מיר נאָך אַלץ דאָ אויף דער אומהיימלעכער ערד
געלעבט, געשלעפּט די טעג, די זעק, די זינד
ווי ס׳שלעפּן דאָס נבלה־מיסט, די ביינער אונטער יאַטקע־קלאָץ — די הינט.

און האָבן זיך געמאַכט ניט־וויסנדיק, באַטויבט — געגלויבט
אַז ס׳איז נאָך אָט דעם שטאָם פון ווייסן שטויב
אַ הויכער און אַ רייכער טאָג אַ הייליקער באַשערט;
אַז ס׳איז נאָך דאָ אַזאַ מין חלום און אַ האָפענונג פאַר די
דערשווימען צו אַ נייעם פרייען בלאָען אינדערפרי
מיט אַזאַ טרויריק־וואָגלענדיקער, בלאָנדזשענדיקער שיף,
אָפּגעצייכנט מיטן שטנ׳ס איידעלער שריפט.

און טיף אין זיך, אין הוילן פחד און אין גרוילן אַנגסט
געצערטלט און געקעכלט דעם פאַריאָגטן געדאַנק:
ווען מיר וואָלטן אַ רגע גרויס־זיין כאָטש געקענט —
אַ כאַפּטאָן אונזער קליינוואַרג אויף די הענט,
און לאָזן זיך מיט זיי ווי נאָכן עק פון ווינט — אַוועק, אַוועק, אַוועק.
אַריבערוואַרפן זיך, אַריבערשפּרינגען אַלע בלינדע גרענעצן פון שרעק
אַריבערשוועבן, איבערשווימען אַלע אָפּגרונטן פון ליידיקייט,
זיך אָפּרייסן פון דער פאַרפּלאָנטערטער, פאַרקניפּטער קייט — פון סדום.

ווילנלאָז

ווילנלאָז קומט יעדער טאָג צוקריכן,
און איך מוז אים מונטערן און וועקן:
זע נאַר, זע דאָס קליינטשיק אידל-מענטשעלע
שלעפּט זיך נאָך קוים נאָך זיין אַלטן שטעקן.

און ער איז געבענטשט פון גאָט דעם פאָטער,
וויל נאָך אַ געשפּרייטן טאָג אויף שבת,
אַ ליכט, אַ חלה — זאָל אַ לייכטן שיין דאָ
אויף דער ערד אַ שטראַל פון עולם הבא.

מיינסט, ער האָט פאַרגעסן? עובר-בטל?
ער געדענקט די קברים, ער געדענקט די גריבער.
ס'איז אַ וועג אַ לאָמער, דערנער, דאָרן, מידבר,
און ער וועט דעם וועג אַריבערגיין, אַריבער.

און דערווייל שטעלט מען זיך אָפּ אַ ווײַלע,
ברוך אדוני פאַר יעדער שטילער רגע,
וואָס מען קאָן זיך אָנשפּאַרן אָן אייגענעם שאָטן,
אין אַזעלכע צייטן, אויף אַזעלכע וועגן.

☆

זע די שפּל'ע קרעמלעך

זע די שפּל'ע קרעמלעך.
דאָ האַלט זיך דער דלות.
ער האַלט אָן די וועלט ביי דער פּאָלע:
אַ שמייכל של רחמים.

אפילו אַ קעצל רוט שטילער
דאָ הינטער אַ לאָדן.

אַ פייגעלע צוויטשערט דאָ
קינדערשע בשורות
פון דאַכשפּיץ אַרונטער.

דער אומעט דאָ — גלויבט,
אַ פרום-גלויביקער אומעט, —
שפּילט גאָלדענע ליריק
מיט הונגעריקע, מאָגערע פינגער.

וואו? אויף וואָס שפּילט ער?
אויפן ברעג פונם טיש.

דערנאָך פירט ער אַריבער דעם ניגון
אין די אייביקע בלעטער
פון אונזער הייליקן ספר
דעם געזאַלבטן פון גאָט.

✡

און דער ווייסער וואָגן מיטן ארון

און דער ווייסער וואָגן מיטן ארון
מיט די ווייסע שטילע קליינע פערד,
איז איבערן ווייסן וועג געפאָרן
אויף דער גרינגער ווינטערדיקער ערד.

ס'איז דער טאָג געווען אַ שיינער, אַ הויכער,
און דער קלאָרער הימל טיף און בלוי.
פון אַ ווייטן שטיבל האָט אַ רויכל
זיך געשלענגלט דין און גרינלעך-גרוי.

ביי דעם ברייטן אויפגעעפנטן טויער
זיינען שטיל די פערד געבליבן שטיין.
דאָ איז עס דאָס פעלד פון רו און טרויער?
יאָ, און ביידע זיינען שטיל און קליין.
איז די וועלט אַרום דען אַזאַ גרויסע?

זעסט די ווייט, דעם קלאָרן האָריזאָנט.
און דער טאָג, די גאַנצע נחלה דרויסן
ווי די שמאָלע שטובשוועל אזוי נאָענט.

ביי דעם בערגל ערד איז פרום געשטאַנען
אַ קליין וועלדל מענטשן שטומערהייט,

ביזן סוף פון וועלט דאָ — און ביז דאַנען
זייער ערשטן טויט אַרויסבאַגלייט.

גרויס דער טאָג נאָך, ווייסע פערד־און וואָגן
רירן פונם אָרט זיך, פאָרן
גיכער, גרינגער דורכן ווייסן פעלד,
ווידער צו דעם אָנהויב פון דער וועלט.

☆

איינער פון זיי

און ס׳טרעפט אַמאָל, אַז איינער פון זיי,
פון די זעקס און דרייסיק, דערפילט אין זיך:
צו שאַרף דער גלות, זיין סם און זיין ווײ,
זיין שטאַרקע בענקעניש נאָך ביאת-משיח.

פאַרזעצט ער זיך דעמלט אין אַ שפּאַרע וואו,
פאַרטיפט און פאַר׳דבקהט און אין תהילים-זאָגן.
דער צער פונם פאָלק טרעט צום האַרצן צו,
און שווער איז דער ווייטיק אַריבערצוטראָגן.

אַ טאָג פאַרגייט און אַ נאַכט פאַרציט,
און דער איד האָט קיין ביסן אין מויל נישט גענומען.
פּלוצלונג ווייזט זיך פון ווינקל אַ צווייטער איד,
מיט אַ גראָער באָרד, מיט אַ שטעקן אַ קרומען.

ער טרעט צו צו אים און אַ קלאַפּ מיטן שטאָק
אין באָדן און אַ זאָג: עד מתי, אביש?!
הויבט זיך אויף דער איד, טוט-אָן זיין שווערן ראָק,
קוקט אַרום זיך: פרייטיק? באַלד ערב שבת?

און ער איילט אַוועק גיך-גיך וועג-אַראָפּ
אין מרחץ זיך טובל צו זיין שוין און ווידער
ביים שטענדער אין קלויז און ער וויגט זיין קאָפּ
איבער די אותיות גדולות אינם געלן סידור.

ער איז ווידער געשטאַרקט און די לאַמעד־וואָוו
קענען טראָגן דעם עול און געדולדיק וואַרטן.

ווער ווייסט: אַט קומט ווייטער שוין תשעה-באב,
היט אָפּ די מחשבה פון בלינדע פאַרדאַכטן,

און צייל נישט די טעג אויף די פינגער, מ'טאָר
די סבלנות נישט טרייבן, נאָר זי איינצוצאַמען,
ביז וואַנען ס'וועט אויך דאָ אין אונזער דור
קומען צו אַ טאָלק צווישן הללן און שמאַי'ן.

☆

אַ מתנגדל הערט . . .

אַ מתנגדל פאַרבענקט זיך אויך אַמאָל
נאָך אַ קליין טראָפּנדל חסידות,
אַ קוק-טאָן אינם שמאָלן פענסטערל פון שטיבל.
שטייט אַ חסידל און טייטשט דאָס דאַוונען זיך אַליין אויף אידיש.
רעדט דאָס חסידל און טענהט זיך מיט גאָט אויס.
נישט נאָר מלך מלכי המלכים רופט ער אים,
נאָר פּשוט: טאַטע, טאַטעלע פון אַלע טאַטעס.
טאַטע זיסער, טאַטע ליבער, פאָטער גוטער.
גיב נאָך צו דעם פּיסנעם ברויט אַ ברעקל פּוטער,
און אַ שטיקל מלבוש פאַרן לייב אויף די יומטובים,
מען זאָל זיך קאָנען ווייזן צווישן קרובים.
גיב, אוי, טאַטע, טאַטע, ביזט דאָך אַזאַ גרויסער גיבער.
גוים גיסטו רעגן, וואַקסן זייערע פעלדער קאָרן, ווייצן.
אונז צענעצט דיין רעגן די פאַרפוילטע באַלקנס פון די שטיבער,
נאָר דו טוסט דאָס נישט חלילה אונז צו רייצן.
אָט, ס'האָט זיך געמאַכט אזוי, פאַרגאַנגען זיך,
און זיך פאַרבלאָנדזשעט דאָ אין שווערן דלות.
ווען דען די טעכטער אונזערע דאָ נישט זיין קיין כלות?
וועסטו זיי מיט אונז באַגלייך נישט צו דער חופה פירן?
און פאַר וועמען האָבן מיר דען אויסגעשפּרייט די גאָלדענע זאַמדן,
דריי איילן ווייט פון אונזערע שוועל-און-טירן?
זעסטו דען נישט אונטערן פאַרלאַטעטן, פאַרריכטן בגד,
ווי דאָס האַרץ פון אָרימאַן איז אויפגעריסן,
ווי עס שרייט אין שטילקייט, ווי עס וויינט אין שווייגן,

װי אַ יתום-קעלבל איין-אַליין אין שטעלכל בעקעט, מעקעט.
אָבער טאַטע אונזערער, דו אין דיין הויכן לויב,
װעסט זיך תמיד פאַר אונזער נידעריק געביי פאַרבויגן,
און אַריינגיין װי אַן אייגענער:
גוטמאָרגן, אידן מיינע.
און אַ װאונדער! ערשט האָט איטלעכער געהאַט אַ פול מויל
מיט טענה:

דעם איז ביטער, דעם איז פינסטער,
דעם איז קרום און לאָם און קאַלעמוטנע,
און אַ דריטן דאָ איז גלאַט אזוי ניט גוט,
גלאַט אזוי איז זיך אַ גוטן אידן נעבעך דאָ ניט גוט.
ערשט האָט איטלעכער געהאַט אויף זיינע פּלייצעס
אַזאַ פּאַק אַ שווערן.
און אין די װינקלען אויגן,
די פאַרשעמטע, די באַהאַלטענע,
די פאַרגנבעטע —
די מאַנזבילישע טרערן.
איצט — װי גאָרנישט װאָלט געשען ביז איצטער.
זיצט זיך אַ װייס חסידל
װי אויסגעשמידט פון קלאָרן זילבער,
און פאַרמורמלט זיך אין פּסוקים פון מה-טובו,
און קומט־אויף גאָר מיט אַ מעשה פונם קדושת לוי.
ס'איז אַ מעשה, און די מעשה װערט גאָר פּלוצלונג ניגון.
מעשה ניגון.

און דאָס גראָלעכע מתנגדל פון יענערזייט פענסטער
הויבט זיך אויכעט אָן אַהער-אַהין זיך װיגן,
און די אייגלעך זיינע נעמען אַזש מיט טרערן גלאַנצן.
און אָט נעמען זיך די חסידימלעך אַרום אין ראָד,
און זיי טאַנצן און זיי זינגען, און זיי זינגען-טאַנצן.
און דאָס מתנגדל פוניענערזייט כאַפּט אויף דערװייל אַ טאַנץ.
אַ מתנגדל האָט אויך אַ האַרץ.
און אין אַ מתנגדיש האַרץ אפילו
איז עפּעס אָנגעבראָכן און נישט גאַנץ.

אינעווייניק איז ער נישט אַרייַנגעגאַנגען.
נאָר אַז ער איז אַהיימגעגאַנגען
זיינען מיטגעגאַנגען מיט אים מאָדנע קלאַנגען.

אַ מתנגדל,
נאָר דורכן קליינעם פענסטערל פון חסידות
האָט ער זיך איינגעהערט:
אַ איד פאַרדאַוונט זיך אויף אידיש,
איז אים עפּעס נענטער געוואָרן וועלט און מענטשן.
און אַז ער איז געזעסן ביי זיין וואָכעדיקן טיש,
און גענומען ציען לאַנגזאַמער די פסוקים בענטשן,
האָט זיך אים אַריינגערוקט אַ גאָפּעלע צווישן די פינגער,
און ער האָט גענומען עפּעס אונטערקלינגען,
האָט זיין גאַנץ מתנגדות אויף אַ וויַיל פאַרגעסן,
און דאָס ווייב איז זיך אין קרעמל איבערן פייערטאָפּ געזעסן,
און געלייזט אַ זעקסער און אַ דרייער
און דאָס פייערטעפל האָט געגליט, געוואַרימט
מיט דריי לעצטע קליינע קוילן פייער.

☆

די גרויסע יורדים

פאַראַן און דו דערזעסט אַליין
די טרעפּלעך שטויביקע ירידה
און טאָרסט נישט אָפּהאַלטן דיין טריט פון גיין.
דו זעסט פון וויַיט די מדבר׳דיקע גראָע נידער,
דאָ און דאָרט אַן אבלדיקן שטיין,
וואו ס׳האָבן אָפּגערוט פון פּיין
די גרויסע, די גאונישע יורדים
איידער זיי זיינען צוגעקומען צו דער שוועל פון הקדש,
אָפּגעשטויבט די שיך,
זיך אויסגעגלייכט
און אַהין אַריין.
דאָרט טרעפסטו אַלעמען, אַלע.

אפילו די וואָס דו דערוואַרטסט נישט.
דאָ איז דער ערלעכסטער פּרדס,
דאָ טוען אַלע אויס די קרוינען, די עטרות,
די הייליקע טאָגעס, קאַפּטנס,
די געהויבענע ירושה־שטעקנס
פון הדרכה איבער דורות,
די שטאָלענע טייטלען פון הלכה,
אַלע שבעה שאַלעמויזן
לאָזט מען איבער אינדרויסן
אָדער אין אַ ווינקעלע פון קאָרידאָר.
אויף מיר אַזאַ יאָר,
ווי דאָס איז חשוב.

דאָס איז דער טרקלין העליון
אין סאַמע שפלה פון די זאַמדן,
דאָ איז די קרעטשמע וואו עם הארץ און למדן
זיינען גלייכע, ערלעכע און ריינע,
און קוקן זיך מיט חסד אין די אויגן.
די אוצרות וואָס מ׳האָט הינטער זיך געלאָזן
זיינען נאָר מתנות און נדרים.
אַליין איז מען געהויבן, ווען מ׳איז אָרים;
אַן אַנדער פרידן אין די שטימען;
נישטאָ קיין אָפּגאָט שוטה;
ווען און פאַר ווען זיך צו רימען.
ווער איז דער האַר פון אַזאַ גלייכגעוויכט?
ווער איז דער האַר פון אַזאַ שלום?
ווער איז דער האַר פון אַזאַ חסד?
ווילסטו פרעגן און דו פרעגסט נישט.
דאָ איז מילדע וואָך אַ גאַנצע וואָך,
און שבת צינדט מען אָן אַן איינציק ליכט
נישט לקדושה נאָר לזכר.
צי דאַרף די אייביקייט, די אייביקע נידער
צירונגען און לידער?
אומעטיקע דאַרפן שמחות,
אומרואיקע דאַרפן יומטוב.

אָבער יורדים?
יורדי הקדש?
אַלע כבודן — אַראָפּגעוואָרפן
פון די אַקסלען.
ליגן זיי, פאַרשטומטע שטיינער,
אויפן מיסטיקן הויפל.

אַ רואיקייט אַ הויכע און אַ ריינע
ליגט איבער די וועגן פון ירידה.

☆

מילדערונג

דיין וואָרט איז שאַרף, נאָר אין דיין קול
גייט מיט אַ מילדערונג, אַ היילונג.
דעם בעש"ט נאָר האָט דאָס מוסר-וואָרט
באַפוילן מעשיות צו דערציילן.

אין מעשה'ס ווערן די לאַנדשאַפטן ברייט —
אַ גרויס שטיק וועלט מיט בערג און טאָלן,
און אויף איר פּראָסטער, אָרימער פור
פאָרן דער גאון מיטן בעל עגלה.

אַ לאַנגער וועג און די וועלט איז שיין,
די פעלדער פול מיט פרישע סטויגן.
אַ טייך לויפט דורך און טוט אַ בלישטש
און וואַשט זיי ביידע אויס די אויגן.

נישט נאָר די אויגן — דעם מח אויך.
און האַרץ און צונג ווערן אויפגעבונדן.
צוויי אידן דערזעען, דערקענען זיך נאָנט,
און ביידע האָבן די ליולקעס אָנגעצונדן.

די ליולקעס ברענען, די הימלען טיף,
און ר' אליהו רופט זיך אָן צום אידן:
אפשר וואָלט איר, ר' דוד, אַוועקגעלייגט די בייטש,
און די פערדלעך מוזן שוין אויך זיין מידע,

איז לאָמיר זיך אַלע אָפּשטעלן דאָ,
אַזוי זיך במנוחה אַ שמועס צו געבן.
פון לערנען און, להבדיל, פון אָנטרייבן אויך,
באַשטייט נישט מסתמא דאָס גאַנצע לעבן.

רב דוד האָט די פערדלעך אָפּגעשטעלט,
און אָנגעשטעלט די אויערן צו הערן און פאַרנעמען,
וואָס דער ווילנער גאון וועט רעדן צו אים,
כאָטש ר׳ דוד שעמט זיך, ווער און פאַר וועמען?

נאָר ר׳ אליהו וויל הערן, פאַרקערט,
וואָס ר׳ דוד האָט צו זאָגן און צו דערציילן.
ר׳ דוד — האָט אַ קראַנקע אישה אין הויז
און דאַרף האָבן רחמים, דער בורא זאָל זי היילן.

ר׳ דוד האָט אַ אינגעלע אין דער ווייטער פרעמד,
אים אַוועקגעשיקט אין דער מירער ישיבה.
אָט פירט ער ביי זיך אין קעשענע פון ראָק
מיט קלייניקע אותיות פון אים אַ בריוול.

„גיט אַהער דאָס בריוול, ר׳ דוד, לאָמיר זען".
און דער ווילנער גאון נעמט דאָס בריוול לייענען
און לייענט עס מיט גמרא ניגון אַזוי זיס,
אַז ר׳ דוד וויגט זיך און ס׳ווילט זיך אים וויינען.

און ס׳ווערט אים גוט אַזוי אין איטלעך גליד,
און ביידע אידן ווערן ווי אייגענע ברידער,
און גייען אַרונטער פון פור ביים וועג
און שטעלן זיך דאַוונען אָן אַ סידור.

וואָס דאַרף מען אַ סידור, אַז גאָר די וועלט
איז תפילה און תחינה, און הויכע קדושה?
און די פערדלעך שטייען מיט די קעפּ צו דער ערד,
מיט טיפער הכנעה און באַנומענע חושים.

די עול׳ן

גאָט האָט איינגעטיילט די עול׳ן:
דעם שוסטער ביי זיין נידריק טישל,
דעם באַלעגאָלע ביי דעם דאַרן דישל,
און דעם בעקער ביי די אויוון-פלאַמען.
דו אַ כלומרשט איינשפּאַנער פון גראַמען,
זיי זאָלן גיין, זיי זאָלן טראָגן,
דאָס נישט-דערזינגען, דאָס נישט-דערזאָגן,
און מיט קנאה אין אַלע מיינע גלידער
קוק איך אין די שטויביקע פענסטערלעך
פון מיינע האָרעווענדיקע, ליבע ברידער —

אונטערן שוסטער-טישעלע זיך וואַרפן;
פאַר די שפּאַנענדיקע באַלעגאָלע־סוסים;
זיצן לעבן חיים ברויטבעקער צופוסנס —
ריחות קאָרן, ריחות הייסע ווייצן,
און זאָל זיך מיט מיר די ווילדוועלט דאָ נישט רייצן.

אַז אוואו וועל איך פאַרפאַלן־ווערן
מיטן אומעט, מיט די זינד איבער מיין שטערן,
מיטן מוסר, מיטן צווייפל אין מיין לשון?
אַלע אָוונטלאָמפּן שטייען אין מיין גאַס פאַרלאָשן;
אַלע טירן, אַלע לאָדן צוגעשלאָסן,
אַלע, אַלע זיינען זיך פון דאָרט צעלאָפן.

✡

גיב מיר וואָכטעג

יומטוב, יומטוב.
יומטוב איז מיר נאָר אַן אויסרייד
פון דער ליבער און געטרייער וואָך אַנטלויפן,
פון דעם וואוילן טיש מיט אַרבעט,
פונם גוטן פרומען שכן.

מאָך מיר ליב די שעה פון מיטוואָך,
גיב מיר טעם פאַר וואָכיק לעבן.

בענטש מיין האַנט מיט פרומען חסד
אַז די אַרבעט זאָל מיר שיין זיין.
אויב די נאַרישע דריי ספרים חכמה
האָבן מיך פאַרפירט אין גאווה,
אויב די זיבן פריצישע לידער
האָבן מיר דעם אָקסל פאַרריסן,
זאָג מיר גלייך אין פּנים: שוטה.
טראָג מיר גלייך צום נאָז דעם הייליקן פּסוק
מיטן האַרבן טראָפּ: מאין באת.
גלויב מיר, גלויב, בין ניט אַזאַ עקשן,
כ'וואַרף אַראָפּ פון זיך די געשייערטע עמבלעמען.
פיר מיך צו דער וואָך אַריין אין וואַרשטאַט,
אָט דער בחור, זאָג איר, וויל דאָ בלייבן.
קוק נישט אויף זיין שיינעם שטערן,
ניט אויף זיינע פאַרחשובטע ברעמען.
גיב אים וואָס דו ועסט אים געבן,
הייס אים וואָס דו ועסט אים הייסן.
וועט ער אפשר הונגעריק ווערן,
וועט ער אפשר מיד דאָ ווערן
פאַר דעם פּראָסטן טעם פון לעבן
און נישט וועלן, און נישט זוכן
גאָלדענע וואונדער שאַלאַמויזן,
און דאָס ביסל גנאָד און גלויבן
וואָס ער האָט אין זיין רשות נאָך,
וועט ער זיך מיט ליבשאַפט טיילן
מיט אַ שכן, מיט אַ פרעמדן,
מיט אַ אינגעלע אַ יתום,
מיט אַ מיידל פונם מאַרקפּלאַץ.
אָן שלוחים, אָן שטאַפּעטן
פון געזאַנגען און פון חכמה.
ליב און זיידן וועט אים ווערן
דער פאַרמאַטערטער אָוונט־אָנלען:
אָט אַ טאָג, אַ ברודערלעכער!
מאָרגן גיב מיר נאָך אזוינעם,
מאָרגן בענטש מיך מיט נאָך אַזאַ־מין.

אַ ל ע

מיטאַמאָל פאַרכאַפּט מיך אַזאַ אויפגעריכטקייט,
כ׳קוק אַרום זיך: סאַראַ וועלט, אַ דרויסן.
ביימער הייבן-אויף די גרינע צווייגן,
מאַמעס — זייערע קינדער אויף די שויסן.

מילך און האָניק — זון און נייער הימל,
און דער רעש אַרום זינגט: מוטיק! מונטער!
ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי: די טעג פאַרגייען,
ס׳דאַכט זיך נאָר אַזוי: אַ דור-אַרונטער.

ס׳איז אַ גאַנג אַזאַ נאָר, אַ פּראָצעסיע;
מיר באַגעגענען זיך נאָכאַמאָל און ווידער.
עמיצער נאָר וואַרפט זיין שיין-און־שאָטן
איבער אונזערע פּנימער און לידער.

מאַסקעס — העלע, טונקלע. וואָסזשע אַזאַ ערנסט,
אַזאַ אָנגעצויגנקייט און אַזאַ גליווער?
ווי דער בלאָער שמייכל ביים פאַרנאַכט־טייך,
גוטמוטיק דער פרידן אויף „ספּון-ריווער״.

נאָר אַ גרינגער, הײַפּענדיקער פויגל
לייענט גיך דאָרט די מצבה-סטראָפן.
ווער איז דען ניט אויפן דאָזיקן בערגל
קינדיש זיך געגאַנגען לייגן שלאָפן?

יעדער מיט זיין האָפנונג, מיט זיין חלום,
ווי אַ שיינע ליאַלקע אויף זיין אָרעם.
זעסטו דאָ און דאָרט אַ צאַצקע-צייכנונג:
אַ לעמעלע, אַ טייבעלע — אויף קברים.

זאָג נישט גאָרנישט, — וואָס איז דאָ צו זאָגן?
וואָס איז דאָ צו ריידן און באַשיידן?
אַלע האָבן שוין געזען דעם גהינום,
אַלע שלאָפן רואיק אין גן-עדן.

אַ שטומע שעה

אַט-אַזוי ביי אונזער וואַנט דאָ,
מיט די אַלץ און אַלץ-דערפאַרער,
האָבן מיר קוים אַ לויט מחשבה,
קוים אַ צאָרן-פונק פון נביא —
וואו? אויף וועמען אים צו וואַרפן?

גיין צום שטומען דיין פרעגן:
דיין, כ'האָב אויף גאָט אַ שאלה,
און אַ שווערע, און אַ האַרבע,
וואָס וועט מיר דער דיין זאָגן?
כ'זאָל זיך מיט דער שאלה שלאָגן
קאָפּ-אָן-וואַנט שוין ביזן שטאַרבן.

וואו זאָל איך זיך דאָ אַהינטאָן?
ס'בלאָזן ליידיקייטן, ווינטן
איבער מיר פון אַלע זייטן.
און די שעה איז אַזאַ שטומע,
ווי דאָס שווייגן פון אַ טויטן.

אומהיימלעך מיין אייגענער אָטעם,
אומהיימלעך מיין אייגענער שאָטן,
וואו-זשע זאָל איך זיך אַהינטאָן?
וואו-זשע זאָל איך זיך אַהינטאָן?

☆

די ברכה

און גאָט האָט אים געבענטשט, אַזוי-צו-זאָגן:
אויף דיין וואָרט, אויף דיין ליד זאָלסטו לעבן
און קיינמאָל צו דער ליכטיקער רו וואָס דו גאַרסט —
צו דער שלווה פון בעטלער — ניט קומען —

זיך נישט שעמען מיט זיך,
מיט דיין האַרביקן מזל;
ניט פאַרשטעלן די טאַרבע
מיט געשליפענע משלים.

און ער האָט פאַרנייגט זיך, זיך איינגעבויגן —
אַ יורד וואָס שמייכלט פאַרפייניקט און קינדערש
אַרויס פון זיין חרוב׳דיקייט און ירידה.

ער האָט זיך געהייליקט, געאייביקט דעם טרויער פון לידער,
וואָס טרייסטן און שטילן — און רייסן־אויף שווער דעם יאוש;
וואָס קומען מיט דיר טיילן דיין ווינקל, דיין טונקל,
און לאָזן נאָך זיך איבער קאַלטע, עלנטע מיילן.

☆

ביי אונז אַ אינגעלע...

ביי אונז אַ אינגעלע
דאַרף זאָגן קדיש,
דאַרף גרייט זיין
אויף אַ הייליקער עקדה.

יאָרטויזנטער וועלטן־לויב —.
און אין יעדן קלויסטער־מזרח
דער בלוטצייכן פון אונזערע יסורים.

אויף אייביקייטן האָבן זיי אָפּגעדונגען
אין אונזער אַ קליין אָרים גליל־דערפל
אַ אידישן בלייכן יונגערמאַן, אַ שטילן
מיט תפילה׳דיקן צער איבער די ברעמען
און אויף די ליפּן — פּיין פון תהילים.

אין אונז טריפט וויסטע אימה,
מיר מונטערן די נשמה מיט בטחון,
מיט הימנעס אויף פאַרשטויבטע מיטינגען,
האָפנונג־לידער, גלויבן־שבועות,
אַז ענגלאַנד וועט אונז צוהערן,
אַז אַמעריקע וועט וואויל זיין.

נאָר מיט זיין גאָרן שטאָל און אייזן
האָט זיך דער גויאישער פּאָגראָם אָוועקגעלייגט
אויף דער שוועל פון אונזער געשיכטע,
און טרעט נישט אָפּ,
און טרעט נישט אָפּ.

כ׳וועל אָנקומען אַמאָל...

כ׳וועל אָנקומען אַמאָל צו מיינע ווייטע, אַלטע-אַלטע קרובים
און טרעפן דאָרטן אַלץ נאָך ווי אַמאָל און ווי געווען.
די גרויסע ברייטע וואָך האָט נאָך די ליכטיקע יומטובים.
ווי גוט איז וואָס מ׳יר קאָנען זיך נאָך אַלע זען.

ס׳ווערט אָוונטיקער אַלץ און טאָליקער און גראָער, שפּעטער,
און ווען דו קומסט נאָך פריער מיט אַ טאָג, אַ שעה,
וואָלסטו געטראָפן נאָך ביים טיש מיט אַלעמען דאָ אונזער פעטער,
דעם אַלטן הילל — און אַצינד איז ער שוין מער נישטאָ.

געדענקסט דאָך אים נאָך פון אַמאָל, זיין חכמה און זיין קול-נגינה,
זיין ברייטן יונגן שמייכל און זיין זוניק אויג.
איז נאָך געווען ביים שכל און ביים פולן זינען,
כאָטש ס׳האָט די וועלט זיך ווי אַ חורבה איבער אים געטאָן אַזאַ בויג —

אזוי האָט ער געזאָגט — אין תהום מיט אים אַרונטערפאַלן,
נאָר ער האָט זיך באַצייטנס אָנגעכאַפּט אין זיך אַליין,
און זיך דערזען: ביים פענסטער שטייענדיק
און ברומענדיק זיין הימן: עוזר דלים,
און רואיק שטיל געוואַרט, מען זאָל אים רופן גיין.

☆

נו, יאָ...

יאָ, זאָגנדיק און רעדנדיק וועגן דער היינטיקער צייט,
איז כדאי זיך אַביסל אויסטשוכען פון איר,
וואָסזשע בלייבט דיר מער, אויב שטאַרבן איז נאָך שווער
און דו ליגסט ווי אַ הונט ביי דער וועלטס הינטערטיר?

וואָס בלייבט דיר מער ווי, פון עלנט און לייד,
מישן דאָס צעגעלטע שמות־פּאַפּיר
פון שבחי בעל־שם און ווי בלינדערהייט
אָנטאַפּן דאָס ליכט פון דער וואַרימער פרייד, —
די הייליקע פרייד וואָס האָט פון אים געהעלט
און צוריקגערופן צו דער שוועל פון דער וועלט.

כאָטש די שוועל איז געווען אָרום און אָרום
פאַרגאָסן מיט בלוט — ער האָט עס אויך געזען,
נאָר ער האָט נאָך גערעדט שטיל־פרידלעך און פרום, —
ער איז אַנדערש ווי דאָס גאַנצע פאָלק געווען.

און דאָס פאָלק האָט צו זיין קול זיך צוגעהערט.
ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער הוילער ערד
און זיי — אַרום אים און ער האָט צו זיי אַזוי־געזאָגט:

אודאי זיצן מיר שבעה נאָך די
וואָס זיינען שוין הייליק און מער נישט הי,
וואָס האָבן אונטער דעם אכזרס שווערד,
גאָטס נאָמען מקדש־געווען פאַרן טויט.
נאָר מיר זיצן אויך אויף דער נאַקעטער ערד,
ווייל זי איז אונזער מאַמע און זי גיט אונז ברויט,
און זאַלץ, און וואַסער; איז אונזער אַלעמענס רו,
און מען טאָר זיך נישט אָפּזאָגן פון איר גאָב.

איך בין געווען אַ בעלפער, מיינע ברידער, ווי איר ווייסט,
פון וואָס מיינט איר, האָט מיין אומעטיק האַרץ
געשעפּט טרייסט?

פון אַ אינגעלע פאַרנאַכט אין חדר אַמאָל,
וואָס האָט פון גרויס מידקייט — אַ אינגעלע אַ בלאָס —
אַוועקגעלייגט אויף דער הוילער ערד דעם קאָפּ,
און זיס געדרימלט — כ'האָב זיך צוגעזעצט
אויף דער נידריקער באַנק פונדערווייטנס און געוואַרט
ביז עס וועט זיך אויפוועקן, שאַ און שטיל,
און כ'האָב אויך מיינע ברעמען צוגעמאַכט.

אַרום איז געוואָרן בלאָ, בלאָ, פאַרנאַכט.

פאַרנאַכט איז שלום, פאַרנאַכט איז רו.
פאַרנאַכט און פעלדער, פאַרנאַכט און שליאַך.
און פונווייטנס דאָרטן — דאָרט שטייט די מיל
אויפן שטילסטן בערגל, די פליגל פאַרלייגט,
ווי אַ מידער פויגל וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט
אויפן רויקסטן בערגל פון דער גאַנצער וועלט.

איז וואָס מיינע ברידער דאַרפן מיר אָפּלערנען דערפון?
אַז היילִיק און אייביק איז איטלעך אָטעמל לופט,
און איז אַ לעבעדיקע נשמה און וואַרט אויף אַ גוף.
און איצטער, נאָך איצט איז בראשית פון דער וועלט.
יעדן פרימאָרגן קרייט דער האָן אויפן רויטן מאָרגן־פלויט:
יהי אור! יהי אור! זאָל זיין ליכט אויף דער וועלט!
יהי אור! יהי אור! זאָל זיין ליכט אויף דער וועלט!

☆

ג ר אָ ע ר ו

דער זיידע קומט נאָך צו־חלום
אין זיין גאַנצער הויך און שלאַנק.
ער קומט אין אונזער ענגן אַלקיר
וואו דער טאַטע ליגט קראַנק.

ער זעצט זיך ביי זיין בעט אַנידער,
און רעדט מיט אים זייער שטיל.
בייגט זיך אָן און פרעגט מיט גוטסקייט,
וואָס ער וויל.

דער טאַטע טוט דעם קאָפּ אַ שאָקל:
ניין, ער וויל גאָרנישט ניט.
אַ שטומען מורמל: ער ווייסט נישט
וואָס ער איז אזוי מיד.

זיינע בלייכע אויגן־דעקלעך
עפענען זיך, מאַכן זיך צו.
פון אַלע פיר אַלקיר־ווינקלען
שאָטנט גראָע רו.

☆

דו גייסט זיי פאַרביי...

איך ווייס: דו גייסט זיי פאַרביי די וועגן,
די דרכי המלך פון די גרויסע פעלקער,
די אומות העולם, אזויווי דיין טאַטע
האָט אַוועקגעקוקט דאָ דעם עולם השקר,

מיט די הויכע געבייען און בלאָע קופּאָלן,
און ביזט נישט מקנא דאָרט זייער הרחבה;
איז לאָז מיך דיר נאָכגיין דיינע שטילע וועגן,
און הערן דעם מורמל נאָר פון דיין מחשבה.

אויך איך בין אָן קיינעמען דאָ נישט געבליבן,
און זוך וואו דעם קאָפּ נאָר אָנידערצולייגן.
איז ווער נאָך חוץ דיר אינם דאָזיקן געגנט
פון ניינצן־פיר־און־פערציק געבליבן מיר אייגן?

אַמאָל נאָר, אינמיטן־נאַכט, ווען דו וועסט אויפשטיין
וועל איך אויכעט אַרונטערגיין פון מיין געלעגער
און אַלע דריי וועלן מיר ניגונ׳ען תהילים —
דו און איך און דער ביינאַכטיקער זייגער.

☆

טואזוי...

רעד אין נוסח פון געשטראָפטע
און דיין וואָרט וועט ערלעכער ווערן,
און אין דיין ליד וועט רוען שטילקייט,
ווייסקייט, ווי אויפן געלעגער
פון די קלוג־געלייטערט קראַנקע —

טרויריק־שמייכלענדיק געגאַנגען,
טרויריק־שמייכלענדיק שטיל דאַנקען
בלייכט אַרויס פון זייערע אויגן —
לעצטע בלעטלעך אויף אָקטאָבער צווייגן.

שווייג מיט בוימער הינטערן שטאָט־וועג,
האַלט זיך ביי דער זייט פון אַלעמען,
טראַכט נאָר תמיד: ביזט לעצט־אָרים.
גלעט מיט וואַרעמע גוטע אויגן
קינדיש אויף די שמאָלע אַקסל, —

און דיין אָרט וועט ערלעכער ווערן
און אין דיין ליד וועט רוען שטילקייט.

וועלט

אַז אַ בית המקדשל ווערט צעשטערט,
לויטערט די הייליקייט אויף פשוטע בערד,
און די מעשים טובים בליען אויף די הענט
און די הייליקסטע תפילות — פאַר די גראָע ווענט.
און די גלות-ספרימלעך זיינען נישט קיין תנ״ך,
זיינען געשריבן אין דער ניט-הייליקער אָרימער שפּראַך —
אַ פשוטע כלי פאַר וואַסער נישט קיין וויין.
ווען איינער קומט פון שטויביקע יאַרידן צוגיין,
אָן רו, דאָס פנים און דאָס קלייד פאַרשטויבט,
און דער מח פון ליידיקע טומלען פאַרטויבט, —
אַ שעפּ פונם ספרל און די אגדה רעדט,
ווי ס׳איז גוט ווען אַ מענטש וואַכט אין נאַכט-אַריין שפּעט
ביי אַ וואַנט אין קיך,ביים טיש, אַליין,
וואַסערע גאָלדענע מחשבות קומען נישט צוגיין
און מאַכן אים ליכטיק אין האַרץ און אין מח,
און גיבן אים נייעם געלייטערטן כח.
ווי ווינציק די שעה פון שלאָף און ווי קאַרג,
גייט ער דעם נייעם טאָג אַנטקעגן געשטאַרקט,
און קומט אויפן גרויסן מאַרק אַרויס
מיט פרייד ווי צום שוועל פון גאָטס הייליק הויז.

☆

רב נחמן

זאָל ער מיר מוחל זיין, רב נחמן,
ר׳פינקלט מיט גרויס ליכט,
טונקלט מיט גרויס שאָטן,
און ער שרעקט מיך.

די תורות פון זיינע מעשיות
אומרואיקן, וועקן די נשמה,
וואַרפן זי אַרום
אין אַ פוסטן מרחק צווישן וויטע וועלטן.

עס בליצט התעוררות,
עס צאַפּלט ס׳האַרץ אין הויכן וואונדער:

רבי, רבי, האַלט מיך פאַרן האַנט,
נישט לאָז מיך וואַקלען אויפן ציטערדיקן ראַנד.
נעם נישט צו די ערד פון מיינע בליקן.

כ׳מוז זען פאַר זיך אַ דמיון וועלט,
אַ פעלד מיט אַ בוים אויף זיך,
אַ שטוב מיט אַ דאַך אויף זיך.

☆

זעקס לידער

א

איך האָב באַלד שוין פון זיך אויסגעזונגען
אַלע לידער, אַלע מיינע ניגונים.
וועסט מיך צודעקן מיט גראָז,
וועסט מיך איינהילן,
וועסט מיך איינראַמען אין רו
ווי דעם בעל-שם-טובס ברונעם.
וועסט מיך איינוויגן אין חלום
מיטן ניגון פון מיינע אייגענע ניגונים.

ב

אַלץ וואָס דו האָסט מיר געגעבן
איז געווען דער זיסטער
און דער ביטערסטער,
דער ליכטיקסטער און דער פינסטערסטער
און שענסטער חלום — פון דיין אייגן לעבן.
דו ביזט אויכעט אייביקער וואָגל, גאָט,
פון היים צו געהיים,
פון אָפנקייט צו סוד.
און אין איטלעכן פון אונז
מאַכסטו דיין אכסניה אויף אַ שעה

און ווײ איז דעם פֿאַרשאָלטענעם
ווען דו קלײַבסט זיך פֿון אים אַרויס
און ער בלײַבט נאָך אַלץ דאָ.

ג

מיט אונז ביסטו נאָר גוט
ווען דו ביסט קלײן מיט אונז,
ווען דו ביזט נידעריק מיט אונז,
ווען דו לערנסט מיט אונז דעם אלף בית
פֿון די זאַכן, וואָס מיר זעען און הערן
און קענען פֿאַרשטײן מיט אונזערע ליפּן,
מיט אונזערע ווערטער,
מיט אונזערע טרערן.
נישט ווײַז זיך פֿאַר אונז קײנמאָל שענער
ווי דער חן פֿון אונזערע קינדערס אויגן,
און נישט העכער ווי די פּירות
אויף די בוימער צווײַגן,
מיר זאָלן זײ קאָנען בענטשן —
מיט דער הנאה קטנה
פֿון געזונטע מענטשן.

ד

אַ קערן זאַלץ צום ברויט — איז גענוג
די זעטיקײט זאָל זײַן באַטעמט.
אַ שמײכל צו דער נויט — ווערט קלוג
דער טרויער און שטילט דעם סם.
איך קאָן זיך נישט באַקלאָגן, אַז דו האָסט
פֿון אָט די חסדים מײַן האַנט אויסגעלאָזט.
נאָר אַפֿילו אַזאַ חכם ווי איך איז נאָך שווער
צו פֿאַרשטײן וואָס דו האָסט אים געבראַכט אַהער
און האָסט אים אַוועקגעזעצט אויף דײַן חדר־באַנק
און קלאַפּסט אויף זײַן מח אַן אײנציקן געדאַנק,
און די פֿונקען פֿליען איבער דער גאַנצער גאַס
אין דער נודנער מאָנאָטאָנער פֿאַרגענגלעכקײט —
וואונדערלעך געשמאַקע מוזיק־משוגעת.

ה

זיצט ביים ברייטן טיש דער גרויסער חכם,
און אַרום אים פון אַלע זייטן דרייצן אינגלשע נאַראָנים,
ער לערנט מיט זיי אַלטע, אייביקע תורות.
יעדע וואָך ווערט דאָ אַ נאַר אויס טיפּש,
רוקט ער זיך אַוועק אַביסל ווייטער פונם לערער —
ביז ער קומט צום לעצטן ברעג פון טיש
באַקומט ער שוין די אויגן פון אַן אפּיקורס.
רופט דער חכם אים צוריק צו זיך שוין ווידער,
הויבט אָן נאָכאַמאָל פון סאַמע אָנהויב סידור,
און אזוי דרייט די ראָד זיך דאָ אָן ענדע.
אויב איר ווילט זאָגט אויך, אַז דאָס איז אַ לעגענדע.

ו

פאַראַן אַ צייט וואָס איז אַליין אַ בית-המקדש,
און אירע דיכטערס לידער זיינען הייליק,
ווי דאָס געזאַנג פון די לוויים.
אונזער הייליקע שעה האָט נאָך נישט געשלאָגן,
מיר פאָרן הינטערוועגס אויף אַ וואָכיקן וואָגן
און זינגען פאַרן הוילן דרויסן.
מיר פאָרן אין דער גרויסער שטאָט
פון דעם הייליקסטן תנא.
מען ווייסט נישט וואו זי איז;
אין מזרח, אין דרום, צי אין צפון,
נאָר זייער זייער ווייט פון דאַנען,
אין איינער פון די פיר וועלטן און אין-סופ׳ן.

☆

צו דיר

טאָג-אויס, טאָג-איין, טאָג־אויס, טאָג-איין,
מיר האָבן זיך ביידע איינגעשפּאַנט
אין בלינדן וואָגן פון באַשערטן יאָך
און שלעפּן, ווי די שווערע קלעצער פון אַ וואַלד,
די אויסגעהאַקטע טעג פון דער וואָך.

לעצטע לידער

אַמאָל שטיי איך אינמיטן טאָפּטשען צו
און גיב אַ קוק, אַן אומעטיקן קוק אויף דיר:
איך בין שוין מיד.
איך וויל שוין נישט דעם שׂכר.
כ׳פאַרטראָג שוין נישט די שטראָף.

ס׳פאַרלירט אַלץ מער דעם חן
ס׳בהלה׳דיקע שטיקל וועלט.
דער ראָם און דער יאַרמאָ
וואָס מ׳האָט אונז ביידע דאָ
קאָפּ צו קאָפּ — אַריינגעשטעלט.

דו ענטפערסט מיר צוריק
מיט אַ זיך-בעטנדיקן, שטילן בליק:
די קינדער זיינען נאָך קליין,
און ווי וועל איך אַליין אַריבערגיין
אַזאַ מין באַרג מיט שטיינעריקע זאָרג?
און איך בויג־איין מיין קאָפּ,
און שעם-אַראָפּ מיין אויג
און בייס ביז טרויעריקן פּיין מיין ליפּ:
ווי אומעטיק איך האָב דיך ליב.
ווי מוראדיק איך ווייס,
אַז קיינער אויף דער וויטער ערד,
און קיינער ניט אויף אונזער נאָענטער גאַס,
וואָלט דיין פאַרלאָרנקייט,
דיין שטומגעשריי דערהערט.

איך טרעט אָפּ נאָר אַ קאַרגן טראָט,
און זע ווי קאַלט עס קוקט איבער דיין מאַמעדיקן קאָפּ
מיט זיין שטאָל־גראָען אויג דער גאָט,
וואָס האָט אונז דאָ צונויפגעבראַכט
אַמאָל, אַמאָל אין אַ האַלבער-לבנה נאַכט,
און איבער אונזערע יונגע קעפּ
גן-עדנ׳דיק אַזאַ מין ברכה געמאַכט:
פּרו ורבו.

שפּעטער ערשט, נאָך די וואונדערלעכע טעג,
און נאָך די אייביק גרויסע, גרויסע נעכט,
ווען מיר זײַנען שוין געוואָרן צו-איין-לײַב,
האָט אויפגעריסן זיך אין אונזער בלוט
אַ טונקעלע, זיך אויסבאַהאַלטנדיקע פרעמד.
האָסט מיך אַ כאַפּ געטאָן בײַם האַנט:
דו אינגל! נאַר!
וועסט אָפּרײַסן די וואַנט,
און ס׳גאַנץ געבײַ און גאָר די וועלט
וועט אומפאַלן אויף מיר.
האָסטו דען נישט אַליין געמאַכט די וועלט?
דעם דאַך, די שוועל, די טיר,
די פענסטער און די ווענט די פיר?
דאָס איז דאָך אונזער ביידנס שיינע שטייג.
אָט האָסטו נעכטן ערשט אין מזרח-ווינקל דאָ
אַרויפגעקלעפּט מײַן טאַטע-מאַמעס בילד
און האָסט געזונגען שטיל: ס׳איז שיין.
אָט האָסטו נעכטן ערשט געבראַכט פון מאַרק
אויף דײַנע שטאָלצע אַקסל, ס׳קליינע ווײַסע בעט
און לעבן בלאָען פענסטער עס אַוועקגעשטעלט,
דאָ-אָ לעבן פענסטער פון אונזער וועלט.

איך הער נאָך ווי דו האָסט גערעדט.
דײַן קול איז הויך.
דערציילסט אַלץ וואָס דו טראַכסט.
איז דען דײַן לײַב שוין מער נישט גוט צו מיר?
וואָס שטעלסטו זיך אַזאַ מין שטאַרער,
דאַרער, שטאַרקער בײַ דער טיר?
וואו ווילסטו גיין אָן מיר?
וואו ווילסטו זיין אָן מיר?

און כ׳האָב דיך אומעטיקער, אומעטיקער,
אומעטיקער דיך נאָך ליב געהאַט.
געזען: דײַן פּנים בלײַכט זיך דורך די טעג,
דײַן קלייד הענגט טרויעריק מיד איבער דײַן לײַב.

אַמאָל, אַ רעגנדיקער זונטיק-טאָג געווען,
די קינדער זיינען איינגעשלאָפן ביי דער וואַנט.
האָסטו אַרויפגעהויבן וואויל צו מיר דיין אויג:
ווי ליב מיר איז דאָס אַלטע גראָע קלייד,
ווי זיס מיר איז דאָס נעכטיקע לאַבן ברויט,
דער מאַמעס טערקיש געל ירושה-טוך
נאָר דו — דו ווילסט עפּעס פון מיר,
פאַרוואָס בין איך נישט גוט און שיין פאַר דיר?

און כ׳האָב זיך צוגעבויגן צו דיין האַנט,
נישטאָ קיין אַנדער אָנהאַלט דאָ,
ווי אין דיין דינער, מידער האַנט.
נישטאָ קיין אַנדער טיר
ווי אין דער גראָער וועלט צו דיר,
דאָ אין דער מידער, גראָער וועלט צו דיר.

☆

און אַלץ וואָס איך וויל

און אַלץ וואָס איך וויל איז גאָר גאָרנישט,
איך וויל נאָר, אַז דיר זאָל זיין גוט,
דאָס איידעלע קלייד זאָל דיר קליידן,
און פּאַסן צום פּנים — דיין הוט.

איך האָב אַזוי ליב ווי דו קליידסט זיך,
די פאַרב וואָס דיר גייט אַזוי צו,
צו דיינע בלאָ-קינדערשע אויגן
דאָס ליכטיקע גרין — ס׳איז אַ רו,

אַ פרישקייט, אַ ציטער פון גראָזן,
פאַר פאַרנאַכטיקן ווינט אומגעריכט.
מיר איז טרויעריק תמיד — אפילו
פאַרן יונגן פרי־זומערדיקן ליכט.

וואָס קושט אַלע שויבן און פענסטער
און ווינקט הינטער פּלויטן און ווענט.
ווי אַזוי האָב איך דיך דען באַגעגנט,

אונ ווי האָסטו מיך דען דערקענט?

און ווי קאָנסטו טיילן מיין גורל
אַצינד, אַז אַלצדינג אַרום מיר
ווערט שאָטן און בייגט זיך און לעשט זיך,
און גייט דורך אַ הינטערשטער טיר.

זיי שטאַרק, נעם צונויף אַלע כוחות
און טייל פון מיין גבול זיך אַרויס.
רייס אָפּ דיינע טריט פון מיין גרעניץ,
דיין אויג, דיין געמיט — פון מיין הויז.

און טראַכט נישט אפילו פון קומען
אַמאָל און מיך זען, וואָס איך מאַך.
די זעלבע פיר איילן, דער שאָטן,
וואָס בייגט זיך אַראָפּ פונם דאַך,

און טיילט אין אַ גראָען באַזונדער
מיך אָפּ פון דער איבריקער וועלט.
ס'איז נישט קיין קאַפּריז אָנצורופן
אין לידער מיין הויז — מיין געצעלט.

ביזט איינמאָל, אַ נס, מיר געשען דאָ,
און ניסים — זיי לעבן נישט לאַנג,
און ווען זיי פאַרגייען בלייבט איבער
פון זייער גרויס שיינקייט — אַ קלאַנג.

און אַלץ הויבט זיך אויף פונם באָדן
און ווערט דורכזיכטיק, ציטערדיק דין,
און ווייסט קוים אַליין וואו דו ביזט דאָ,
און וואו דיינע טעג קומען-הין.

☆

צו...

כ'בין אַליין צו זיך איבערגעלאָזן,
און איך היט זיך, אין חשד און אין מורא.

מיט מענטשן — אזויווי פֿאַרבלאָנדזשעט,
מיט זיך — אָן אַן אָנשפּאַר, פֿאַרלוירן.

כ׳קאָן די אומרו פֿון צייט נישט דעריאָגן,
און וואו נאָר איך זע אויף די וועגן
אַ שטיבל צו־זאָ־מענ־געשלאָגן
דאַכט זיך מיר — פֿונמיינעטוועגן.

אָט־דאָ אין די ווענט פֿונם הייזל,
וואָלט איך שוין אויף תּמיד געבליבן,
און מער זיך אין ערגעץ נישט ווייזן,
און אפֿשר אַ בריוו בלויז געשריבן

צו דיר, וואָס דיין נאָמען פֿאַרציטערט
נאָך אויף מיינע ליפּן אין וויטיק.
נאָר כ׳בין נישט ברוגז, פֿאַרביטערט,
נאָר כ׳דאַרף דיך נאָך פֿאַרט אזוי נויטיק.

איך ווייס? אפֿשר וועסטו נאָך קומען?
די טעג ווערן אָוונטיק, שפּעטער.
איז ברום איך דיין נאָמען, דיין נאָמען,
און בעט צו אים, הער נישט אויף בעטן.

דאָס איז מיר אַליין שוין אַ היילונג,
גענוג דאָ פֿונמיינעטוועגן.
און כ׳הער זיך נישט אויף צו דערציילן
דעם נס, וואָס איך האָב דיך באַגעגנט.

די גרויס פֿון די טעג און די יאָרן
פֿון אונזער זיך האַלטן צוזאַמען —
צווייִ צווייגן — פֿאַרפּלאָנטערט געוואָרן,
הויך־הויך איבער זייערע שטאַמען.

✡

אַ קלאַנג

אַ העמד אַ לייוונטס אויפֿן לייב,
אַ פּריינט אַ פּשוטן, אַ וואוילן.

אַ מאַמעדיק, געטריי גוט ווייב, —
אַ טיכל, שיך מיט קליינע זוילן.

און קיינמאָל נישט געזען פּאַריז,
און קיינמאָל נישט געווען אין לאָנדאָן.
אין חלום נאָר געזען די פּיס
די ליכטיקע פון דער זשאַקאָנדע.

פאַרוואָס גראָדע די פיס ? אזוי.
אַ חלום פרעגט מען נישט קיין קשיא.
דער טייך און הימל — גרינלעך-בלוי,
האָט זי די פיס ביים ברעג געוואַשן.

מסתמא האָב איך פריער אַ שעה
דאָס בוך פון רענעסאַנס געלעזן.
דער רענעסאַנס — אַ הימל-בלאָ,
וואָס וועט זיך קיינמאָל ניט פאַרלעשן.

✡

ח נ ה ל ע

חנהלע מיין טייערס,
כ׳האָב פאַר דיר אַ גרוס.
נאָר איידער כ׳וועל דיר אים געבן
גיב מיר פריי׳ר אַ קוש.

— טאַטעלע, מיין טייערס,
נאַ, צייל זיי ניט,
מיינע בעסטע קושן,
נאָר דערצייל עס נישט.

נישט דער מאַמען, טאַטע,
און נישט שיוקען, הערסט ?
— גוט, מיין טייער חנהלע,
כ׳טו ווי דו באַגערסט.

און דעם גרוס ? היינט האָב איך
אויפן גאַס געזען,
דעם ערשטן טאָג פון זומער,
ביי דעם גאָרטן שטיין.

האָט באַקוקט די ביימלעך,
און געפרעגט אויף דיר.
וואָס איך האָב געזאָגט אים —
לאָז עס שוין צו מיר.

— טאַטע, ליבער טאַטע,
קליגסטער אויף דער וועלט.
כ'דאַנק דיר פאַר די גרוסן,
די שענסטע אין דער וועלט.

קום אַהערצו, טאַטע,
נאָ דיר נאָך אַ קוש.
גלאָט אזוי, פאַר גאָרנישט,
און דעם בעסטן קוש.

✡

ק ל אַ נ ג ע ן

איינער נעמט די פען אין האַנט און שרייבט :

איך האַלט זיך אין מיין גראָער מעלה —
ניט שלעפן קיינעם פאַרן אַרבל,
מען זאָל מיך גליקלעך מאַכן.
אין אומעט קאָן מען אויך נאָך לעבן.

מיין קליינוואַרג וואַקסט און בליט,
און מאַנט פון מיר זייד און פּערל,
און איך — איך הייס זיי לייענען
דאָס אַלטע קלוגע בוך פון גוטע מידות.

דאָס אינגל לייענט אָפּ אַ בלעטל,
דאָס מיידל — גאַנצע זיבן שורות,

און שטרעקן זיך מיט יונגע, לאַנגע אָרעמס
צום פענסטער, וואו עס רופט דער בלאָער דרויסן.

די גאַס טראָגט היינט אַ פרילינגדיקע מאָדע —
גרין דין גראָז און הימלבלאָ גרינג זיידנס.

גאָט וועט מיר מוזן געבן
קלוגן מוט און איידל-זילבערנע נעגל,
מיך דורכפירן די בלאָטע
צו די בלאָטע סוחרים.

איך זאָל אפילו דאַרפן אויף אַ רגע,
אַ לאַנגע רגע — ווערן אַ שד מיט הערנער,
וועל איך פון מאַרק-זומפּ ברענגען היינט
אַ פּעקל זומערדיק רויט זיידנס
און אַ שנירל לויטערע פּערל.

☆

באָבעס

ווי קליינע שבטים זיינען מיר אַמאָל געזעסן
אין די טאָל-ישובים פון אוקריינע.

צוגעטיילטע אָרים-נחלות און ירושהס:
קלייטלעך, שטעלן, שוועלן.

פרי האָבן זיך אונזערע קעפּ געזילבערט,
פּחד-ציטער איבער אונזערע כמורנע ברעמען —

פאַרן קאַלטן קלאַפּן אין לויה-פּושקעס;
פאַרן טעמפּן וואַסערגיסן אין אַ הויף קאַיאָר
פון די גרויסע טהרה-טעפּ.

באָבעס גראָע,
שווערע שייטלען —
אומעטיקע קראָען-קעפּ,
אַריינגערוקטע אין די שמאָלע אַקסל.

פעניץ-קליינע פנימלעך —
מיד-געלער פאַרמעט.

וואו זיינען די געשטאַלטעלעך געוואַקסן?

אונטער דורות-אַלטע נידעריקע דעכער,
אין פאַרשפּינוועבטע, פאַרטויבטע ווינקלען,
אין דער באַהעלטעניש פון טויטער מרה-שחורה.

איינמאָל אין דער וואָך נאָר
אין שבת-טיכלעך,
טונקל-בלאָע פאַרטעכער
אויף לאַנגע-לאַנגע קליידער.

בלויז די זיבן אומעט-געסלעך דורכגעגאַנגען,
נאָכדעם זיך פאַרזעצט אין עלטער-ווינקלען —
שוויגן, טונקלען, שטומען.

און נאָכדעם, שפּעטער,
ווי דורך אַ טירעלע אַ קליינס, אַ קרומס,
פון דער נידעריקער וועלט אַרויסגעגאַנגען,
און בשלום צו זייער רו געקומען.

☆

אַ לויה-באַבעלע

שטומע ווי די שטילקייט פונם שניי-פאַל
זיינען די ווייסע טריט פון טויט.
היינט איז ער געווען אין אונזער הויפל,
גרוי האָט נאָך דער אינדערפרי געבלויט.

אַ פייגעלע האָט געשוויגן אויפן הויכן דאַרן צווייגל,
(דער הערבסט האָט אונזער בוים שוין אויסגעטאָן).
אַ מענטשעלע אַן אַלטס, אַן איינגעבויגנס,
האָט איבערן וויסטן גאַס געשלעפּט די שוואַרצע פיס,
און דאַר געהוסט, געהוסט,
(נאַדיר אַזאַ מין קרייען פון אַ האָן).

שפּעטער-צו האָט מען פון שטיבל
אַרויסגעטראָגן די דאַרע מיטה — ביי דער ערד.
פיר נידעריקע אידן מיט שוואַרצע בערד,
(אַ פינפטער איז געשטאַנען ערגעץ דאָרט
אויפן בית־עולם, ביי דעם אָפענעם שמאָלן גריבל,
און געוואַרט, געוואַרט.
דער אינדערפרי האָט געהאַט אַ פּנים ווי פאַרנאַכט).

אַ באַבעלע, איןביידע הענט צוויי גרויסע טעפּ
און אין אַ גראָבער שאַל אַרומגענומען,
איז צוריקגעגאַנגען פונוואַנען זי איז געקומען.
איר געסל ליגט אַראָפּ-אַ-באַרג.
מ׳גייט אויף קרומע, שטיינעריקע טרעפּ,
מען שליאָפּעט דורך אַ טונקל-גרינע בלאָטע,
ביז זי קומט צו איר איינגעהויקערט פינסטער הויז.
אין הויפל, אויפן הויפן האָלץ לייגט זי אוועק
די ליימענע צוויי ברייטע טעפּ,
ווי אויסגעליידיקטע קאַלטע שאַרבן-קעפּ,
און טרעט אַרונטער די דריי ווייסטע טרעפּ
צו זיך אין די פיר טויטע ווענט.

☆

ל י כ ט

מ׳סיו שאַגאַל, איך האָב פאַר אייך אַן ענין.
נישט קיין טעמע, ניין, אַ, גאָט באַהיט.
אַ מעשה מיט אַ וואָגן ווייסע הענער
אויף אונזער אַן אַלט-קאָריצער יאַריד.

אינמיטן ברייטן מאַרק, צעווישן טויזנט וואָגנס,
האָט זייער ווייסקייט ווי אַ הויפן שניי
געבלענדט אין זון — נאָר ווי אַ רויטער בלוט־טראָפּ
האָט דורכגעריסן זיך אַ ווייטער האָן-געקריי.

און אידענעס און אפילו עלטערע, אַלטע אידן
האָבן צעכאַפּט די הענער און דער לאַנגער גוי

האָט זיי דערלאַנגט פון וואָגן אין געאייל, אָן אויפהער,
אפשר ווי צען פּאָר הענט — אי גרין, אי בלוי,
אי רויט, אי ברוין, און אַלערליי קאָלירן —
אַזויפיל הענט האָט עס אָן ערל, לאַנגע הענט.
מ׳סיו שאַגאַל, אַזאַ מין פייערלעכער רעגנבויגן
האָט נאָך איבער דער ערד דאָ ניט געבלענדט.

נאָר ס׳איז קיין שאָטן-אָטעמל אפילו ניט געפאַלן
אויף דער קלאָרער ווייסקייט פון די הינער דאָרט.
כ׳וועל אויף אייביק שוין געדענקען יענע קלאָרקייט
ווי די ווייס-דורכזיכטיקייט פון מיין זיידנס באָרד.

און, מ׳סיו שאַגאַל, ווען אייך וואָלט וואוילגעפעלן
מיר טאָן אַ קליין געפעליקייט און אָט-די פרייד
אַרויפשפילן אויף אייער פאָן פון לייוונט,
דעם יונגן וואונדער, ווי ער שטייט און גייט,

דעם שיינעם טאָג און אויף זיין קאָפּ דעם בלאָען הימל,
וואָס האָט זיך שטאָלץ אויף קאָריצער יאַריד געשטעלט—
מיר דאַכט זיך, אַז איינמאָל געשעט אַזאַ מין חלום
אינמיטן טעג און וועג פון אונזער וועלט.

☆

אַלטער פאַרנאַכט

אַ איד בעט פּרנסה — זיין קלייטל —
דריי פּאָליצעס, ליידיק און פּוסט.
שטייט ביים וואַנט, דאַוונט מנחה. דאָס קנויטל
אין לאָמפּ רויכערט, טיקט זיך און הוסט.

אַ גוי גייט אַריין, שטייט פונוויטן,
אַ צווייטער, אַ דריטער — מ׳וואַרט.
ווען איז דאָס געווען? ניט פאַרצייטנס,
ערשט נעכטן אין אַן אלול פאַרנאַכט.

נו, זיצן דריי גוים און שווייגן
מיט די טאָרבעס ביי זייערע הענט.

נעמען וויגעגן די קעפּ און די אויגן —
פֿאַרפֿרעמדט און ווייט, ווייט אָפּגעווענדט.

דער איד גייט דריי טריט אויס — די גויים
קוקן-איבער זיך: באַלד, אַ מינוט.
זיי ווייסן, זיי גלויבן, געטרויען,
אַז ס'איז עפּעס הייליקס און גוטס

פֿאַראַן אין זיין דאַוונען — פֿאַר אַלע,
אויך פֿאַר זיי — אַז דער מענטש אויף דער ערד
זאָל אין זיין זינד דאָ נישט ווערן פֿאַרפֿאַלן.
און זייערע פּנימער און בערד,

און זייערע מיילער און ליפּן,
ווערן ווייכער — אַזוי ווי מען שמירט
מיט מאַזש אָן דעם ראָד — זאָל ניט סקריפּען,
און מ'קומט אָן צו ישוב, צו ליכט — — —

✡

נאָך נייגיריק צו וויסן

איך בין נאָך נייגיריק צו וויסן
ווי ס'לעבט מיין שכן די צווייטע גאַס,
איך האָב מיין בונד נאָך נישט צעריסן
מיטן כלי־זמר אויפֿן אַלטן באַס.

אויף גאָר דער מענטשהייט ברוגז,
נאָר אויפֿן קליינעם מענטש נאָך ניט;
אַ קורצער קריג און — מיין רעגנבויגן, —
מיין שבועה און מיין ערלעך ליד.

שטרעק איך צו אים אַ האַנט אַ ריינע
און בעט זיך איבער: חבר, דו,
ווי מיר, אַזעלכע פּראָסטע שכנים,
דאַרפֿן דאָ לעבן אין גוטער רו.

איך האָב אַ יונגן וואוילן בחור,
האָב ערשט דערזען: ער איז שוין גרויס,
און דו — אַ שיינע, בלאָנדע טאָכטער,
ז'האָט נעכטן דורכגעשפּאַנט מיין הויז.

און ס'וועבט אַ גאָלדענער בריק אַ שיינער
צעווישן אונזערע שוועלן, זעסט?
די בוימער טראָגן גרינע קרוינען
און אין דער גרינער קרוין — אַ נעסט.

☆

לערן זיך ביי קינדער

לערן זיך ביי די קינדער זען און הערן
און וועסט דערזען און וועסט דערהערן,
אַז אַלטע זאַכן, אַלטע ווערטער קאָנען קינדער ווערן.

האָבן ליב זיך קינדערש אויפצוחנ'ען,
פאַרליאַלקען זיך, פאַרשטאַמלען זיך, פאַרקליינען,
און ענדערן, און אַנדערשן די מיינען.

עפּעס אַנהויבנדיקס, נישט וויסן און נישט קענען,
מויל און אויער קאָן נאָך נישט דערקענען
וואָס די זאַכן, וואָס די ווערטער זענען.

☆

עס איז געווען...

עס איז געווען גאַנצפרי. די געטאָ
האָט פון דער וויַיט אַ שלום-שאַל פאַרנומען.
די שוואַרצע ביימער, די פאַרברענטע ברעטער,
די לעכערדיקע ווענט די קרומע,
האָבן נישט געענטפערט אמן.

די דריי מנינים אָפּגעריסענע אידן
אין אַ קעלער-שטוב האָבן זיך אומגעקוקט,

און איינער צו דעם אַנדערן דעם קאָפּ געוויגט:
דאָס טרובעט עס דער פרידן.
וואָסזשע דאַרפן מיר איצט טאָן?

מען דאַרף אַרויסשטעלן אויפן דאַך אַ ווייסע פאָן,
אַ פאָן מיט אַן עפּל און אַ ליכטל,
ווי שמחת תורה אין דער אַלטער שול?

דער יונגסטער פונם מנין האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול
און איז אין הויפּל אַרויסגעגאַנגען.
דאָרטן, אויף דיביימער, זיינען געהאָנגען
די פינף אינגלעך מיט די פּנימער אַראָפּ.

ביינאַכט האָבן מיר געגראָבן די גרוב
און זיי באַהאַלטן און קדיש געזאָגט.
אויף מאָרגן אינדערפרי, פאַרטאָג,
האָבן זיי די דייטשן אויסגעגראָבן צוריק,
פוניענערזייט פלויט אַריבערגעשליידערט
נאַקעט, מיט אָפּגעפּליקטע קליידער,
די פּנימער בלאָ, די הענט און פיס צעבראָכן.

אזוי צעלאָמעט איז געווען אונזער בטחון,
און מיר האָבן נישט גערופן גאָט צו-הילף.
וואָס האָט ער אונז געקאָנט דען העלפן?
ווי האָט ער זיך געקאָנט פאַרמעסטן
מיט אַזעלכע — — — ?

בלאָנדע קעפּ, בלויע אויגן,
די דאָזיקע מאָרדעס האָבן עס אַמאָל געזויגן
ווייסע מילעך פון די מאַמעס בריסט.

די דאָזיקע קני און שווערע פיס
האָבן אין שיינע גאָטישע קלויסטערלעך זיך געבויגן
און אינגלש נאָכגעמורמלט די תהילים-ווערטער,
וואָס אונזער מלך דוד האָט פאַר זיי פירגעזונגען,
און שיינע גלעקער האָבן איבער זיי געקלונגען.

זיי זיינען נאָך דער בלוטיקער מהומה
צו זייערע מאַמעס אין די דערפֿלעך געקומען,
און די מאַמעס האָבן זיי נישט אין די שטיבער פֿאַרשלאָסן
און די דעכער נישט מיט נאַפט באַגאָסן
און מיט אַ שוועבעלע זיי נישט אונטערגעצונדן,
און זיך אַליין נישט צו די שטובווענט צוגעבונדן.

זיי האָבן עס נישט געטאָן די מאַמעס, די דייטשקעס,
זיי האָבן זייערע ממזרים־גזלנים דערלאַנגט די אכילה
חזיר־פֿולקעס און חזיר־ווײַדעלעך מיאוסע
און אַלטן קעלער־ווײַן פֿון פֿאַר־מלחמה,
אָנגעגאָסן לאַנגע גלעזער פֿולע,
און עיפּוש׳דיק האָט זיך צעשנאָרכט די טומאה.
די לאָמפּן האָבן אין די פֿענסטער זיך פֿאַרלאָשן,
און איבער דייטשלאַנדס שיינע דערפֿער
האָט געשוועבט די כלה די לבנה־נאַכט די ווײַסע,
און אין פֿאַרהוילנקייט פֿון וועלדער טונקעלע, גרויסע
האָט זינדיק איר דאָרט אָפּגעוואַרט דער וועלט־חתן:
דער דייטשער גאָט.

☆

לפֿני פּסל אַפּאָלאָ

לנוכח פּסל אַפּאָלאָ
שטעל איך אַוועק אַ פּעסל מיט סמאַלע,
וואָס כ׳האָב ביי אַ יאַנעק אין מאַידאַנעק געפֿונען —
געבליבן דאָרט פֿון דער קרעמאַטאָריע —
און אַ לאַנגן צוויי־שאַרפֿיקן מעסער
און אַ פּערז פֿונם הימן האָרס וועסל.
זאָל ער קוקן מיט זיינע צוויי קעלבערנע אויגן,
דער צווייפּיסיקער אָפּגאָט, דער פּסל,
און זאָל ער זיך נחת׳ן מיט זיינע וואונדער
פֿון גרויסן געהימנטן, ווילדן יאָרהונדערט.
און אפשר, ווער ווייס, וועט איצטער אפילו
פֿון עפּעס אַ נאָרע נאָך קומען צו קריכן,

אַ משכיל און גלאָצן די אויגן אין תפילה
פאַרן גוסט און דעם גייסט פון די גריכן,
וואָס האָבן דערגרייכט און דערגרייכט ביז אַצינדער
אַ מיליאָן און אַ האַלב
לעבעדיק-פאַרברענטע אידישע קינדער.
אויך פון דעם קאָן מען אפשר נאָך אויפשטעלן דאָרטן
אין מירמל, אין קלאָרן, אַ קינדערשע געטין,
אינמיטן אַ זומער, אַ זון און אַ גאָרטן.
און ס'וועלן אַהין-קומען זייערע פאָעטן
זיך בוקן און פרידלעך אַוועקלייגן דאָרטן
קראַנצן מיט רויטע און גרינע סאָנעטן.

פאַרן פסל אַפּאָלאָ.

☆

אויף זייער קאָפּ

מאַך אַש פון זייער ערד, אָ, גאָט,
און ווען זיי וועלן זייען ווייץ און קאָרן,
זאָל פון איר גראָען, טרוקענעם טראַכט
אַרויסקריכן אַ בלינדער דאָרן.

פאַריאָג ס'געפליגל פון זייער בוים,
אַ קראָ נאָר זאָל צופליען-קומען
און אומקרייזן אַרום זיין קאָפּ,
אין זיבן שוואַרצע קרייצן קרומע.

און אָפּדאַרן וועלן פרוכט און בלאָט,
און ס'וועלן שטאַרן זיינע צווייגן,
ווי טויטע גליווערדיקע הענט,
און שפרייטן וויסט און פינסטער שווייגן.

אַריבער זייער דאַך און היים,
אויף זייער גיין און שטיין און שאָטן.
אַ קבר מאַך פון זייער טאָג,
אַ גרוב מיט טויטע — ניט פאַרשאָטן.

און ביי דעם טויער פון זייער לאַנד
זאָל שטיין דער שטן און זאָל היטן:
אַ גרענעץ — זייער וועלט זאָל זיין
פון אַלע וועלטן אָפּגעשניטן.

☆

1941

אויגן האָבן זיך געלאָשן,
זיך געזעגנט.
אויגן — וואונדן.
אויגן — וואונדער.

ווי פאַרברענטע דערפלעך אויף די וועגן
וואַשט דער אומעטיקער, קאַלטער רעגן —
האָט אונז דער יאוש אויסגעווייקט.

מיר זיינען ווי דורך קילן, פייכטן אורוואַלד געקראָכן,
דורך דער טומאַנער וויסט פון טויבע, הוילע וואָכן,
און ווידער זיך דערוואָרימט איינער אינם צווייטן,
און אין דעם קרבן פון אַ ברודער אַ טויטן,
וואָס האָט די שווערד די גלויביקע אונז איבערגעגעבן:
ברידער, כאַפּט זיך ווידער אָן אין שאַרף פון לעבן,
און טראָגט זיך ווייטער, ווייטער, ווייטער!
אַן אויפגערוישטער וועג פון נייע רייטער.
דער וואַלד צעציטערט, די בוימער טומלען,
עס ברעכן זיך די בלויע שפּיגלען פון די הימלען.
אַ האַלב־וועלט שטרעקט זיך פון דער פריי אַנטקעגן:
אָט דאָרטן! דאָרטן ליגן די נייע ברעגן!
די נייע ישובן, די נייע סטעזשקעס.

יאָרן — האַלעוועשקעס.
יאָרן — ווינטן, שטורעמס,
יאָרן — מצבהס, קברים.
אַלץ, אַלץ אַהינטער אונז, אַהינטער.

דעם קומענדיקן ווינטער, ברידער!
דעם קומענדיקן ווינטער!

לעצטע לידער

כי במקלי עברתי...

ביים טיש איז געזעסן אַ אידעלע
און אָפּגעריכט אומעט בקדושה,
נאָך הייליקע, גרויסע קנינים
וואָס ער איז זייער לעצטע ירושה,

און ער האָט זיך נישט וואו אַהינטאָן,
וואַלגערט ער זיך הינטערוועגנס.
לאָזט אים אַ דאָרף-שטוב אַריין נאָר
איבערצואוואַרטן דעם רעגן.

ער וואָלט זיך נאָך וועלן דערשלאָגן
קיין ארץ ישראל און ירושלים.
וויל ער אַהינצו-צו קומען
כאָטש מיט אַ שטעקן אַ נייעם.

זיין שטעקן זיין אַלטן האָט אויכעט
דער חורבן פאַרברענט אין מאַידאַנעק,
געווען אַ געשאַנק צו די שבעים
פון שטאָטישן מגיד און מנהיג,

איידער ער האָט זיך געזעגנט
מיט אים ביי דעם סוף פון זיין לעבן,
האָט ער מיט ציטעריקע פינגער
דעם שטעקן — אַ זכר געגעבן.

און האָט אים געגעבן זיין ברכה:
ער זאָל מיטן מקל מיט זיינעם
זוכה זיין קומען בשלום,
קיין ציון און ירושלים.

ער האָט נישט דערלעבט די זכיה
און קוים פון דעם חורבן אַנטלאָפן.
אין גריבער פון פעלדער געלעגן,
אין שטיבער אין וויסטע געשלאָפן.

און אַריבערגעלאָפן דעם חורבן,
דער חורבן — אַריבער אים אויכעט,

און טראָגט אין געביין נאָך איצטער
אַ לעצט ביסל מידיקע כוחות.

ער זאָל זיך מיט זיי כאַטש דערשלעפּן
און קומען צו נאָענט־און־אייגן,
און נישט אין דער פרעמד און הפקר
אזוי ווי אַ שטיין זיך דאָרט לייגן

און קומען קיין ארץ ישראל,
כאָטש מיט אַ שטעקן אַ נייעם;
ער איז אזוי עלנט, אַז ער הערט אַזש
דעם עלנט פון אונטער זיך שרייען.

אַ שטעקן אין האַנט כאַטש לפנים
אים אויפהויבן איבערן עלנט,
אַ יאָג טאָן פון זיך ווי אַ כלב
צו אַלדע־טויט־פינסטערע שוועלן.

☆

ד ו . . .

די בייטש, די שווערד, די תקיפדיקע האַנט,
דאָס סמ׳ענדיקע אויג פון ווילדן האַר—.
ס׳האָט קיינער נישט געקאָנט דיין וואָרט פאַרווערן,
און נישט פאַרמעסטן זיך אויף יענע ווינקעלעך פאַרנאַכט,
וואו אַלט־געבויגענע, הכנעהדיקע בערד,
האָבן אָנגעהויבן דיין לעגענדע וועבן —
אַ טרייסט פאַר דורות, וואו אַ מידער, שטילער מענטש,
שוין נישט אין פרומען קלייד, נאָר אין אַ פרום געמיט,
וועט די לעגענדע אויפזינגען אין אַ פרידלעך ליד.

לעצטע לידער

ט ו י ט

מיר זיינען ווי פֿאַרבלאָנדזשעט דאָ
אין אַ שטיינעריקן מויער־וואַלד.
אָ, וואָס וועט זיין אַז די טונקעלע שעה
וועט אַריינקוקן אין איר בלוטיקן בוך
און דערזען אין אַ לאַנגער ריי
אונזערע נעמען — נישט אויסגעמעקט.
אַ אינגעלע נאָמען דאָ,
אַ אינגעלע נאָמען דאָרט,
וועט זי זיך כאַפּן פֿאַרן באָרד.
און כאָטש ס'וועט שוין זיין שפּעט־נאַכט,
וועט זי אַוועקזעצן דעם טויט־אַרכיטעקט —
מאַכן אַ נייעם פּלאַן.

דער טויט־אַרכיטעקט ווער איז?
אַ מענטש מיט אַ שוואַרצן כאַלאַט
און מיט בלאָנד שיינע באַקנבערד,
ער קאָן אויסנווייניק גאַנצע שטיקער תנ"ך.
און מיט די לאַנגע פּאַדאַרעווסקי־הענט.
כאָטש זיינע אויגן זיינען גראָער שטאָל,
איז ציכטיק, מעלאָדיש זיין קול
און קרישטאָליק קלאָר זיין שפּראַך.
נאָר אַז איינער פֿון אונז שטעלט זיך איין
און קומט און טוט אים פֿרעגן: פֿאַרוואָס?
באַקומט ער אַ מירמלשטיינערנע נאָז
און די אויגן ווערן בלייאיקער שרויט,
און אויף זיין אונטערשטער, הילצערנער ליפּ
גליווערט איין וואָרט נאָר: טויט.

סדום

דער טרויעריקער קליינער נביא האָט שוין זיבן טעג
געפירט אין זיינע דלד אמות אַ וויכוח
אויף שטיל-לשון מיט גאָט, אין זייער פּראָסטע רייד:
דיין פאָלק האָט נאָך אַ קינדערשע מחשבה,
וויל שפּילן מיטן שטן זיך,
וויל אָפּגאָטן פּעט־גופיקע.

זע זיין הויכע, שלאַנקע באַרג-שטאָט
פול מיט חוה-גאָטעכעס און קין-העלדן.
וואָס שיקסטו מיך אין זייערע הויכע, פליגלדיקע טויערן,
אַז נאָר דערשלאָגענע, אַרויסגעוואָרפענע, פאַרוואָגלטע,
קלייבן זיך אַרום מיר אין אַן ערב־רב.
צעוואונדיקטע, פון קרייצן אָפּגענאָגלטע,
קלעפּן זיך אַרום מיר אין אַ כמורנעם אַנגעלויף.

די ברידער מיינע האָבן שוין די האַרן אויסגעהרגעט.
בלאָנקע איך זיך אום דאָ איין-אַליין און קליין.
און ס׳קלעפּט מיין וואָרט זיך צו נאָר צו די שמאָטעדיקע,
ווי דער שטויביקער אומעט צו דעם גראָען אָרימאַן.
איך טרעף זיך אָן מיט די פאַרבלאָנדזשעטע אין
גרויסן סדום.
ניין, סדום איז נישט פאַרברענט געוואָרן,
און עמורה נישט פאַרלענדט — פון דיין גרויס צאָרן.
ס׳איז נאָר אַ מעשה פאַר די דאָרשטיקע נאָך אַ
שטראַל ליכט,
פאַר די פאַרשמאַכטע נאָך אַ משל טרייסט.

פאַרברענט זיינען די קליינע־ירושלים׳ס,
צעוואָרפענע אין אַלע ווייטע ווינקלען וועלט.
פאַרלענדט — די שטילע דערפלעך צפת,
געוואָרן שאָטן, חושך, אַש.
אַ יאָרצייט טוט נאָר וואו ניט וואו אַ פינקל אין אַ שויב —
אַ פייערל אַ שטילס וואָס שרעקט נישט די פני-סדום,
וואָס לויערן נאָך אַלץ אויף רויב.

רו...

שוין ניט פּרי אין זומער.
איך זע אַ רועגדיקע שאָף־חברותא
אינמיטן העלן טאָג אין זון.
איך זע אַ ווייסן דאָרנבוים אויפן בערגל,
אַ ברעג פון יונגן וואַלד, —
אַ גרינע וואַנט פון שאָטן און קילן בייטאָג.
די גאַנצע גרויסע גרין-ערד גרילט
און זשומט איר אומענדלעכן לאַנגוויל.
אָ, לאַנגוויל, לאַנגוויל אויך דו ביזט רו.

☆

מסתמא...

אַ בילד: אַ הימל איבער אַ דאָרף,
אַ טאָל מיט גערטנער פרישע, גרינע
און ווייסע שטיבלעך — מסתם האָט מען
פון דאָרט אַרויסגעיאָגט די שנאה.

מ׳האָט איר צעבראָכן רוקן-לענד
און פונם לעצטן שוועל פאַרטריבן.
אזוי איז אויף אַ ווייסן בלאַט
מסתם אין פּנקס דאָרט פאַרשריבן.

וואוהין איז זי אַוועק? ווער ווייס?
געוויס אויף וויסטע פעלדער, וועגן.
אַ חיה־רעה האָט זי פאַרצוקט,
מען דאַרף זיך מער אויף איר ניט פרעגן.

מ׳האָט מיט אַש אירע טריט פאַרווייט
אין וועג וואו זי איז אַוועקגעהונקען.
אין יענעם טאָג איז אַ יומטוב געווען,
און מ׳האָט ביז האַלבער נאַכט געטרונקען.

די גאַסן האָבן זיך אין אַ ראָד
אַרומגענומען און אַ טאַנץ געגאַנגען.
ווען האָט דען די לבנה געהערט
אַזעלכע לידער און געזאַנגען?

און ווייטער אויפן בילד דאָרט, זעסט
ביים ברעג דאָס שטיבעלע, דאָס ווייסע?
אין פּינקס פונם אַלטן דאָרף
גייט ווייטער, ווייטער די וואונדער־מעשה:

אין דאָזיקן שטיבעלע האָט זיך
באַזעצט די ליבע, די ליבע די שיינע.
זי טראָגט אַ זיידן קלאָרווייס קלייד
און שיכלעך גאָלדענע, איידעלע, קליינע.

ווי אַזוי און ווען איז זי געקומען אַהין?
דאָס שטייט אויך אינם פּינקס פאַרשריבן.
ס'אַ לאַנגע מעשה און פאַרנעמט
אוודאי מער ווי בלעטלעך זיבן.

קוק אויפן ווייסן שטיבל און טראַכט,
און טראַכט, און טראַכט, ועסט זיך דערטראַכטן,
און ערגעץ וועסטו האָבן אַן אָרט,
אַ שוועל וואָס וועט דאָרט אויף דיר וואַרטן.

מיט אָט דעם בילד אין דיינע הענט
וועסטו זיך לאָזן אויף די וועגן.
אַרויסגיין פון ניו־יאָרק און גיין, און גיין,
און זיך צום וואונדער־דאָרף דערפרעגן.

וועסט ווייזן דאָרט יענעם און דעם,
און מיטן פינגער אויף דעם בילד זיי ווייזן:
אין מערב־זייט שטייט אַ הויכער באַרג
און לעבן באַרג דאָס שטיבל דאָס ווייסע.

און דאָרטן ליגט דער ברייטער טאָל
מיט ווייגערטנער און זאַפטיקע סעדער.
און דאָרטן ליגט פאַרבאָרגן די נעסט
פונם פויגל מיט דער גאָלדענער פעדער.

זי גייט פון נעסט אַרויס קאַיאָר,
ווען די זון דאַרף אויפגיין — זי באַגריסן.
און אויך פאַרנאַכט — ווען זי פאַרגייט,
און טוט דעם טויער פון טאָג פאַרשליסן.

און נאָך סימנים זיינען פאַראַן
און צייכנס אויפן בילד דעם שיינעם,
וואו ס׳שטייט דאָס שטיבעלע ווייס און שטיל,
אַ זילבערנער רויך און אַ בלויער קוימען.

און מיטן בילד אין דיין רעכטער האַנט
זועסטו זיך לאָזן גיין און פרעגן.
נאָר — דער וועג גייט דורך אַ חרובער וועלט,
פאַרברענטע בריקן, צעשטערטע וועגן.

דער וועג ציט דורך אַ וויסטן וואַלד,
אַ לאַנגער און אַ שוואַרץ־פאַרברענטער.
ס׳אַ שווערער וועג מסתם די וואָר,
ביז צו דער גרענעץ פון לעגענדע.

☆

און...

...און די נאָענטע זיינען זיך צעגאַנגען אַהיים
דאָרט אַרונטער אין טאָל פון דער שטאָט,
און דער זעכצנטער נאַפּאָלעאָן האָט גערוט.
און געבליבן איז נאָך אים אַ ווייב און אַ קינד
און דער טרויער פון זיג — אויפן רעכטן אויג בלינד,
אויפן לינקן פוס קרום און שטום אויפן צונג.
נאָר די שטאָט איבערן טאָל איז נאָך געווען יונג,
און האָט קליינוואַרג געהאַט אין די גאַסן צעשפּרייט.
האָט זי נאָך זיבן וואָכן פון זיך אויסגעטאָן
דאָס טונקעלע אבילות־קלייד,
און האָט אירע קראָמען אילומינירט
מיט פרילינג־צוויט און מיט פרילינג־גרין,
ווייל דער פרילינג איז נאָר־וואָס געקומען צופליען.

און כלות האָבן אויך פון זיך אָפּגעטון
דעם שלייער פון טרויער פאַר דער יונגער זון.
און יונגע אלמנות האָבן די יתומים געפירט
איבערן אָפּענעם מאַרק צו דעם נייעם צירק.
די מאַמעס האָבן געשמייכלט, די קינדער — געלאַכט,
און פאַרנאַכט האָבן זיי מיט זיך אַהיימגעבראַכט
אַ שפּילצייג אַזאַ — די שווערד פונם זיג
און אַ מעשה־ביכעלע פון אַ בראַוון סאָלדאַט,
וואָס איז קיינמאָל נישט געקומען אַהיים צוריק.
נאָר אין בוך פון געשיכטע, אויפן זיבעטן בלאַט,
שטייט זיין נאָמען אין גאָלדענעם לויב פאַרקריצט.
און די פאָן, וואָס ער האָט מיט זיין בלוט באַשפּריצט,
די פאָן האָט דערנאָכדעם געבראַכט מיט זיך
אַ דאָרפיש ייִנגעלע אין צעריסענע שיך.
ער האָט זי מיט זיין דאַרער הונגעריקער האַנט
דערלאַנגט אַ פאַרשעמטער דעם האַר פון לאַנד.
דער האַר האָט גענומען פון זיין האַנט די פאָן
און אים אין ליכטיקן שטערן אַ קוש־געטאָן.
און אַ גאָלדענע מטבע אים אויך דערלאַנגט,
אַזש זי האָט פון צעווישן זיינע פינגער פון האַנט
ווי אַ קליינע לבנה אַרויסגעבלאַנקט.
איז דאָס ייִנגעלע געלאָפן אַהיים גיך, גיך.
און אויף זונטיק, ס'איז גראָד אַ יומטוב געווען,
האָט גאָטס זון, פון דער מזרחזייט אינדערהויך, געזען
אַ ייִנגעלע אַ בלייכס מיט אַ נייעם הוט
מיט אַ ניי העמד און מיט נייע שיך.
און אַזויווי דורך אַ גרינגען וואָלקן די זון,
האָט גאָטס זון צום ייִנגעלע אַ שמייכל־געטאָן,
און דאָס ייִנגעלע האָט צו אים אַנטקעגנגעלאַכט
ווי אַ בלייכער שטערן אין דער ווייטער נאַכט.

☆

ד אָ ס פ אָ ל ק

די מחנות פאָנען רוישן ווי די הייסע ווינטן.
דאָס פאָלק שפּאַנט גרויס.

דאָס פֿאָלק שפּאַנט אַלמעכטיק און שטאַרק. —
עס גייט מיט זיינע פֿאָנען־פֿלאַמען אונטערצינדן
דעם אַלטן מאַרק.

דעם פֿאָלק לויפֿט נאָך דער אַלטער, זילבערווייסער נביא,
און שפּרייט די קליינע, דאַרע, קוואַרע הענט.
ער שפּרייט מיט זיינע הענט
קליין־קינדערישע שוואַכקייט,
קליין־קינדערישע דאַרקייט,
און בעט זיך: רחמים, רחמים
פֿאַר די איינגעבויגענע ווענט,
פֿאַר די קוואַרע שטעלן, קלייטן,
פֿאַר די ווילסטע שאַטנס.
נאָר ער ברענט, דער אַלטער מאַרק.
ער ברענט.

און ס׳פֿאָלק שפּאַנט ווייטער.
די פֿאָנען פֿלאַטערן און פֿלאַקערן נאָך ברייטער.
די פֿאָנען שרייען, יאָמערן און וויינען.
די פֿאָנען צאָרענען און וואָרענען די הימלען.
און דער אַלטער דאַרער נביא לויפֿט פֿאָרויס,
בעט רחמים פֿאַר די אַלטע ערד און הימלען.
און הינטער אים די זיילן רויך און חושך,
די פֿונקען בראַנד און פֿייער.

דאָס פֿאָלק שפּאַנט גרויס און הויך,
דאָס פֿאָלק צעווייט איבער דער ווייט און ברייט
די פֿייערדיקע, זינגענדיקע פֿאָנען.
און ס׳לויפֿט פֿאָרויס דער אַלטער, גוטער נביא,
ער וויל פֿאַרהיטן ס׳שטילע פֿרומע דאָרפֿלאַנד: צדק,
דעם אָרימען און גראָען כוטאָר: יושר,
דעם אַלטן, נידעריקן ישוב: חסד.
ער שפּרייט פֿאָרויס די קליינע פֿאָלעס פֿון זיין קאַפּטן
נאָר ס׳פֿאָלק שפּאַנט גיך מיט זיינע ווייטע, בראַנדיקע פֿאָנען.
מען הערט נישט אינם רויש דעם טראַמפּ פֿון זיינע שווערע שטיוול,

די פֿאָנען קלאַפּן ווי די פֿליגל פֿון די ווילדע אָדלערס,
די הימלען ברענען, ברענען,
די וועלט ווערט אַש און מדבר.

☆

ביים ברעג פֿון יאָרהונדערט

קלאַפּסט מיט די פֿויסטן אינם טויער פֿון יאָרהונדערט
פֿונדערזייט וואַנט — פֿון דער אָראָפּגעגאַנגענער עפּאָכע.
ווערסט קלאַפּן ביז ווערסט ווערן מיד, פֿאַרמאַטערט.
די תקופה האָט שוין אָפּגעשפּילט איר טעאַטער.
ניט אמת אַז די גרויסגעשיכטע שפּילט זיך צווייטמאָל איבער.
נישטאָ אַזאַ מין שוישפּילער־הגיבור,
נישטאָ אַזעלכע אייביק־שטאַרקע ברעטער.
פֿאַראַן אַ פֿריער און פֿאַראַן אַ שפּעטער.

בלייבסט, וואו דער גורל האָט דיך דאָ אַוועקגעוואָרפֿן.
דיין מורא און דיין איינזאַם שרייט געוואַלד.
דיר דאַכט זיך אַז דער בעש״ט איז מער דיר אייגן
ווי דער פֿאַרשטעלטער ראַבאַי אויפֿן בימה־קלאָץ.
דו האָסט נישט ליב זיין גויאיש שטענדערל פֿונפֿאַרנט,
זיין אומעטיק־פֿאַר׳בשמימ׳ט קול און זיינע תנועות.
נאָר הינטער אים שטייט אין זיין גאַנצער ליידיקייט דיין דור —
אַ טשערעדע שטייפֿע, קאַלטע, פֿנימלאָזע פֿראַנטן,
אין טונקעלע, טויט־חשובע געוואַנטן.

דעם רום וואָס דו זוכסט אום — האָט דער פּאָגראָם
פֿון צייט אַראָפּגעוואָרפֿן שוין אין שאָטנדיקן תהום.
צעחרובט און צעזשאַוועט אַלץ, — דו קלייבסט נאָר ציגל, שטיין,
און זוכסט פֿון אַלטן סטיל אַ שטילן פֿינטל חן.
דיין האַרץ שטראַלט־אויף, קוואַלט־אויף, ווען דו דערזעסט
אַזוינס וואָס דור און צייט און שטויב פֿאַרווישט, פֿאַרגעסט.
ראַטעוועסט פֿאַר זיך אַ קערנדל, אַ שטערנדל ירושה,
וואָס איז געבענטשט מיט יומטוב און מיט תוך און וואָך,
און דאַרף נישט קיין רעטאָרישע פּירושים.

דיין איינזאַם און דיין עלנט בלייבט אָבער אַ גראָע וואַנט.
האַלטסט אָן די פרעמד די מעכטיקע צווישן דיר דאָ
און די פרעמדע שבטים.
פאַרשטעלטער, טרויעריקער מאַן אין הויכן לויטערן אַליין,
האָסט אויסגעלערנט זיך די ווערטער דאָ פון זייער הוילן לשון.
ווייסט די וויסטע חכמה, ווי אזוי דיין אומעטיקן קיום אויסצוהיטן
און נישט דערוועקן אויף זיך ווילד-גזלנותדיקן חשד,
אַז דו לעבסט שאַרף און האַרב און ריין־אַליין באַזונדער,
ביים סאַמע דינסטן ראַנד פון דעם באַנאַרישטן יאַרהונדערט.

☆

דער כישוף

וואָס איז אונזער געשיכטע, קלוגער נאַר?

אַמאָל איז געווען אַ מלך,
דער מלך האָט געהאַט אַ ווייַנגאָרטן,
אין ווייַנגאָרטן האָט געבליט אַ פרוי.

און אַרום און אַרום, טויזנט מאָל אַרום,
זייַנען געלעגן די וועגן וויסט און קרום.
און די דערפלעך — אָרים, אָן ברויט, אָן לייַן.
נאָר דער מלך האָט געהאַט אַ ווייַנגאָרטן ווייַן,
און אין ווייַנגאָרטן האָט געבליט אַ פרוי.
נאַכטיקע האָר און אויגן בלוי,
און קלאָרווייסע הענט און ליכטיקע פיס.
דאָס וואַסער אין טייכל פליסט און פליסט.
די שוואַנען זיצן ביים רואיקן ברעג.
און אין זילבערנער שטילקייט טוען לויכטן די טעג.
אין גרינע קרוינען די בוימער — הויך און שלאַנק,
און די שעה איז אַ ווייטער, אַ גינגאָלדענער קלאַנג.

פונוואַנען ער ציט? פונוואַנען ער גייט?
מסתם האָט דאָס פאָלק שוין די פעלדער פאַרזייט.
מסתם האָט דאָס פאָלק שוין געשניטן זיין ברויט.
די שייערן פול ביז די באַלקנס הויך,

אזוי ווי פריזומער דער צעלאָזענער טייך,
און קינד און רינד איז פריילעך און זאַט,
און פון בוים פאַלן אָפּ, פאַלן רואיק אַראָפּ,
אַ קופּערן בלאַט, אַ מעשן בלאַט, אַ גאָלדן בלאַט.

דאָס איז דער רואיקייטס פרידלעך ליד,
דעם זומערס אַוועקגיין אין שטילע טריט.
פון די פעלדער אַרום, אָפּגעשוירן און גרויס,
פון דאַך און פענסטער פון איטלעך קליין הויז,
גאָטס הערלעך געגאָד קוקט אַרויס.
ניין. די שעה, — דער ווייטער גינגאָלדענער קלאַנג,
איז נישט ווייל אין פעלדער האָט דאָס ברויט געבליט,
און נישט — אונטערן קאָסע דער זיסער שניט.
און נישט ווייל די שייערן שטייען פול און זאַט.

ס'איז דאָס פרומע געבעט דאָרף־איין, דאָרף־אויס,
צום קעניג, וואָס קומט נישט פון וויינגאָרטן אַרויס;
צום קעניג וואָס האָט נאָך קיין איינציק מאָל
נישט געזען דאָס פאָלק איבערן ברייטן טאָל,
נישט געזען זיין שוועל, נישט געהערט זיין קול.
האָט דערפאַר פון פאָלק זיך אָפּגעטאָן
די פרייד, ווי פון הימל טוט זיך אָפּ די זון,
און אַ וואָלקן פאַרגרויט די בלויע הויך,
אָן אומעט פאַרלעשט דאָס ליכט פונם טייך.
און די האַרן וואָס היטן דאָס פאָלק זיינען שלעכט,
מיט שטעכיקע נעזער און רויטע בערד.
האָט די האַנט פון פאָלק זיך אַראָפּגעלאָזט,
און דער וואַלד ליגט אין זשאַווער, אין גיפטיקן ראָסט.
מאָגער דער זאַנג,
טרוקן דער קרויט.
דער זומער גייט אום מיט אַ בעטלערשן זאַק
פון דאָרף צו דאָרף און בעטלט ברויט.
לעבן וואַלד ליגט אַ טויטע פאַרזשאַווערטע האַק.
ווער האָט דען אַ שטאַל, אַ שייער געבויט ?
און דער קעניג גייט אין שיכורן וויינגאָרטן אַרום,

אין ווייַנגאָרטן וואו ס׳בליט די פּרוי.
דער הויכער הימל אַ קרוין אויף זיין קאָפּ,
אַ קרוין פון שיכורן בלוי.

איז אפשר, איז אפשר, דו קלוגער נאַר,
דאַרף קומען דאָס פאָלק פון דאָרף אַהער,
און פאַרטרייבן דעם כישוף פון ווייַנגאָרטן,
דעם כישוף וואָס האָט דעם קעניג פאַרנאַרט,
אין זיין גאָלדענעם ליכט צווישן טאָג און פאַרנאַכט
אין דעם בלויען חלום פונם ווייַנגאָרטנס פּרוי,
און דער קעניג קאָן נישט אַרויס.
אוי ווי, אוי ווי, אוי ווי און אוי ווי,

דער קעניג קאָן נישט פון ווייַנגאָרטן אַרויס,
דער קעניג קאָן נישט פונם וואַרימען שויס,
פונם וואַרימען שויס פון דער פּרוי נישט אַרויס.
דער קעניג קאָן נישט פון כישוף אַרויס,
דער קעניג קאָן נישט פון שיכרות אַרויס,
און דער טרויער פון דער וועלט איז גרויס,
דער טרויער פון דער וועלט איז אומענדלעך גרויס,
און די וועלט קאָן פון טרויער נישט אַרויס.

☆

די פּירער

וואָס טוסטו, הויכער מאַן,
מיט די פינסטערע, שוואַרצע ברילן,
מיט די ווייסע, זיידענע שיך,
און מיט דער שאַרפער גריכישער נאָז,
געשניצטע, כיטרע ליפּן, —
וואָס טוסטו אויפן מאַרק?

איך פיר דאָס פאָלק.

וואָס טוסטו, מאַן ברייט־אַקסלדיקער
מיטן גלאַנציקן, בלאָען צילינדער,
מיטן גרויסן בויך פאָרויס,

מיט דער גאָלדענער קייט מיט גלעקלעך,
מיטן רויטן דימענט־שטערן
אויפֿן סאַמע גראָבן פינגער —
וואָס טוסטו אויפֿן מאַרק?

איך פיר דאָס פאָלק.

וואָס טוסטו, מאַן מיט דער פען,
אזוי ווי אַ שווערד — אויף דיין אַקסל,
דו מאַן מיטן שטאָלצן גאַנג,
און די אויגן פאַרגלאָצט צום הימל,
דער געדאַנק — ווי אַן אָדלער פלאַטערט
פאַרויס אַריבער דיין שטערן, —
וואָס טוסטו אויפֿן מאַרק?

איך פיר דאָס פאָלק.

מאַן מיטן אייזערנעם שטעקן,
מיט די הויכע, מעכטיקע שטיוול
און זילבערנע שפּאָרן, וואָס קלינגען
ווי גלעקער פאַרויס און צעציטערן
די אינדערפריאיקע רו פונם מאַרקפּלאַץ.
אַ שווערד — אויף אַ רימען משמאל,
אַ שווערד — מימין — מיט די שפּיצן
אַרויס פון דער לעדערנער שייד, —
וואָס טוסטו אויפֿן מאַרק?

איך פיר דאָס פאָלק.

מאַן מיטן אייזערנעם שטעקן,
מאַן מיט דער בייטש פון פייער,
וואָס שווינגט ווי אַ שלאַנג אינדערלופטן
און פּרואווט־אויס די שיפּענדיקע רינגען
אויפֿן לייב פון די שלאַנקע ביימער,
פאַרפלאַנצט ביים זייט פון דרך, —
וואָס טוסטו אויפֿן מאַרק?
איך פיר דאָס פאָלק.

מאַן מיטן קופּערנעם שטערן,
וואָס טוסטו אויפן מאַרק?

מאַן מיט די ליידיקע לוחות,
אויף דער שטאָלענער, לאַנגער קאַפּאָטע,
וואָס טוסטו אויפן מאַרק?

איך פיר דאָס פאָלק.

מאַן אין צעריסענע בגדים,
אין אַ ווינקל פון מירמלנעם טויער
פאַררוקט אין זיין שפּינוועבס־שאָטן, —
וואָס זיצסטו אַזויפיל דורות
אין טויבן, אין שטויביקן ווינקל?
און וואָס מורמלען דיינע ליפּן
צום טעלערל מיטן אומעטיקסטן גראָשן?

איך בעט פאַרן גורל פון פאָלק.

☆

כוח

וואוילער נאָך פון אלץ — פארגעסן־ווערן,
און נישט פארגליווערט שטיינעריק דאָ בלייבן —
א קאלט געשטאלט מיט א גראָ־מארמאָרנער קאפּאָטע
מיט פאַלדן־שפּאלטן פאר די גאסיק־זאמדיקע שטויבן.

א פראָצעסיע גייט און שלעפּט א טויטן נביא,
און שטעלט זיך ביי דעם מאגיסטראט אנידער.
אַן אָדם חשוב הויבט אָן פּלאפּלען שורות כבוד,
און שול־קינדער זינגען פרומע, אלטע לידער.

און דאמען מיט דין־דורכזיכטיקע קרעפּ־וואלן
טרעטן מיט די דינסטע פיס ארויף די טרעפּלעך;
קליינינקע חנ׳עוודיקע היט אויף זייערע פיינע קעפּלעך
און אויף די שמאָלע אקסל זייערע פארוואָרפן
עלעגאנט־עקסטראוואגאנט די טרויער־שאלן.

אָ גאָט, לעש מיר מיין לעבן אויס אין מדבר
און קיינער, קיינער זאָל מיך נישט געפינען קענען.
האלט מיך לאנג דאָ אין מיין עלנט ווי אין מדבר,
כ׳זאָל ביז׳ן לעצטן, לעצטן טויטן־אש דערברענען.
און איך זאָל כוח האָבן אויפצולייזן זיך, צושטערן
מיט פייערדיקן סם — פון נישט־דערפרייטע טרערן.

פון אַ בריוו

. . . זיי וועלן צונעמען ביי דיר דאָס דאָרף,
דיין וואַרים זומערפעלד,
דיין שטילן שאָטן וואַלד,
נאָר נישט דעם זינגענדיקן מאַנאַטאָן
פון דינעם רעגן אינדערפרי,
ווען דער יונגער זומער קנאָספּיקט-אויף דעם צווייג.
און נישט דעם זיידענעם שיין,
און נישט דעם פּייערלעכן וויין,
ווען פאַרביקער כישוף לייטערט דעם פאַרנאַכט.

זיי האָבן אויך ביי מיר אַרויסגעריסן פון דער האַנט
די גוטע, מאַמעדיקע גאַס,
וואו אונזער שטוב האָט זיך געהויקערט אַלט,
און מיך געבראַכט אַהער אין שטיינעריקן וואַלד.
זיבן מאָל אַ וואָך שיק איך מיין בענקעניש אַהין,
און זיבן מאָל קומט זי צוריק צו מיר מיטן ווינט,
און לייגט זיך מיד אַוועק דאָ אויפן שוועל —

אַ שטיקל האַרבסטיק גאָלדן געל.

☆

קאַפּיטל ת ?

און אברהם איז אויפגעשטאַנען זייער פרי
און אויפגעוועקט זיין שפחה אידיש
און איר אינגעלע יצחק,
און האָט אָנגעלאָדן אַ קליין געפּעק
אויפן שטילן, זילבערנעם ציגעלע,
און אַ קריגל וואַסער אָנגעבונדן אָן איר אָרעם,
און אַ פּאָר דאַרע פרייטיק-פלעצלעך,
און אַ נעכטיק וואַכעדיק ברייטל
אַריינגעלייגט אין קליינעם קאָשיקל
און זיי אַוועקגעשיקט פון זיין פּנים.

און זיי האָבן געוואָגלט אין וויסטן מדבר אייראָפּע,
אין אַלע אידישע פאַרברענטע ישובים,
געגנעכטיקט אויפן הוילן אַש פון טרעבלינקע
און אויפן אַש פון מאַידאַנעק.
און יצחק האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דרימל
און געוויינט: מאַמע, כ׳וויל אַ מאַנדל, אַ ראָזשינקע,
זינג מיר, מאַמע: אויפן פריפּעטשיק ברענט אַ פייערל,
לאָמיר אויפשטיין, לאָמיר גיין זיך לאָזן זוכן;
אפשר וועלן מיר נאָך אויסגעפינען
דאָס הויז פון זיידן מענדעלען.

און די שפחה אידיש האָט זיך איבער אים אַריבערגעבויגן
און אים געזונגען דאָס אַלט־אייביקע שיר ערש
אונטער יצחקלס וויגעלע,
שטייט אַ קלאָר־ווייס ציגעלע.
דאָס ציגעלע איז געפאָרן,
דאָס ציגעלע איז געפאָרן,
וואוהין איז עס געפאָרן?
געפאָרן זוכן די פאַרלוירענע יאָרן.
געפאָרן זוכן די פאַרברענטע היימען
פון בראַצלאַווערס שולכל,
כאָטש אַ שפּיץ פון קוימען
פון בעשט״ס בית-מדרש,
כאָטש אַ טירל פון ארון.
דאָס ציגעלע איז געפאָרן,
דאָס ציגעלע איז געפאָרן.

און די שפחה אידיש איז אויך איינגעשלאָפן,
און ס׳האָט זיך איר געחלומט יעקבס חלום.
און אַ מלאך פון גאָט איז צו איר אַנגעפלויגן,
און אַ פּאָך געטאָן מיטן פליגל: עפן אויף די אויגן.
דו זעסט אָט דאָס לאַנד מיטן אַש פון מיליאָנען,
צו דיר טו איך דאָס איבערגעבן אויף אַלע אייביקייטן.
דו און דיינע דורות נאָך דיר וועלן עס ירש׳נען.
און די מאַמע אידיש האָט זיך אויפגעוועקט מיט אימה

און דערזען איר אינגעלע יצחק שלאָפֿט נאָך,
דער קאָפּ פֿאַרגראָבן אין זאַמד־אַש פֿון טרעבלינקע
און שלאָפֿט נאָך, און שלאָפֿט נאָך.

☆

פונם מע פון אַ ציג...

פונם מע פון אַ ציג, אַ ציגעלע,
וואָס איז לאַנג שוין פון אונזער גבול ארויס,
איז געבוירן געוואָרן איבער יאַנקעלעס וויגעלע
דאָס וויגליד וואָס קלינגט נאָך נישט אויס
אין טונקלסטן ווינקעלע אפילו,
אין פאַרוואָרפנסטן אידישן הויז.

אַן אויער אַן אײדלס, אַ ציטערדיקס,
וועט דאָס ליד נאָך דערהערן — ווען?
ווי זאָל איך דען וויסן? איך גלויב אין דעם,
אין דער שײנקײט וואָס מוז נאָך געשען.
יעדער דור איז זוכה זיין וואונדער, —
וועט אונז נישט קיין וואונדער געשען?

יעדן דור קערט זיך אום אַן אבידה,
ווי שפּעט עס זאָל נישט זיין — עס געשעט.
אונזער דור איז שוין באַלד־באַלד אַ זיידע,
נאָר עס גליט אין זיין אויג נאָך און כישופט
אַ פונק פון אַ יונגן פּאָעט.

כה דיבר, אזוי האָט געפיבערט,
געטראַכט און גערעדט אײער קנעכט
יוד יוד סיגאַל — אין זיין שטילסטן געבעט,
וואָס הערן האָט אים בלויז געהערט
דאָס געלגראָז אין זיין אַלטן הויפל,
וואָס אַ גרעסערער חלק גן עדן
איז אים נאָך סיוּוי דאָ באַשערט?

זאָל כאַטש זיין אויף שפּעטער...

כ׳וועל איטלעכן פּשוטן אידן באַזונדער
רופן מיטן נאָמען גרויס פאָלק ישראל.
יעדער אידישער איד איז נס, איז וואונדער
ווי וואונדערלעך ס׳איז דאָס כל בית ישראל.
אזוי פיל פאַרלאָרן און זיך נישט פאַרלאָרן.
אזוי פיל פינסטערניש געזען און געבליבן ליכטיק,
און געפינט נאָך דאָס גענאָד צו פאַרענטפערן גאָט
און פאָלן אין ווידוי פאַר דער תמימות פון קברים
פון אַ קידוש השם פון אַ גאַנצער שטאָט,
פון זיבן שטעט און פון זיבעציק לענדער,
און זיך אָנלענען אין אַ סקריפּנדיקן שטענדער
און זוכן אין די אַלטע עמודים און בלעטער
אַ שאָטן פון אַ בשורה, נישט באַלד אויף מאָרגן,
נאָר אויף שפּעטער, שפּעטער, שפּעטער, שפּעטער,
זאָל זיין כאָטש אויף שפּעטער.

☆

ד י י נ ע ל י ד ע ר

אַוועקשטעלן אונטער אַ ליד אַ ציפער
אַז היינט, דעם 18טן יוני, האָסט עס געשריבן.
די ווערטער דיינע וואָרצלען ווייטער, טיפער —,
און די יאָרהונדערטער, די אַלטע און די יונגע,
האָבן זיך געבויגן און זיי אויפגעקליבן
פון די ערדן, פון די שוועלן, פון די ברעגן וועלט,
וואו אַ דור האָט זיינע לעצטע טריט געשטעלט.
און דיין נאָמען, אַ פאַרהאָרעוועטער, אַ מידער
שטעלט זיך נאָר אויף וואָך ביים ברעג פון דיינע לידער,
די לידער וואָס דו האָסט אַוועקגעגעבן — וועמען?
וועמען גיבן דען דיביימער אָפּ זייערע פּירות?
איטלעכן, און ווער עס וויל זאָל קומען נעמען.
נעמען איז אַ ברכה און אַ לויב צו גאָט,
נעמען איז גענאָד.

אָט־דאָ...

אָט־דאָ אין דעמדאָזיקן מקום,
אין שטום־עלנטן טאָל פון דער פרעמד,
לעבן שטיל מיט פאַרשוויגענע ליפּן
די לעצטע פּיטנים פון אידיש.

יעדער האָט דאָ אַ ספר געשריבן.
די ספרים רוען אין פרידן אויף די ברעטער.
ווער עס קומט דאָ אַריין ווערט שטילער,
און שטעלט זיך אַוועק אין אַ ווינקל.
נעמט אַרויס אַ בוך פון זיין רו־אָרט
און בלעטערט דאָס הייליקע לשון.

נאָר דאָס וואָס דער דור האָט פאַרלאָשן
וועט איינער פון אונז אָנצינדן ווידער.
לידער צינדן זיך אָן פון לידער.

מאַרק און גאָס און וועלט וועלן פאַרגעסן,
נאָר איינער אַ בחור האָט זיך פאַרזעסן
אין אַ ווינקל ביי אַ קרומען שטענדער
און פאַרזונגען די וואָר אין לעגענדע.

געבענטשט איז די וואָר וואָס טוט קומען
אין די גאָטישע טויערלעך פון לעגענדע.

☆

איך גלויב...

אין אזויפיל הייליקייטן — טומאה,
כ׳האָב נישט ליב די שיינע מאַרמאָר־טרעפּ,
האָב פיינט די אויסגעפּוצטע פרומקייט
און די ארויפגעריסענע קעפּ.

איז — ווענען זאָג איך עס די ווערטער,
וואָס איך האָב ליב און איך האָב פיינט?
איך זוך נישט מער יענע וואוילגערעכטע,
וואָס גאַס און פאָלק האָט זיי געקרוינט.

איך גלויב אַז ס׳וועט נאָך איבערבלייבן
אין אַ פאַרוואָרפענעם געגנט וואו,
אַ נידריק שטיבל, וואו דער שטילער גלויבן
וועט נאָך געפינען אַ שעה פון רו.

און צו דערדאָזיקער רו אין ווינקל
וועל איך נאָך קומען בייטאָג, פאַרנאַכט, —
דאָסזעלבע אינגל, דאָס קאָריצער אינגל,
וואָס איז נאָך אַלץ אין זיך פאַרטראַכט,

און האָט זיך נאָך נישט אויסגעטשוכעט
פון דער פאַרוואונדערטקייט אַרום,
און מאַכט נאָך שטיל אַ פרומע ברכה
אויף אַלץ וואָס איז דאָ גוט און פרום.

און גאָר די רשעות האָט קוים אַ פינגער
צו זיין נשמה דאָ צוגערירט,
און האָט געלאָזט אים ברומען, זינגען,
און אויפגעלעבט און אויפגעריכט

האָט אים דער נייער טאָג באַגעגנט:
אַ לויב דיר, גאָט, פאַר דעם געשען,
וואָס כ׳האָב דאָ אויף די הוילע וועגן
סימנים פון די טריט דערזען,

די טריט פונם בעל שם הקדוש,
און כ׳פּרואוו נאָך נאָכשפּאַנען די טריט;
וואָס כ׳הער נאָך דאָ אַ דיבור אידיש,
און זע נאָך וואו ניט וואו אַ איד,

וואָס איז פון תהום אַרויסגעשפּרונגען
און זיך געראַטעוועט און איז דאָ.
און הימל און ערד האָבן אים געזונגען
ברוך הבא, אין אַ גוטער שעה!

אַ פּרק מענדעלע

פֿאַרלערנען זיך אין אַ פּרק מענדעלע, —
ווען כ׳זאָל נאָך קאָנען זיך אַמאָל אַריינקלייבן
אין אַן אַמאָליקן גרויס־שבת׳דיקן בייטאָג,
ווען אידן לערנען פּרק מיט אַ ניגון,
ווען אידן שעפּן רו מזיו השכינה,
ווען אידן זיינען נאָך שיינע שבת־אידן,
ווען אידן זיינען אידן.

ווי אַ בעל דרשן שטעלט ער זיך אַוועק אַמאָל
דער זיידע אונזערערביים ליטעראַטור־באַלעמער
און מוסרט האַרב, און לערנט הויך־הלכה.
נאָר פּלוצלונג הויבט אָן אונטערזינגען זיין לשון —
דאָס לשון גופא מאַכט אויף זיך אַ ברכה,
און ס׳פלעכטן עטלעכע חכמה־ווערטער אויס
אַזאַ מחיה׳דיקן, קלוגן, וואוילן משל,
און פונם משל ווערט אַ שיינע מעשה
און די מעשה איז אַ מעשה וואונדער,
וואונדער ונפלאות.

זעט ברידער, שרייבער, דיכטער,
וואָס פאַר אַ רייך־צעבלעטערט בוך
אונזער יונגע ליטעראַטור איז שוין געוואָרן.
מ׳שפילט דאָרטן אויף אַלע אינסטרומענטן,
מ׳קלינגט דאָרטן אויף אַלע קולי־כלים.
נישט לאַנג ערשט איז דער זיידע אונזערער דאָ
אַרומגעגאַנגען צווישן מאַרק און שולגאַס,
צונויפגערופן ס׳ביסל אידיש פון די גאַסן,
צונויפגעפירט בית מדרש, קלויז און סאַד־גאַס,
אַריינגעקוקט אין פישקעס בעטלער־זאַק
מיט נישט־וויניקער כונה ווי אין עין־יעקב,
און ער האָט אונז דערנאָך צונויפגערופן
און אונז געזאָגט בזה הלשון, אזוי־צו־זאָגן:

זעט, אידן, איך האָב דעמדאָזיקן קונטרס בלעטער
צונויפגעקליבן אונטער אייערע אייגענע אויגן.
אַן אוצר האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף די גאַסן.
ס׳קאָן קומען נאָך אַ טאָג אַמאָל, מיינע בני־אידן,
און ס׳ביסל חכמה אונזערס דאָ,
וואָס גייט אַרום פון מויל צו מויל,
פון אויער צו אויער,
פון האָרץ צו האַרץ,
זאָל גאָר אַרומכאַפּן אַ בייזער שטורעם.
אַ וואָלף פון ניט קיין פלייש און ביין,
אַ וואָלף פון גייסט קאָן אָנפאַלן אויף אונזער אידיש
אויף אונזער שניי־ווייס ציגעלע של אידיש,
און עס פאַרצוקן — האָב איך געבויט אַ פעסטונג,
אַזאַ מין תיבה מיט שיין־קאַמערן און טירן,
מיט פענסטער צו דער זון און צו דעם מאָרגן,
און אַ קליין פענסטערל אפילו צו דער אייביקייט.
איך בין דערפאַר געגאַנגען פון מאַרק צו מאַרק,
זיך איינגעקוקט, זיך איינגעהערט צו אַלעמען:
וואָס לאָזן מיר די שוסטער־העמערלעך לערנען?
וואָס זאָגן מיר די שניידער־פועלים פאַר אַ דברי־תורה?
וואָס זאָגט די קלויז הישנה צום בית מדרש החדש?
וואָס רעדט דער איד פון ברויט־קאָרב צו די קונים?
וואָס רעדן קלעזמער אַלטע צווישן זיך,
ווען זיי לייגן אין אַ הויפן אַוועק די כלים
און פּרואוון זיך דערמאָנען על פּי זיכרון
די זיבן שפּאָגלנייע גראַמען פונם בדחן,
וואָס איז אַ שטיקל למדן אין ר׳ אליקום צונזער,
און פירט צונויף אַ זייגער מיט אַ סאָכע,
ווי אַ חתן מיט אַ כלה, און ער פידלט גראַמען
און פאַרענדיקט מיט אַ פּזמון פון אני מאמין.
איך האָב זיך איינגעהערט צו זייערע דבורים
און בין אויפן שפּיץ־מח געוואָרן מערער חכם.
מיינט ניט, ס׳איז אַ קלייניקייט זיך לאָזן
אויפפרישן אין דער משפחה פונם פאָלק.

אוצרות קלייבן זיך דאָרט אָן אויף זאַמדיקע פּריזבעס,
אויף בייגעלעך־שטעלן און אויף עפּעלעך־קעסטלעך,
און אידן טרעגער זיינען אפשר נישט קיין תורה לומדים,
נאָר ס׳מעג זיך אונזערער אַ איד אַמאָל אַראָפּכאַפּן
פון באַנק אין קלייזל און זיך איינבעטן אויף אַ טאָג
צו צמח׳ן אויף דער הויכער עגלה־קעלניע.
ס׳איז אויך אַ שטיקל וואַזשנע אויבנאָן;
מ׳קאָן דאָרט נישט חלילה נאַרישער ווערן,
דאָס לומדות וועט נישט צוכאַפּן דער ווינט.
און אַ איד וואָס פאָרט צווישן וועלדער,
וואָס זעט דעם הימל איבער בערג
און אין די טייכן זיך באָדן,
וואָס פאָרט פאַרנאַכט־צו דורכן וואַלד,
ס׳איז מנחה־רואיקייט, ס׳איז מנחה שלווה;
די זון אין מערב רויטלט זיך בת־כלה׳דיק,
און צווישן בוימער ווינטלען הייליקע סודות.
אַזאַ מין אידן וואָס שעפּט זיך אָן מיט פולע אויגן,
פולע נאָזלעכער מיט וועלט, מיט גאָטס געמיט,
אַזאַ מין איד, רב איד, גייט נישט צופוס
און מ׳דאַרף זיך וועגן אים פאַרטראַכטן.
ס׳וועלן קומען טעג אפשר און יאָרן,
וואָס מיר וועלן בענקען נאָך אַזעלכן און שמאַכטן,
מיר וועלן אים זוכן און נישט קאָנען מער געפינען.

האָב איך זיי ברידער־סופרים, דיכטער,
די דאָזיקע אידן מיט שטריק און בייטש און ווערטל
אַריינגעבעטן צו זיך דאָ אין מיינע בלעטלעך.
ס׳וועט קומען אַ צייט און אידן וועלן זיך פאַרבענקען הערן
וואָס ס׳הערט זיך עפּעס אַלטס אין אונזערע וועלטן.
וועט עמיצער אַראָפּנעמען אַ ספר מענדעלע
און זען וואָס ס׳האָט זיך ביי אונז אָפּגעטאָן
אַ לעבן מבאר שבע ועד דן,
פון גלופּסק ביז יופּסק,
פון זשיטאָמיר ביז באַרדיטשעוו.
הלוואי זאָל מיך דאָס האַרץ מיינס אָפּנאַרן,

און אונזערע קינדער און בני־קינדער
זאָלן נאָך ביי טישן לעבעדיקע און ביי סעודות
אין טעג פון פרייד, אין יאָרן פון יונגן נחת,
לייענען לשם הנאה אַ פּרק קליאַטשע,
און אידיש זאָל זיין פול די אידישע הייזער
און אונזערע שרייבעכצן זאָלן זיך צונויפרעדן
מיט אַלע ריידעכצן און טראַכטעכצן פון הויפן.
אונזער גאַס זאָל זיין אַ גאַס ווי אַלע גאַסן,
מיט אַ באָד און מיט אַ שול און מיט אַ שענקל,
מיט אַ אידן מיט אַ שפּילקאַסטן אַ געלן
און אַ פּאַפּוגיי וואָס קאָן אַ פּסוק אידיש
און ארויסגעבן אַ בריוועלע פון גליק,
געשריבן על פּי נוסח שמ״ר אפילו,
מאַכט אויך נישט אויס — וואָס ווייס אַ פויגל?
אַבי ס׳זאָל זיין לאידיש און צום לעבן.

✡

אַ ת ח י נ ה

איך האָב פון צווישן אַ לאַנגער שורה ספרים
אַרויסגענומען — אַן אַלטע, געלבלעכע תחינה;
זי איז געשטאַנען — כ׳ווייס אַליין ניט
ווער ס׳האָט זי דאָרט אַוועקגעשטעלט,
צווישן דאָסטאָיעווסקין, פּראַנסן און טאָלסטאָיען
און אַ פּאָר נייע ביכער פון טאָמאַס מאַן.
די איידעלע און צניעותדיקע צווישן פרויען
צווישן יענע הויכע וועלטבאַרימטע מאַנען —
וויפיל נאָך אַזעלכע זיינען אויף דער וועלט פאַראַנען?
אַז כ׳וועל מיט איר אַביסל אונטערלייענען דאָס האַרץ,—
האָב איך געטראַכט, — וועל איך צוריק זי שטעלן אויף אַן אָרט
און כ׳וועל זי נישט אַוועקנעמען פון דאָרט.

אַז כ׳האָב גענומען לייענען די תחינות
וועגן ליכטבענטשן, וועגן פּרנסה און חיונה
וועגן אַ חופּה-נאַכט און אַ באַדעקנס,

וועגן די לייד און אומגעדולדיק ווארטן
פון אַ כלה אויפן חתן אשר יתמהמה
הינטערוועגנס דאָרטן — ווי דער מאַמען,
ווי ס׳טוט ווי דער בלאַסער כלה נעבעך זיין זיך־זוימען;
אַ תחינה וועגן דעם ערשטן חודש, דעם דריטן חודש
און אזוי-אַ ביזן ניינטן חודש טראָגן;
אַ תחינה וועגן פאָרן צו אַ חתונה אויף אַ גויאישן וואָגן,
דורך ווילדע וועגן און אַלטן וואַלד ביינאַכט,
און אַ תחינה וועגן אויפגעבונדן ווערן
און געבערן און האָבן אַ בן זכר אָדער אַ מיידל.

און לייענענדיק אזוי די תחינות אַלע,
האָב איך דערזען מיין שוועסטער די כלה
מיטן ווייסן הויב, און מיטן לאַנגן שלעפּ,
און מיינע שיינע פעטערס, מומעס, באָבעס, זיידעס,
מיר פאָר זייערע אַלעמענס קעפּ,
פאָר זייער אידישער הלבשה דער לאַנגער,
מיט די טיפע ברייטע פאַלדן אַנגעקנייטשט,
מיט זייערע הויבן, טשופּעקלעך און טיכלעך קלאָרע
און געקווייטלטע, געפּרענזלטע פון כל-הסאָרטן.
נאָך היינט דערשמעק איך פון פאָר מיילן־מיילן ווייט
די צוגעברוינטע ריחות פון די לעקאַכן און טאָרטן
און די זינגענדיקע ווערטער פון אַלע ברכות און גדולות
און דאָס אינמיטן אַזאַ גויאישער געדיכטעניש
ארויפגעקראָכן אויף דער סאַמע שווערער פּלייצע פונם גלות
און געפּראַוועט אונזער אייביקייט
און אָפּגעריכט מיט שמחה אַ שטיק גלות.

ביים סוף פון דער תחינה, אויף די לעצטע בלעטלעך,
ווי פאָרן בלאָען פענסטער, שוין פאַרנאַכטלעך, שפּעטלעך,
זיינען געשטאַנען אַ פאָר קליינע תחינהלעך,
ווידויים זייער שטילע, מורמלעך, קוים-קוים צו הערן,
אַ שורה, צוויי — און כ׳האָב זי צוגעמאַכט, די תחינה,
צאַרט אין מיינע הענט געהאַלטן נאָך,
אַזאַ מין איידעלע און דינע

און אַ שיינע, ווי מיין מומע גנענדל.
אַ זיס מויל געהאַט, אַ קלוגע און אַ פרומע
און אַ וואָרט געווען ביי איר אַ רענדל.
שוין צו נאַכט-צו, זאָל מיר כאָטש צו חלום היינט ניט קומען,
און אויב יאָ, מאַכט אויך נישט אויס, פאַרקערט,
אויב איך האָב עס נאָר די ווערט.

☆

אַ גויאיש וואָרט

פאַרן בעל־שם-טובס מחשבה
פלעגט אָפט בלייבן שטיין
אַ וואָרט אַ גויאיש,
הכנעה'דיק קליין:

שאָ כאָטשעש? וואָס ווילסטו?
האָט אים דער בעש"ט געפרעגט.
און פונוואַנען קומסטו?
פון וואָס פאַר אַ וועג?

און דאָס גויאישע וואָרט
האָט אים געענטפערט שטיל:
איך קום פונם דאָרף
ביי דער וואַסער מיל.

איך קום פונם ברייטן
פעלד, אויף דער וועלט.
איך קום פונם קוואַל,
וואָס קוואַלט און קוועלט

פון באַרג אַרונטער,
פונם קרומען שטיין
און זיין וואַסער איז אזוי
ווי דער הימל ריין.

און דער בעש"ט הקדוש
גלעט זיך די באָרד

און שמייכלט בנעימות
צום גויאישן וואָרט.

און שטיל, קוים מ׳הערט
דעם אָטעם פון זיין קול:
נו, און אין שענק
ביזטו געווען אַמאָל?

און שטיל, און שעמעוודיק,
מיט אַ טרויעריקלעך קול
ענטפערט דאָס גויאישע וואָרט:
נאָר איינמאָל.

— איז וואָסזשע פאַרלאַנגסטו
און וואָס איז דיין באַגער?
און וואָסער אַ כוונה
האָט דיך געבראַכט אַהער?

און דאָס גויאישע וואָרט
הויבט אויף דעם קאָפּ,
כאַפּט אַ קוק אויפן בעל שם טוב
און לאָזט אים תיכף אַראָפּ.

און ס׳ציטערן די זילבן
צווישן זיינע ציין,
און ער מורמלט, נאָר דער בעש״ט
הערט און קאָן אים פאַרשטיין:

גיב מיר אַ תיקון
און גיב מיר אַן אָרט,
כ׳וויל ווערן אידיש,
אַ אידיש וואָרט.

וואו דו וועסט מיך שטעלן
דאָרט וועל איך שטיין,
וואו דו וועסט מיך שיקן,
אַהין וועל איך גיין.

און דער בעל שם הקדוש
האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ

אַז יאָ, און ער האָט מיט אים
געלערנט טראָפּ.

געלערנט ניגון
און אלף בית,
און אידישן טרויער,
און אידישע טרייסט.

און געזעסן מיט אים
דריי טעג און דריי נעכט.
בייטאָג פאַרן פענסטער,
ביינאַכט — ביי אַ ליכט.

און געלערנט, און געלערנט
דערקלערט און פאַרטייטשט
ביז דער בעש״ט האָט דערזען
אַ אידישן קנייטש

אויפן שמאָלן שטערן
פונם גויאישן וואָרט,
און ער האָט זיך בנעימות
געגלעט פאַרן באָרד,

און ער האָט אים געבענטשט — —.

☆

כ׳בין נאָר אַ ניגון

אוודאי האָב איך ליב בכל לבבי
דאָס לשון פון מיין לעבן און אַלע ווערטער,
וואָס בייטן אזוי וואונדערלעך די ערטער,
ווען מיין געדאַנק און מיין געמיט טוט זיי באַפּעלן:
זיי ווערן פייער אויף די ליפּן פון דעם נביא,
און חסד — אין דעם בראַצלאַווערס מחשבה.
וואו ציען דען זיינע ניט־פאַלקסטימלעכע געשיכטעס?
אויסלייזן די סודות פון פאַרבאָרגענישן.
די טרויעריקע פינסטערניש אַרויספירן
אויף דער גרויסוועלט זיך אַביסעלע דערליכטיקן.

ער גייט אַליין אַרונטער אין דער הייל פון די געהיימענישן,
און הייליק איז דאָס וואַרטן אונזערס אויף זיין קומען.
און ביי די וואַכעדיקע, ניט־געדעקטע טישן,
האָט ער אונז אַרום־זיך
אַ גאַרטל אַרום דיך — אַרומגענומען.
ניט קיין תורה׳ס האָט ער אונז גע׳תורה׳ט,
נאָר מעשות אייביקע דערציילט פון ווייטע וועלטן, —
איז די ווייטקייט אונז שוין אייגענער געוואָרן.
זי איז געווען אַ שטאָט אין אונזער גבול,
אַן אַלטע היימיש־איינגעבויגענע שול.
זי איז געווען אַ דור אַ יורד,
אויפגערופן צו דערהויבענער עליה.

— ווי וועלן מיר, רבי, קאָנען דרייסטע שטעלן
אונזער ערשטן טראָט אויף יענע הויכע טרעפּ און שוועלן
צו דער וועלט, וואָס גייט אַלץ העכער דאָרט למעלה?

— מיט אייער גאַנג אַרויף, אַרויף,
ווערט איר אַליין די הויכע זיילן.

איך אַליין האָב אויך אַמאָל דערזען באמצע הלילה,
ווי כ׳בין געזעסן איבערן האַרטשטיין פונם וואָרט,
געשליפן און געשליפן און זיך פאַרשליפן
אין סוד־סודות און געהיימענישן, נאָר די פונקען
האָבן מיך דערמאָנט, אַז ס׳האָט די נאַכט
מיך נאָך נישט צוגעדעקט און נישט דערטרונקען.
ווער ווייס וואָס פאַר אַ טייטשן און פירושים
איר וועט אַריינלייכטן, אַריינטונקלען אין מיינע חידושים.
נאָר זאָל אייך וואוילבאַקומען יעדער רמז
וואָס איר וועט דאָרט דערזען, דערהערן,
אָבער איר וועט נאָך זיך אַליין
מחיה זיין דאָס האַרץ מיט אַ לעק אמת,
און איר וועט מיך דורך זיך דערזען.

מער האָב איך נישט געוואָלט מיט מיינע מעשות
אַחוץ אין אייך זיך צו געפינען,

און דערבעטן רו אין אייער כח,
וואָס וועט זיך קיינמאָל דאָ נישט אויסלאָזן.
איך בין מיט גאָט געקומען זיך דערדינגען
צו אַ שטיקל שם צווישן אייך, —
אַ שאָטן פון מיין לעבן
זאָל ביים זייט פון אייער ליכט כאָטש בלייבן.
כ'בין נאָר אַ ניגון — איבער אייער וועלט דאָ דורכגעגאַנגען.
געבענטשט זאָל זיין די האַנט פון אייער אַ בן דור
וואָס וועט כאָטש מיט אַ וואָרט
אויפן שער פון אייער ספר דאָס פאַרשרייבן.

☆

י ס ו ר י ם

ער זאָגט מיט אַזאַ זיכערקייט
אין קול און אין די ווערטער,
אַז יסורים, ליידן לייטערן, דערלייטערן
צום ערשטן שפּאַן אין יאָך פון מעשים.
און איך האָב דאָ געזען
אזויפיל טויט־דערשראָקענע פון ליידן,
וואָס האָבן זיך פון אַלעמען דערוויטערט.
הייסט דאָס אויך געלייטערט?

אפשר?

☆

פ ל ע ק ן

די צעוואָרפענע שטעט אין חורבות.
ניין, אַזאַ מין תהום פון סדום?
זע, פונוויטנס בלויט אַ וואַסער,
און ביים ברעג דאָרט — אַ פּאַראָם

פירט דיך רואיק, שטיל אַריבער
צו אַן אַנהויב נייער וועלט.

ס׳האָט אַ גלויביקער מענטש מסתּם שוין
ס׳ערשטע הויז אַוועקגעשטעלט.

האָט מיט זיך אַ ציג אַ גראָע —
אויך געראָטעוועט פון פלאַם.
טרעט פּאַמעלעך, קוקט אַרום זיך
רואיק, תּמימותדיק, אַ תּם.

דאָס געמיט ווערט ריין פון בייזקייט,
און די ביטערניש צעגייט.
דאַכט זיך ווען אַ האַנט אַ גוטע
וואָלט אויף דר׳ערד „דעם טיש געגרייט״

און אַוועקגעלייגט אַ ברויטל,
וואָלט עס הייליק ברויט געווען,
מיט דער ערד און מיט זיין קערן
איז קיין טומאה ניט געשען.

אפשר וואָלט דאָס לויטערע וואַסער
אָפּגעוואַשן פון אונזער האַנט
יעדן וויסטן צייכן עלנט,
יעדן שאָטנפלעק פון שאַנד.

אינהאלט

טאָגבוך 7
לייג אַוועק דיין פען 7
צוויפגעלייגט די הענט ווי פליגל 8
קומט אַ פרעמדער 9
דו מיינסט אַז ער קומט שוין נישט טאַקע 10
באַוויליק 12
יעקב יצחק הלוי 13
אומרו 14
אָ גוטסקייט 15
וויזיע 16
כ׳מעסט זיך אָן 17
איך וואַרט 18
פאַראַן אַ ליד 19
לעבן זיך אַליין 19
נאָך לידער 20
כ׳האָב אַלץ זיך נאָכגישט 21
גאָט, גאָט גיב מיר גלויבן 23
נישט דורכרייטן 24
וואָרנונג א. ב. 25
קרבן 26
חסידיש 28
דערוואַרים מיר מיין לייב 30
דאָס הויז פון חסידות 30
געווען ביי אונדז איינער 32
זעסט ? 33
המלמד תורה 35
דער בעש״ט 36
נס 36
דער איד הקדוש 37
ווילנע און גער 38
שבת און וואָך 40
ס׳אַר אַן עולם מיט טומל 41
איך 42
מיין טאַטע 43
מיין מאַמעס הויז 44
כ׳בין איינער און דער איינציקער 45
מיין טאַטע וואָלט זיכער זיך איבערגעבעטן 47
איך און מיינע ברידער 48
דריי ברידער 49
מיין טאַטנס אָנדענק 50
אַז די מאַמע פלעגט אָנטאָן 51
אין אונזער משפחה 53
דער פעטער אייזיקל פלעגט זאָגן 54
קאָרעץ 56
נאָכאַמאָל 57
און איצט איז שפעט 57
פון אַ בריוו 59
נאָר איינמאָל 60
אַ זעקעלע גלות־ערד 61
חורבן כעלעם 62
ליד 63
זיי היטן און באַשיצן אונז 65
אינגלעך ! 66
אַן אָפּגעריסן בלעטל פון אַ מעשה׳לע 67
די אומות העולם 68
אַז דו ווערסט מיך פאַרכאַפּן 70
זיי 71
יתומים 72
אַ גאַנצער דור 73
זאָל זיי נישט געשוויגן ווערן ! 75
קינדער 76
איך בין אַ לערער 77
מיט אונז 78
היינט 79
אַזאַ מין שטילקייט 80
מלחמה ליד 81
צייטליד 82
ביי דעם עלנט 83
טורעם 83
צו מיין ליד 85
אַ ליד 86
דעם דיכטערס ליד 87
אַ גריל לעת ערב 88
פאַראַן אַ גרויסער אמת 89
כ׳וועל עולה־זיין צום קבר 90
ברידער מיינע, דיכטער 90
דו אַליין 91
די האָפנונג 92
וואוהין דערפירט אַ מענטשנס רצון ? 93
אַ גראָז 94
נייע ליכט 95
אני מאמין 97
ליב 98
פון אַ בריוו פון ישראל 99
און אַ איד 100
אַ איד איז געקומען 101

נייך, כ׳בין נאָך ניט שטיל ווי גראָז ... 102
ס׳געשעען טויזנט און איין מעשיות ... 103
צו ... 104
אַלט־מאָנטרעאָל ... 105
שפּעט הערבסט אין מאָנטרעאָל ... 106
זומער און ווינטער ... 106
זומער ... 107
געל ליכט ... 108
דו פירסט ... 109
צוריק ... 110
צו פּ. ג. ... 110
אַ פּשוט ליד ... 111
אין דיר ... 112
און ווי ס׳איז מיין גורל נישט טונקל ... 115
רוף מיך נישט ... 115
בין גרייט ... 117
אַמאָל ... 118
אַלט ... 119
די נדבות ... 120
כ׳וויס: קיינער האָט נישט קיינעם ... 120
קליינע, אָרימע נשמה ... 122
אומרו ... 123
איך וועל צוריק זיך צוגעוואוינען ... 124
הלוואי ... 125
נישט נאָר דאָס מקום ... 126
זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אַליין ... 127
מיין יחוס־בריוו איז מיט אַ
דינעם־דינעם כתב ... 128
זיך צונויפרעדן נאָענט און ליב ... 129
איך וויס נישט צי דאָס ביסל חסד ... 131
ויהי ערב, ויהי בוקר, ויהי ... 131
געפּאַנגען ... 133
היט זיך פאַר פאַריסענע משלים ... 134
לויטערקייט ... 134
דער אוצר ... 135
אַן אייניקל נעבעך ... 137
דער אַלטער, גראָער רב ... 139
אַ זקן ... 140
יאָך ... 141
אשרי תמימי דרך ... 142
ברוך אדושם ... 143
וואָס שטייט איר, אידן? ... 144
ספקות ... 145
אין ניגון פון טיפסטער תמימות ... 146
נאָר עטעלעכע זיינען ... 147
וועל זיך נישט בייטן ... 148
זע אונזער ביסל לעצטע זיידעס ... 149
מאַמעס ... 150
אָ, מאַמעס טייערע ... 151
יונה׳לע ... 152
דעם זיידנס הויז ... 153
דריי אינגלעך ... 154
מיט יענע חדר־אינגלעך ... 155
כ׳וועל דערציילן ... 156
אויפן בילד ... 158
איך האָב אייך אַלע ליב ... 159
בין ניט קיין פרומער ... 161
קליידער נייע ... 162
ביי דעם וויגל ... 163
טייער חנהלע ... 164
צו מיין טאָכטער ... 165
מיינע קינדער ... 166
מידע האַרנטע ... 167
עס גייען נאָך מיר ... 169
אָט אָ־די קליינע פרוי א. ב. ... 170
שאָטן־געשטאַלטן א. ב. ג. ד. ה. ו ... 172
זאָג ווידער מיר ... 174
אין מלכות פון די לידער ... 175
וויפיל קליין־ירושלימס זיינען חרוב? ... 167
אַ יתום ... 177
צו אים ... 178
אידן ... 180
שלאָף מיין קינד ... 182
אַ גאַנצע וואָנט ... 183
בענקשאַפט ... 184
איך וויס נישט ווען ... 185
כ׳גראָב און גראָב ... 187
כ׳גיב מתנות דער וועלט ... 189
שפּראַך ... 190
אָ, קוק זיך גאָט אַרום ... 190
תורת־אידיש ... 191
אָ, וויפיל דו זאָלסט דאָ נישט צאָלן ... 192
דער שלום קומט ... 193
על גרעקאָ ... 194
רעמבראַנדט ... 195
מאַני לייב ... 196
די אַלע לידער זיינען מיינע טריט ... 197
ווי פרומע טאַטעס ... 198
צו ... 199
ליבע, קליינע חיות טובות ... 199
מיין ליד האָב איך דערוייל אָפּגעלידלט ... 201
דיין קליינער אוצר ... 202
און זאָגן דאַרף מען ... 203
טויט ... 205
איוב ... 205
כתונת פסים ... 206
מיין טרויעריקער ספר ... 207
אַ קנעכט צו תפילה און צו לידער ... 208
ביז אַהער ... 209
אַהיים... אַהיים... ... 213
איך ... 213
אַ הערבסטליד וועגן אַ זשוק מיט
עפּאָליעטן ... 215
דו אַלט און מיד קלוג לעבן ... 216
עס רוקן אָפּ זיך קאַלט פון מיינע אויגן ... 216
זיי גרייט אויף דער שעה דער בייזער ... 218
דאָס לאַגל פון מיין וואָרט ... 219
דער ניגון ... 220
אַ גוטער סוף ... 220
כ׳בין גרייט ... 221

פּאַרהאַלט 222
לויבן־לייבן 222
קליין הילף 223
סוף כל סוף 224
קיל און ווייס 224
וועלט 225
אפשר 226
ווי אזוי 227
גענוג 227
אַ איד 229
נישט קלאָג זיך 230
היט אָפּ אין מיר 231
מיינע לידער 232
באַהיט מיין ליד 233
ליכטיק 235
זיי האָבן אַלץ געשפּירט 236
חלום 238
ס'איז מיר גענוג 239
מיין מאַמעס אָנדענק 240
אין סדום 241
וואויל איז אונז 242
גאָט באַטוי מיין טרוקענעם גומען 243
דאָס געדענקען שענקט מתנות 244
מיט אונז 245
כ'האָב געקאָנט שוין 245
מיין וואָך 246
איך בין כמעט אָן פריינט געבליבן 247
אַ מענטש צעביטערט אין זיין נויט 249
דער אָוונט קומט נאָך ווי אַמאָל 250
קליין, קליין 251
דער פויגל פליט אַוועק 252
פרילינג 253
זומערדיק פייגעלע 254
איך 255
זיי וועלן מיך וויגן 256
אַ טיר 256
פּאַראַן נאָך וואָס זיך צו דערמאָנען 257
וואוהין 258
מיין לעבן נידערט 259
סדום 261
ווילנאַז 262
זע די שפּל'ע קרעמלעך 262
און דער ווייסער וואָגן מיטן ארון 263
איינער פון זיי 264
אַ מתנגדל הערט 265
די גרויסע יורדים 267
מילדערונג 269
די עול'ן 271
אַלע 273
אַ שטומע שעה 274
די ברכה 274
ביי אונז אַ אינגעלע 275
כ'וועל אָנקומען אַמאָל 276
נו, יאָ 276
גראָע רו 278
דו גייסט זיי פאַרביי 278
טו אזוי 279
וועלט 280
רב נחמן 280
זעקס לידער א, ב, ג, ד, ה, ו, 281
צו דיר 283
און אַלץ וואָס איך וויל 286
צו 287
אַ קלאַנג 288
חנהלע 289
קלאַנגען 290
באָבעס 291
אַ לויה־באָבעלע 292
ליכט 293
אַלטער פּאַרנאַכט 294
נאָך נייגעריק צו וויסן 295
לערן זיך ביי קינדער 296
עס איז געווען 296
לפני פסל אַפּאָלאָ 298
אויף זייער קאָפּ 299
1941 300
כי במקלי עברתי 301
דו 302
טויט 303
סדום 304
רו 305
מסתמא 305
און 307
דאָס פאָלק 308
ביים ברעג פון יאָרהונדערט 310
דער כישוף 311
די פירער 313
כוח 315
פון אַ בריוו 316
קאַפּיטל ת? 316
פונם מע פון אַ ציג 318
זאָל כאָטש זיין אויף שפּעטער 319
דיינע לידער 319
אָט־דאָ 320
איך גלויב 320
אַ פּרק מענדעלע 322
אַ תחינה 325
אַ גויאיש וואָרט 327
כ'בין נאָר אַ ניגון 329
יסורים 331
פלעקן 331

ביכער פון זעלבן מחבר:

●

א. פון מיין וועלט
פאַרלאַג, „מאָנטרעאָל", 1918

ב. באַזונדער
פאַרלאַג „רויע ערד", מאָנטרעאָל, 1921

ג. מיין שטוב און מיין וועלט
ווילנע — ניו־יאָרק — ווין, 1923

ד. לידער
ניו יאָרק, 1926

ה. ליריק
מאָנטרעאָל, 1930

ו. מיין ניגון
מאָנטרעאָל, 1934

ז. די דריטע סעודה
מאָנטרעאָל, 1937

ח. דאָס הויז פון די פשוטע
מאָנטרעאָל, 1940

ט. לידער און לויבן
מאָנטרעאָל, 1944

י. ספר אידיש
מאָנטרעאָל, 1950